STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06316

GEKLIBENE SHRIFTN

Arn Brodsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן בראָדסקי

געקליבענע שריפטן

קאָמיטעט פאַר אַרויסגעבן די ווערק
פון א. בראָדסקי

בוענאָס איירעס
1926

120

ביים קבר פון אהרן בראָדסקי.

(שטימונגען און מחשבות)

I

וואונדערלעך איז אין איר כח און לעבנספעאיקייט די יונגע יידישע ליטעראטור. א קינד פון א פאלק, וואס האט קיינמאל נישט קיין פעסטן באדן אונטער די פיס; איבער וועמענס קאפ עס הענגט תמיד, ווי א דאמאקלעס־שווערד, דער וואנדערשטעקן, האט זי, די יידישע ליטעראטור, זיך אינגאנצן צוגעפאסט צו דער פסיכאלאגיע און לעבנס־תנאים פון איר פאלק, און איז געווארן ווי א פליענדיקער בליענדיקער בוים. וואס איז אבער גלייכצייטיק אויך א גרויסער מסתפק במועט: און נאכפליענדיק א וועלכן נישט איז טייל פונם פאלק אין זיין איבערוואנדער, איז אים גענוג א קליין ביסעלע זון, עטוואס פרייע לופט, א שטיקעלע באדן — און דער בוים האט שוין זיין יניקה און פארווארצלט זיך און צעצווייגט זיך, — און א נס געשעעט איבער נאכט: ווי דער לעגענדארישער אהרנס שטעקן, צעבליט זיך דער וואנדערשטעקן פון דער פאלקס־קולטור און ליטעראטור, און טויזנטער פארמאטערטע געמיטער קומען שעפן רו אונטער זיין צערטלענדיקן שאטן.

אזוי האט אין משך פון איין פאר דורות זיך פינקלענדיק צעשפרייצט און שלאגט מיט דערקוויקנדיקע פאנטאנען דאס שיינע יידישע ווארט פונם ניעמאן ביזן דניעפר, פונם האדסאן ביז דער סענע, פונם ווייכסל ביז די אייביק־גרינענדיקע ברעגן פון לא־פלאטא... און ווייטער און ברייטער: וואו נאר עס לעבט און ווירקט א יידישער קיבוץ, ווי נאר ער בויט זיך אויס אפילו די קלענסטע, סוכה־מעסיקע דירת־עראי, נעמט ער גלייך אריינטראגן זיין פראצענטועלע, לויט די מעגלעכקייטן פון זיינע לעבנס־באדינגונגען, טייל אינם גרויסן אוצר פונם פאלקסשאפן, און פארנעמט זיין געהעריק ארט אין דער גרויסער, אייביקער קולטור־ און קינסטלער משפחה.

מיט א גרויסער פרייד קלאפט דעריבער דאס האַרץ פון איטלעכן יידישן ליטעראטור־ליבהאבער, וואס האט ענג פארבונדן זיין גייסטיקן גורל מיטן גורל פון דער פאלקס־קולטור, ווען עס גרייכט צו אים א נײַ בוך, אדער א נייע צייטונג פון א ווייטן יידישן קיבוץ, און ער דערפילט מיט אזא זיכערקייט, אז ס'איז א פארברעכערישער ליגן, אדער, אין בעסטן פאל, א פעסימיסטישע קורצזיכטיקייט, דער ראבן־געשריי וועגן דעם אונטערגאנג פון יידיש און איר ליטעראטור.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן יענעם פריינט מיינעם (א פּשוטן יידיש־לייענער), וואס האט זיך, אומקערנדיק פון א נסיעה איבער מערב־אייראפע, גייענדיק באגינען פון וואקזאל א היים, מיך מיט אזא טומל אויפגעריסן פון שלאף און מיט אזא פרייד מיר אויסגעשטרעקט עפעס א צייטונגס־עקזעמפלאר:

— נא, זע, הירשל... — און די אויגן זיינע האבן געשטראלט פאר פרייד. דאס איז געווען דער ערשטער נומער פון א ייִדישער וואכנשריפט אין אנטווערפן!

און דער דאזיקער יונגערמאן, וואס איידער נאך ער האט זיך געזען מיט פאמיליע, לויפט ער זיך פרייען מיט א נייער יידישער צייטונג, איז נישט קיין יחיד במינו. הונדערטער און טויזנטער זענען זיי, די דאזיקע איבערגעגעבענע לייענער! זיי האבן עס מיט מאמע־צערטלעכקייט פוסטריט באגלייט די יידישע ליטעראטור פון אירע וויקעלעך אן: אין זייערע אויגן צינדן זיך עס אן טרערן פון באגייסטערונג און עכטן נשמה־ציטער, ווען פאר זיי שטייט אויף דער עסטראדע א גרויסער פאלקסדיכטער: זיי האב איך עס געזען וויינענדיק ביים קבר פון אן עלנטן שרייבער, און זיי האבן עס, פאר זייערע שווער־פארהארעוועטע גראשנס, געשטעלט די דאזיקע גייסטיקע מצבה פאר איינעם פון די וועטעראנען פון דער יידישער ליטעראטור אין דער יונגער יידישער ארגענטינע!

און איצטער, שרייבנדיק אט די שורות, ווערט מיר פלוצלינג אזויווארעם אין האַרץ. איך דערמאן מיך: מיינער א פריינט, א היגער שרייבער, האט מיר דערציילט:

אין די ערשטע טעג, ווי נאר די היגע „אידישע צייטונג" האט געעפנט אויף אירע שפאלטן דעם פאנד פאר ארויסגעבן בראדסקים ווערק, איז געקומען אין רעדאקציע א יידישער בחור, אן ערלעכער און ארעמער יגיע־כפּימניק, און האט אוועקגעלייגט אויפן טיש די גאנצע און לעצטע 20 פּע־

אהרן בראָדסקי

זאס, וואס ער האט פארמאגט — פארן „בראדסקי פאנד". מיט גרוים מי איז געלונגען אים אריינצורעדן און זיך אפדינגען ביי אים, ער זאל געבן נאר 5 פעזאס (2 דאלאר)...

און איך חזר איבער: דער דאזיקער בחור איז נישט קיין יחיד־במינו! און הונדערטער, און טויזנטער אזעלכע אנאנימען זענען אונדזער פרייד און האפענונג — און די שטארקסטע, זיכערסטע גאראנטיע פאר דער צוקונפט פון אונזער יונגער ליטעראטור: און פאר זיי זינג איך, ווי א הימן, ביים פרישן קבר פון פארשטארבענעם חבר, דאס ליד פון אונדזער גרויסער אויפלעבונג!

קוים דריי צענדליק יאר ציילט דער יידישער קיבוץ פון ארגענטינע. ס'איז ערשט 27 יאר, זייט ס'איז דא ארויס דאס ערשטע וואכנבלאט אויף יידיש („דער ווידער־קול" — ליטאגראפירט! — 1898 יאר) — און מיר האבן שוין דא אנצואווייזן אויף גרויסע, באפעסטיקטע טעגלעכע יידישע צייטונגען, וואס דארפן זיך נישט שעמען פאר זייערע שוועסטער אין איירא־פע און צפון־אמעריקע, עטלעכע פעריאדישע אויסגאבעס אין הויפשטאט און פראווינץ און אחרון אחרון חביב — א גאנצע רייע ווערק פון איינ־צלנע שרייבער אין ארגענטינע.

נישט דא איז דאס ארט צו ברענגען א ביבליאגראפישע רשימה פון די אלע ווערק, וואס זענען דא דערשינען אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאר. איינס זאל דא אבער, פארבייגייענדיק, קאנסטאטירט ווערן: דא איז א היבש ביסל אויפגעטאן געווארן אויף אונדזער ליטעראטור־פראנט, אנ־הייבנדיק פון צייטונגס־ארטיקל און בראשור וועגן ערציאונג און ענדיקנדיק מיט ליד, דראמע און דערציילונג. אויף די פארשידנסטע געביטן האט מען דא מיט פיל מי און גרוים ליבע און אפפערוויליקייט געשאפן, נישט קוקנ־דיק אויף די שווערסטע לעבנס־באדינגונגען און אויף דעם לחלוטין רויען, אומבארירטן באדן פון יידישער קולטור אין ארגענטינע.

איך וועט מיר מוחל זיין פאר מיין סאנטימענטאליטעט. ס'ווערט מיר עפעס אזוי ווארעם אין דער נשמה, ווען איך טראכט איצט וועגן פאר־שטארבענעם בראדסקי ע"ה און אויך וועגן די לעבעדיקע חברים — זאלן זיי לאנג לעבן און שאפן!

איך בין כלומרשט א „פרעמדער". נאך קלינגען אין מיינע אויערן די הארציקע ברכות פון קרובים און חברים אויפן קאוונער וואקזאל פאר מיין

אפּפּאַרן; נאָר ווײַל איך אין די פֿאַרוואָרפֿענע הינטערגאַסן פֿון בוענאָס איי־רעס דעם פּנים פֿון מײַן מאַמע־קאָוונע דערקענען... און כ׳קען נאָך פֿון איי־ראָפּע אַרויס קוקן אויף אַלץ, וואָס דאָ, אין אַרגענטינע, טוט זיך און שאַפֿט זיך, — און דעריבער אפֿשר האָב איך אַזוי ליב דעם היגן שרײַבער־קאָלעק־טיוו און זע זײַן אייגנאַרטיקייט, און פֿיל אַ באַזונדערע אַכטונג צו יעדן פֿון זיי.

איך לויף אָפּט דורך מיטן געדאַנק יענע ווײַטערע עפּאָכע, ווען ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבן שפּינען דער ערשטער פֿאָדעם פֿון שײַנער יידישער ליּ־טעראַטור. כ׳זע די ערשטע טריט פֿונם נײַעם ישוב דאָ: ס׳שטראָמען אַהער פֿון רוסלאַנד געפּײַניקטע מאַסן. מיטן גרעסטן אידעאַליזם און זעלבסט־קרבנות פּרוּווט מען זיך דאָ באַזעצן אויף דער נײַער ערד. אין די אַנט־שטײַענדיקע קאָלאָניעס ראַנגלט זיך דער ניי־יידישער פּויער מיטן היישע־ריק און איבעריקע אַנשיקעניש פֿון דער פּאַמפּאַ, און אין שטאָט וואַקסט דער עלנט. קומען די אַנטלאָפֿענע פֿון רוסלאַנד יונגע לײַט, בלײַבן אינגאַנצן אָן סביבה, אָן היימישער געמיטלעכקייט, פֿרעמדע, הילפֿלאָז אין גרויסער, אומפֿאַרשטענדלעכער שטאָט. און די „טמאָים" האָבן שוין דאָן אומגע־שטערט געאַרבייט אויף אַלע כלים. „הייזלעך" וואַקסן און לאָקערן. דער עלנט איז גרויס. שטייט דער געקומענער יונגערמאַן פֿאַר דער האַרבער פֿראַ־גע פֿון „זײַן אָדער נישט זײַן". די אינדוסטריע ליגט נאָך אין די וויקע־לעך. ווערט מען „קלאַפּער" (פּעדלער, הייסט עס) און מ׳קריכט אַלץ טיפֿער אין זומפּ פֿון גײַסטיקער ירידה. מיט דער צײַט שווימט אַרויס אויפֿן האָ־ריזאָנט דער אידעאַל פֿונם „אַלרייטניק" — זיך אַרויפֿאַרבעטן — און דאָס איז אַלץ! הויבט זיך אַלץ העכער די כוואַליע פֿון פּעדלערײַ און פֿאַרפֿלײצט אַפֿילו מענטשן, וואָס זענען נאָך ערשט נעכטן, אין זייער רוסישער היים, געווען רעוואָלוציאָנערן און אידעאַליסטן. און ס׳אַרבעט זיך אויס דער בטול־קוק אויפֿן אַרבעטס־מענטשן: „אַ שלימזל! אַ מלמד!" —

קיין קולטור־טראַדיציעס זענען נישטאָ. די פּעדלערײַ פֿאַרשלינגט אינ־גאַנצן דעם מח און די נשמה. און נאָך דער אַרבעט, פֿון אָוונט, קומט דער עלנט. קיין היים איז נישטאָ, אין האַרצן וויינט אַ טיפֿער אומעט, — שלעפּט ער — און פֿאַרשלעפּט — אין ערגעץ אַ „הייזל", וואָס ווינקט מיט גאַ־קעטן פֿרויענגוף און שרײַענדיקער מוזיק...

און דאָך —

און דאָך זענען געשאַפֿן געוואָרן יידישע ביבליאָטעקן, פֿאַרשיידענע

סאציאלע און קולטור־פאריינען — און יידישע צייטונגען! ווי הויך האט מען געדארפט זיין גייסטיק און ווי שטארק, מ'זאל נישט מיטגעשלעפט ווערן מיט דער וואקכאנאלישער כוואליע פון פעדלעריי און זנות, מ'זאל שטיין ביי די שווערסטע באדינגונגען ביי דער ארבעט, וואס האט קוים געגעבן חיונה בדוחק — און נאך חלומען און טאן עפעס פאר דער יידישער קולטור אויף אזא פארוואלאזט הפקר־באדן!

און זיי זענען בייגעשטאנען דעם נסיון, אונזערע היגע שרייבער, וואס זענען במילא אויך געווען די קולטור־און געזעלשאפטלעכע טוער, און ריין אומבאשמוצט ארויס פונם דאזיקן זומפ און אין א גרויסער מאס אפילו דעם זומפ אויסגעטריקנט און דערהויבן צו זיך, אויף וואס ס'איז אן עדות די היינטיקע יידישע ארגענטינע מיט אירע אלע קולטור־מוסדות און געהעריקן באוואוסטזיין.

זיי האבן נאך אמאל אונטערגעשטראכן דעם פאקט, אז די יידישע ליטעראטור קומט פון די מאסן, פון די ארבעטס־מענטשן מיטן ריינעם געוויסן. „א לויב און געזאנג דער מי און דער ארבעט!" — בראדסקי ע"ה איז געווען כל ימיו אן ארעמער געשטעלמאכער, און די לעבעדיקע, — זאלן לאנג לעבן! — ווער ס'איז א סטאליער, ווער א שניידער, ווער א וועבער, א שניצער, א קאלאניסט און אזוי ווייטער. אלע ערלעכע יגיע־כפימניקעס, וואס קומען נאך שווערן ארבעטסטאג אהיים — און רוען זיך אויס און שעפן פרייד און מוט אין די בלעטער פונם בוך...

א סך, א סך דארף מען נאך זאגן — און ס'וועט געזאגט ווערן — וועגן דער מארטירער־פולער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור אין ארגענטינע. נישט דא איז דאס ארט. ס'איז א געשיכטע, וואס מ'מוז זי שטודירן דא אויפן ארט און אפשר מער פילן, איידער שטודירן... און כ'וועל מיך נישט שעמען דא צו זאגן: ווען כ'בין געקומען צו זיך אין צימער נאך דער לויה פון ארעמען שטעלמאכער בראדסקי, איינעם פון די וועטעראנען פון דער היגער יידישער ליטעראטור, האב איך פיל־פיל נאכגעטראכט וועגן אלץ, וואס דא האט זיך געטאן און טוט זיך און וועגן פערזענלעכן לעבן פון די טוער —

און כ'האב מיך שטיל־שטיל צעוויינט...

II

ווי אומעטום, אזוי אויך דא אין ארגענטינע האבן די שרייבער גע־פרואווט זייערע כחות אויף פארשיידענע צווייגן פון דער בעלעטריסטיק, ביז איטלעכער פון זיי האט זיך מער־ווייניקער ענדלעך אפגעשטעלט אויף יע־נעם געביט, וואס איז אים אמנאנטסטן צום הארצן געווען און במילא — אמפאסיקסטן. אזוי האבן זיך מרדכי אלפערסאן, מאידאניק, בענדערסקי און אנדערע אפגעשטעלט אויף דער דערציילישער פראזע פונעם יידישן דארפסלעבן — פונם קאמף; ישראל העלפמאן איז געווארן דער פארשטייער פון דער געפאסטער, געשליפענער האלבפארחלומטער שטאטישער נא־וועל; נח וויטאל — דער מייסטער פון דער קורצינקער, שטארק בילדערדי־שער „טאזשער"(ווארשטאט)-סקיץ; אייזנשטיין, שטרייכער, מאשקאוויטש און אנדערע האבן זיך אפגעשטעלט אויפן ליד, און שמואל גלאזערמאן האט זיך אויסגעקליבן די פאלקסטימלעכע דראמע.

און אהרן בראדסקי? — שווער אויפן ערשטן בליק צו זאגן, וואס ס'איז געווען זיין אייגנטלעכע סטיכיע. אויף אלע געביטן פון דער שיינער ליטע־ראטור האט דער פארשטארבענער געזוכט צו קומען צום אויסדרוק. ער האט געשריבן ראמאנען, דערציילונגען, דראמעס און אפילו לידער האט ער זיך געפרואווט שרייבן און ביז אין פריציייטיקן טויט אריין זיינעם האט ער נאך אלץ נישט באוויזן זיך אפצושטעלן אויף נאר איין געביט.

שווער אויפן ערשטן קוק צו זאגן, וואס אזוינס איז בראדסקי געווען. דורכלייענענדיק און דורכשטודירנדיק בראדסקין פון אלף ביז תיו איז מיר פערזענלעך קלאר געווארן, אז דער פארשטארבענער איז אינם גרעסטן, אי־בערוועגנדיקן טייל פון זיין שאפן געווען דיכטער, פארטרוימטער ליריקער, אומעטיקער, פארליבטער טרוימער. נישט צופעליק בכן האט בראדסקי גע־זוכט א תיקון פאר זיין נשמה אין ליד!

ער האט זיך אבער אויפן ליד נישט אפגעשטעלט. זיין נשמה איז פול געווען מיט דראמאטישע קאנפליקטן, זיין פערזענלעך לעבן איז אזוי נאנט צו טראגעדיע געווען! אין שלאפלאזיקע, עלנטע נעכט האט ער געוויס נישט איינמאל געפירט שמועסן מיט זיך אליין, מיט זיין אייביקער בענקשאפט, מיט זיינע חלומות און מיט זייער אייביקן שונא — דעם וואר — און ס'האט געצייטיקט אין זיינע טיפעניש דער ד י א ל א ג, די האנדלונג, די באוועגונג אינם שנעלן אייגענעם גערעדנקען־גאנג —

און בראדסקי האט געפונען זיין תיקון אין דער דראמע, וואו דאס רוב

איז געווען דער הויפט העלד — ער אליין, אדער ער איז געווען כאטש א נאנטער קרוב צו די דורך אים ארויסגעפירטע פערסאנאזשן. און אנדערש האט ניט געקענט זיין, ווארום בראדסקי איז א ל י ר י ק ע ר געווען, א לירקער און א בעל־חלומות, וואס איז פארליבט אין זיין חלום געווען.

„דו ביזט ווי געבארן אויף צו שאפן טרוימען...‟ — זאגט אליאשע־בראדסקי, דער הויפטהעלד פון „טאמארע‟ צו טאמארען: — „כאטש זיי קענען זעלטן ווען אין אונזער לעבן פארווירקלעכט ווערן, דאך זענען זיי אינטערעסאנטער פאר דער ווירקלעכקייט...‟

פרובירט זיך אמאל בראדסקי א חלום פארווירקלעכן, גלויבט ער אליין נישט אין דעם, ווערט דאס גופא א חלום... נאך מיט 10 יאר פאר זיין טויט, זייענדיק בערך גאנץ יונג, הייסט ער זינגען דעם שיכורן „געוועזענעם‟ קינסטלער פון זיין איינאקטער „די לעצטע זינד‟:

„ווען אויף העלע פליגל האט געשוועבט
מיין יונגנט טרוים פול רום און פראכט, —
דאן האבן שטילע שאטנס שוין פארוועבט
מיין שווארצן שיקזאל אין דער נאכט‟... —

ווי ער, בראדסקי, וואלט שוין דאן געוואוסט, אז זיין שווערער גורל איז פארחתמט, אז ס׳איז אים באשערט געווארן אפצולעבן א לעבן אן ליבע, אין דחקות, און אינגאנצן א צעבראכענער זיך שטיל אויסצולעשן אין טיפסטן עלנט...

ווי שוין אויבן געזאגט, איז בראדסקי געווען נאר א לירקער און אלס אזא גיט זיך אים תמיד איין צום בעסטן אין זיין דראמע — ער אליין, אדער דער שטארק מיט אים פארקרובטער טיפ. ער זעט אלץ נאר קוקנדיק אין זיך. און זיין דראמע וואלט געווים נישט געהאט אזא באדייטונג, ווען נישט דער פליסיקער, לירישער, אפט סימוואלישער דיאלאג צווישן דעם הויפט־העלד מיט זיין לעבנס־העלדין, וואס דאס איז, אייגנטלעך, תמיד דער דיאלאג צווישן בראדסקין און זיין אייביק נישט דערגרייכלעכן חלום.

אין פארשיידענע וואריאציעס האט בראדסקי געזוכט צו געבן זיך אליין, צו געפינען דעם געהעריקן אויסדרוק פאר זיין אייביקער בענקשאפט. ע ל י א ס אין „די בוענאס־איירעסער קינדער‟, דער ש י כ ו ר

אין „די לעצטע זינד", אליאשע אין „טאמארע" — אלע און אומעטום זענען זיי איין און דער זעלביקער: דער טראגישער מענטש, וואס ווערט פארפרענט פון די אייגענע, קיינמאל קיין תיקון געפינענדיקע ליידנשאפטן און חלומות.

לירישער, טיפער און במילא טרייער פון אלע איבעריקע אווטאטיפן איז בלי ספק אליאשע, דער הויפטהעלד פון דער נישט פארענדיקטער דראמע „טאמארע", וואס איז בעצם מער פאעמע, ווי געוויינלעכע דראמע, און אין וועלכער בראדסקי האט זיכער דערגרייכט דעם קולמינאציאנס-פונקט פון זיין שאפן און ליידן.

צי איז נישט אין דעם פאלגנדיקן מאנאלאג פון אליאשע די גאנצע גייסטיקע אווטאביאגראפיע פון אהרן בראדסקי? —

„אליאשע — ווארום דאס איז דאך, אייגנטלעך, דער גאנצער אינהאלט פון בילד. א פארנאכט. די זון האלט ביים אונטערגיין און אירע לעצטע שטראלן שלאגן אפ אויף די שפיצן פון בארג. און דארט אויבן, אויף איינעם פון די בארגפעלזן, שטייט טאמארע. איר געזיכט איז געווענדעט צום האריזאנט, וואו די זון גייט אונטער: און אראפצו, נידעריקער, שטייט איינער איינגעהילט אין טונקעלן שאטן... זיינע בליקן זענען געווענדעט ארויף צום בארג. עס ציט אים אהין און עס שרעקט אים... זיין לייב איז צעשטאכן פון דערנער, אבער זיינע אויגן שמייכלען... ער שטייט ווי צוגעשמידט און קען זיין בליק פון דארטן נישט אפרייסן... און אין אט דעם איינעם האב איך מיך אליין פארקערפערט" — — —

נישט אומזיסט האט בראדסקי געארבעט איבער „טאמארע" במעט צוויי צענדליק יאר, זיך אומצייליקע מאל אומגעקערט צו איר און זי וואריאירט אויף פארשידענע אופנים — און געלאזט זי נישט פארענדיקט... דאס איז זיין ליבסט נשמה-קינד געווען, זיין אייגענע לעבנס-טראגעדיע, צו וועלכער ער האט קיינמאל דעם סוף נישט געזען און נישט געוואוסט ווי זי צו פארענדיקן, — ביז דער טויט האט אויפן געבליבענעם פרעגצייכנדיקן בלויז דעם לעצטן שווארצן סך-הכל-שטריך אונטערגעפירט — — —

אליאשע דער קינסטלער פארליבט זיך מיט דער גאנצער היילי־קייט פון זיין אומבאפלעקטער נשמה אין זיין מומע ז, טאמארע. די דאזיקע ליבע איז שוין פון אנהויב אן א האפנונגסלאזע, ווייל זי איז א פארבאמטענע. אליאשע וויל כלומרשט פון די דאזיקע צוימען נישט וויסן, אבער...

דאָס בלײַבט נאָר אין די טיפֿעגישן פֿון זײַן נשמה. אין „ל ע ב ן" גיט ער זיך אונטער און גייט אַוועק, וואָרום ער ווייסט שוין פֿון פֿריער, אַז דער זיידע (טאַמאַרעס טאַטע), וואָס האָט נאָך אַמאָל, ווען אליאַשע איז נאָך אַ קינד געווען, צעריסן זײַנע, אליאַשעס, בילדער, וועט נישט דערלאָזן צום טריאומף פֿון דער ליבע; און זי, טאַמאַרע, אינם ווייסן קלייד (אַ סימוואָל פֿון אייביק־ריינעם חלום?), וואָס וויל אים, אליאַשען זען דוקא דורך זײַן בילד, וועט אויסגיין בענקנדיק נאָך אים...

אין דער גאַנצער „טאַמאַרע" איז דאָך אַזוי בולט די טרויעריקע מיסטעריע פֿונם קינסטלער־לעבן. דאָ זײַנען נאָר פּערזאָניפֿיצירט די אַבסטראַקטע באַגריפֿן. דער זיידע, וואָס רײַסט אומבאַרחמנותדיק די בילדער פֿונם יונגן קינסטלער — דאָס איז דאָך דאָס גרויע, האַרבע וואָר־לעבן; טאַמאַרע — דער אייביקער חלום, די העכסטע און טראַגישסטע ליבע, די זיס־ווייטאַקלעכע אומענדלעכע דיכטער־בענקשאַפֿט, — און צווישן זיי ביידע פֿייניקט זיך אייביק און וואַנדערט אינם פֿאַרנאַכט אַוועק דער נישט אויסגעלייזטער קינסטלער — און לײַדט נאָכדעם שטיל, שטיל. —

אין זײַן ווײַטערדיקן עטאַפּ וועט אליאַשע זיך שוין אָפּזאָגן פֿון זײַן פּערזענלעכן לעבן און ווערן אַזוי שטיל־געלאַסן, אַז זײַן גרויסע אומגליקלעכע ליבע וועט זיך שוין קוים־קוים מערקן פֿאַר די אַרומיקע און פֿאַר זײַן אייגענער אויסדערוויילטער. אין „די בוענאָס־איירעסער קינדער" דערנענטערט זיך שוין ע ל י אַ ם צום טיף פֿון עדמאָנד ראָסטאַנס „ס י ר אַ נ אָ דע בערזשעראַק". שטיל, שווייגנדיק גייט ער נאָך זײַן געליבטער סימען, ווינשט איר פֿריער גאַנץ האַרציק גליק מיט איר חתן און נאָכדעם מיט ער זיך מיט אַלע כּוחות זי צו ראַטעווען פֿון זומפּ, נשט פֿאַרלירנדיק קיינמאָל קיין וואָרט וועגן זײַן אייגענער ליבע צו איר...

און שפּעטער... שפּעטער, ווען אַלץ וועט שוין זײַן געענדיקט, און דאָס פּערזענלעכע לעבן אויף אייביק צעבראָכן, וועט ער, עליאַם, אינם געשטאַלט פֿונם שיכור אַרומוואַנדלען איבערן נאַכטישן פּאַרק און זינגען אַ דועט מיט דער גאַסנפּרוי, וואָס איז אויך אומגעקומען פֿון אַ נישט דערגרייכלעכער ליבע צו אַ קינסטלער; וועט ער זינגען מיט איר:

„ווען אויף העלע פֿליגל האָט געשוועבט
מײַן יונגט טרוים פֿול רום און פּראַכט, —
דאַן האָבן שטילע שאָטנס שוין פֿאַרוועבט
מײַן שוואַרצן שיקזאַל אין דער נאַכט"...

און אפשר וועט ער אויף זיך אליין ארויפלייגן די הענט: אדער פון זיך צעשאסן ווערן, ווי מ י כ ל ם (אליאשעס פעטער) פאם ווייז, ווען דער וויין האט זיך צופיל צעשפילט אין איר... און אפשר וועט ער זיך פון זינען רירן, ווייל נאך טאמארען שלעפט זיך ווי א שאטן דער משוגעת, וואס איז סימוואליזירט אין דער וו א נ ז י נ י ק ע ר, וועלכע זאלבעט אים, אליאשען, פאר איר חתן...

אזוי האט בראדסקי געזען און אויפגענומען דאס לעבן. אזוי האט טאקע בראדסקים לעבן זיך צונויפגעלייגט און פריצייטיק צעשאטן גע־ווארן...

ווי איך האב שוין פריער געזאגט, איז בראדסקי אליין דער צענטער און הויפט־עסענץ פון זיין שאפן, און אלדאס איבעריקע אין זיינע דראמען איז נאר דער תפל, די נויטווענדיקע דעקאראציע און פאן צו אים און זיין גרונט־געדאנק.

אבער אויך אינם „תפל" האט בראדסקי באוויזן זיך צו שטעלן אויף א געוויסער קינסטלערישער הויך און געבן רעאליסטישע בילדער פונם יידישן לעבן אין ארגענטינע. ער האט געהאט, אויב נישט קיין צו שארפן פסיכא־אנאליטישן קוק און צו שטארקן חוש הראיה, דאך א באדייטנדיקע פארשטענדעניש פארן ארום און נישט דורכגעלאזט אומבאמערקט פאר זיך דאס יידישע לעבן אין ארגענטינע, וואס האט זיך אויף זיינע אויגן געשאפן און קריסטאליזירט.

אמת, אין צו שווארצע פארבן מאלט ער די בוענאס־איירעסער יידישע קינדער. מ'דארף אבער נישט פארגעסן, אז בראדסקי איז געקומען אהער פונקט אין דער צייט, ווען די „טמאים" זענען געווען א גאנץ באדייטנדיקער טייל פונם היגן שטאטישן קיבוץ און זנות און גנבה האבן זיך צעלייגט פראנק און פריי אין דער יידישער היגער געזעלשאפטלעכקייט. און ווי צו־טרעפנדיק ער ווארפט אן די בילדער פון די היגע שטאטישע יידישע פרנ־סות, די טיפן פונם „קוענטעניק" און קרעמער, און טאקע אויך — אין זייער צייט — פון די צעלאזטע זין און טעכטער און זייערע חברים און חברטעס!

א שיין געטריי בילדל פונם היגן ארעמען לעבן, פון דער דירות־פיין און דחקות גיט ער אין „שיפס־פריינט", וואו ער באטאנט אייגנטלעך אויך

הויפּטזאַכלעך דעם לירישן מאָמענט, דאָס קיינמאָל נישט דערגרייכטע, פאַרלאָרענע גליק...

א פיינעם חוש פאַר דער אַרומיקייט ווייזט ער אויך אַרויס אינם קאַ־טאַוועס „פאַמיליענגליק". דאָס איז אפשר נישט ספּעציפיש יידיש־אַרגענ־טינישעס; די טיפּן, הגם זיי זענען געמאָלט נאָר מיט איינציקע שטריכן, זענען אָבער בולט און לעבעדיק.

און אַז ער האָט געהאַט אַ חוש אויך פאַר ערנסטערן פּסיכאָלאָגישן נשמה־געראַנגל באַווייזט בראַדסקי אין זיינע דערציילונגען „סאָלאַניאַ" און „אייפערזוכט" (דאָס לעצטע איז אַגב אויך קענטלעך יידיש אַרגענטי־ניש). „סאָלאַניאַ" ווייזט אונדז טיילווייז בראַדסקין אין געשטאַלט פון שלומקען, — דער מענטש, וואָס האָט שוין אין קינדהייט אויסצושטיין דעם שווערן געראַנגל פון אויפוואַכנדיקע ליידנשאַפטן, וואָס טרעפן שוין, ביים ערשטן אויפבּלי, אויף דאָס פאַרבאָטענע, נישט דערגרייכבאַרע...

אַ חידוש נאָר, וואָס בראַדסקי, וועלכער האָט אַזאַ פיינעם געפיל געהאַט פאַר דעקאָראַציע אין זיינע דראַמעס, האָט גראָד אין דער אים צום האַרצן נאָנטער „סאָלאַניאַ" אַזוי ווייניק זיך אָפּגעשטעלט אויף די זאַכן און נאַטור, וואָס רינגלען אַרום אירע העלדן, און האָט, למשל, אונדז גאָר־נישט געמאָלט דאָס דאָרפישע הויז און דאָס דאָרף בכלל, וועלכע שלומקע זעט צום ערשטן מאָל, צי זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס ער, בראַדסקי, האָט זיך געאיילט צום לירישן עיקר און דערווייל האַסטיק אָפּגעפּטרט דעם אַרו־מיקן געגנשטענדלעכן תפל? — האָט ער דאָך אָבער אין „טאַמאַרע" און אין „די לעצטע זינד" באַוויזן מיט זיין, שוין אפשר צו שטאַרק, אונטער־שטרייכן די דעקאָראַציעס, ליכט און מוזיק־עפעקטן, אַז ער האָט גראָד גע־וואוסט דעם טיפן צוזאַמענהאַנג צווישן מענטש און אַרומיקייט...

בראַדסקיס שפּראַך און סטיל? — אַ פּשוטע האַלב־פאָלקסטימלעכע שפּראַך, נישט באַזונדערס רייך אין ווערטער און אויסדריקן; אַ ביסל אַ צע־צויגענער, אָפטמאָל שווערלעכער זאַץ, וווּ נישט קיין געשלייפטער. ס'זע־נען געווים אויך דאָ דעפעקטן, און אפשר נישט קיין קליינע, אין זיינע פאַרשיידענע ווערק. אָבער... ווי, וואָס דאָס איז אַ הקדמה נישט צו קיין בוך פון אַ לעבעדיקן! חסרונות דאַרף מען אַנווייזן נאָר יענעם, וואָס קען זיי פאַרריכטן און נישט איבערחזרן...

ס׳בלייבט נאָך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן בראַדסקיס פּערזענלעכן לעבן און געבן אייניקע ביאָגראַפּישע דאַטעס וועגן אים.

די עטלעכע ווערטער וועגן זיין לעבן קענען גאַנץ גוט ווערן אויסגע־דריקט מיט אַנאַטאָל פראַנס׳עס געשיכטע־פאָרמול: „געבאָרן געוואָרן, געליטן, געשטאָרבן" — אויסגעשעפּט גאַנץ בראַדסקי, ווען מ׳זאָל אין דער דאָזיקער פאָרמול נאָך ארײַנשטעלן „געשאַפן", וואָס דאָס איז אייגנט־לעך אויך א טייל פון „געליטן"...

שטיל, אומבאַמערקט פאַר קיינעם, האָט ער אָפּגעלעבט, דורכגעגאַנגען מיט שטילע טריט זיין קורץ עלנט לעבן: כ׳האָב מיך נאָכגעפרעגט ביי די נאָנטסטע חברים אונדזערע, — קיינער האָט גאָרנישט געהאַט צו דערגעבן צום קורצן ביאָגראַפישן נאָטיץ אין די צייטונגען אויף מאָרגן נאָך זיין טויט. —

זיין גאַנץ לעבן האָט זיך, קענטלעך, קאָנצענטרירט אין אים אַליין און קיינמאָל נישט אריבערגעטראָגן די ד׳ אמות פון בראַדסקי דעם פּאָרלי־טענעם, פון בראַדסקי דעם ליריקער...

איך מוז מיך דעריבער אויך באַנוגענען מיט די גאָר ווינציקע ביאָגראַ־פישע דאַטן, וואָס זענען, אין טאָג פון זיין לויה, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די היגע יידישע צייטונגען.

אהרן ב״ר זאב בראַדסקי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1877 (אָדער 1878) ביי אן אינטעליגענטער און פאַרמעגלעכער פאַמיליע אין דובאַסאַרי, כערסאָנער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען א ייד א בר אוריין, א פרומער, וואָס האָט אַלע זיינע קינדער געגעבן א יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציונג. דעם פאָטערס מסחר איז געווען אַפּדינגען סעדער און גערטנער אין דער אומגעגנט. פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך אין די גערטנער ארײַן דעם קליי־נעם אהרלען, וואָס פלעגט פאַרבלייבן אין דאָרף אַמאָל א טאָג, צוויי און מער.

יענע קינדהייט־נסיעות האָבן געלאָזט א טיפן איינדרוק אויף דעם קינפטיקן יידישן שריפטשטעלער. די גערטנער און ווייגערטנער אין דער געבענטשטער זוניקער בעסאַראַביע און כערסאָנער אומגעגנט איז געווען דער פּאָן, אויף וועלכן ס׳האָט זיך נאָכדעם א גאַנץ לעבן לאַנג געמאָלט אין די טיפענישן פונם דיכטערשן געמיט דאָס טרויעריק־שיינע, אומפאַרענדיק־טע מעשהלע פון „טאַמאַרע"; און די זוניקע דערציילונג „סאַלאַניא" איז

אויך ווארשיינלעך, אן אווטאביאגראפישער עפיזאד, וואס באציט זיך צו יענע נסיעות אין די ארומיקע דערפער.

פרי איז אהרן געבליבן א קיילעכדיקער יתום. און די פאראַרעמטע פאמי־ליע זיינע האט אים, דעם פארשייטן און אייגנארטיקן יינגל מיט רעבעלי־רנדיקע נטיות אפגעריסן פון זיין שיינעם, פארחלומטן נאטור־וועלטל און אפגעגעבן פריער פאר א „פריקאזשטיק", דערנאך פאר א בעל־מלאכה, א סטאליער — א סטעלמאך. ער האט זיך נישט געקענט האלטן לאנג אויף איין ארט — און געליטן, געליטן... אן אינדיווידועלער, אן אייגנארטיקער האט ער אויך פיל געליטן, דורכמאכנדיק א מיליטער־דינסט, פול מיט אינ־צידענטן און באשטראפונגען.

קיין ארגענטינע איז ער געקומען אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַ־פאנישער מלחמה. ער האט געארבעט זיין פאך, געהארעוועט דורך די טעג; און דורך די נעכט האט ער געארבעט איבער זיין אייגענער אויסבילדונג. גלייכצייטיק מיט זיין קומען קיין ארגענטינע הויבט זיך אן זיין ליטעראַרי־שע ארבעט. ער באטייליקט זיך כמעט אין אלע יידישע צייטונגען אין זשורנאלן, וואס זענען אין ארגענטינע דערשינען.

ווי האט זיך דאַ בראַדסקין פערזענלעך געלעבט? — ס'איז גענוג צו ברענגען א פּאר ציטאטן פון זיינעם א בריוו, וואס ער האט באלד נאך זיין קומען אהער געשריבן צו זיין קרוב ה' פנחס גאמבערג:

... „איך וואלט דיר געהאט זייער פיל, יאַ, זייער פיל צו שרייבן וועגן מיין ערשטן ווערק. עס איז ביי מיר א צו גרויסער געדאַנקענשטראם... איך ווייס נישט, פון וואס פריער אנצוהויבן. זאל איך דיר שרייבן וועגן די אומציייליקע טעג, וואס איך האב נישט דערעסן? וועגן די לאנגע ווינטער־נעכט, וואס איך בין נישט דערשלאפן? וועגן דאס לעבן מיינס אונטער די ביטערסטע אומשטענדן בייטאג אין פאבריק און ביינאכט, ביז שפעט אינדערנאכט ביים שרייבטיש"...

דאס האט ער שוין געארבעט איבער זיין „טאמאַרע". און ס'בלייבט נאר צוצוגעבן, אז אזוי איז זיין גאנץ לעבן געווען. ווען מ'זאל נאך נעמען אין אכט זיין אייביקן עלנט און פיזישע צעבראכנקייט, וואס האבן אים קיינמאל נישט געלאזט פרייער אפאטעמען הן גייסטיק, הן פיזיש, ווערן אזוי פארשטענדלעך זיינע לעצטע ווערטער, וואס ער האט געזאגט צו דער קראנקן־וועכטערין אין זיין לעצטן פרייטיק, דעם 28־טן אויגוסט 1925:

— „ז א נ ט מ י ה, פ ר י י ל י ך, ו ו י א ז ו י ש ט א ר ב ט מ ע ן ל י י כ ט ע ר ? . . .

און פרייטיק פארנאכט האט דער כשרער תמימותדיקער בראדסקי, וואס האט קיינמאל פון גליק נישט גענאסן, פון ליבע נישט טועם־טעם געווען, אויסגעהויכט זיין אייביק פארליבטע, פארבענקטע נשמה. — „פרייטיק פאר שקיעה, די צייט ווען צדיקים שטארבן"...

ליבער, טראגישער בראדסקי! דו האסט אפילו נישט דערלעבט צו דער פארווירקלעכונג פון דיין קלענערן חלום: צו זען דיינע ווערק אין בוך־פארם... ווייסטו כאטש איצטער, ווי ס'ציטערט די האנט ביי דיין אומבא־קאנטן פריינט און ס'קנוילן זיך טרערן אין זיין האלדז, ווען ער שרייבט די דאזיגע שורות און בלעטערט דורך מיטן געדאנק דיין גרויסע, שטילע טרא־געדיע? — — —

פריד צו דיין מארטירער — אש! ת. נ. צ. ב. ה.

ה. בלאָשטיין.

טאַמאַרע

(1־טער אקט פון דער נישט פארענדיקטער דראמע פון יידישן לעבן

אין רוסלאנד „ט א מ א ר ע", אדער „איז תהום פון לעבען")

פּערזאָנען:

שאול — אַן עקאָנאָם, (געוועזענער פּאַסעסאָר).

פּערל — זיין עלטערע טאָכטער.

מיכל — איר מאַן, (אַ ווייַן־הענדלער).

טאַמאַרע — שאולס יינגערע טאָכטער.

אליאָשע — שאולס אַן אייניקל, אַ מאָלער, (אַ זון פון אַ מצבה־קריצער)

ליאָווע גראָדעצקי — (אַ זון פון אַ גוטבאַזיצער).

אַנאַ — זיין מוטער.

יעפים מיכאַילאָוויטש — הויז־דאָקטאָר ביי די גראָדיעצקיס.

הירש מאַכלין — ליאָוועס שותּף.

ליזע — זיין פרוי.

ציליע — אַ דינסטמיידל ביי די גראָדיעצקיס.

אַנטאָן — אַ קוטשער.

אַ וואַנזיניגע.

געסט, דאָרפס־יידן, דאָרפס־פּויערים, פעלד־אַרבעטער, קינדער.

(אָרט פון דער האַנדלונג: דרום־רוסלאַנד. אויף אַ פאַרם, וואָס געהערט צו די גראָדיעצקיס, געפינט זיך ביי די ברעגן פון דניעסטער, וואָס טיילט פאַנאַנדער כערסאָנער און בעסאַראַביער גובערניעס.

צייט: אייניגע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה.

א הויכבּאַרגיקער בּרעג פון דניעסטער, בּאַוואַקסן מיט א נידעריקן גראָז. אויף זיין שפּיץ זעט זיך אַן אַלטער פּאַרצייטיקער שלאָס, געבּויט אין צוויי שטאָק נאָכן אַלטמאָדישן סטיל, קענטיק ווי נאָך פון דער „פּאַנש־טשענע־צייט". אויף א שטרעקע ווייט אַרויפצו, איז די גאַנצע געבּיידע אַרומגעצוימט מיט א שטיינערנעם פּאַרקן. ערטערווייז זענען די שטיינער אַרויסגעפאַלן, און דורך די אָפענע ערטער איז צו מערקן אַלטע רואינען און פּאַרוויסטונגען, ווי פאַרבּליבּענע שפּורן פון אַן אַלטער צעשטערטער פעס־טונג. אַרויפצו ווייטער, גייט דער בּאַרג אַלץ העכער און משופּעדיקער, און איז אַראָפּ צום וואַסער כּמעט ווי אָפּגעהאַקט. אויפן מיטן בּאַרג זעט זיך א ווייסער בּרייטער וועג, וואָס צעטיילט זיך אין שמעלערע וועגן. א טייל פון זיי פירן צו דערבּייאיקע גיטער. אַראָפּצו נידעריקער — שאָולס איינפאַר דאָרפיש הויז. אַרום הויז — א בּרייטער הויף מיט א נידריקן געפלאָכטע־נעם פּלויט. לינקס א טויער און א גרין געפאַרבּט טירל. פאַר דער שטוב — א גרויסע וועראַנדע, מיט א פּאָר טרעפּלעך צום אַריינגאַנג. אַרויפצו אין הויף זעען זיך אייניקע בּלומען־קוסטן, וואָס האַלטן ערשט אין אויפבּליען. פאַר דער שטוב, ניט ווייט פון אַריינגאַנג, שטייט א קליין פּירעקיק טישל און אייניקע בּענקלעך. אינמיטן הויף איז איינגעגראָבן א גרינער סלופּ מיט א לאַמטערן אויפן שפּיץ. אין א ווינקל פון הויף זעט זיך א טויבּנשלאַק, פון וואַנען עס הערט זיך פון צייט צו צייט דאָס וואָרקן פון די טויבּן. אויפן פּלויט אַרום זענען אויסגעהאַנגען פאַרשיידענע זאַכן: עמערס, קריגלעך, קאָסטעס, גראַבּלעס, א פיש־נעץ א. א. וו. — אַרום גאַנצן הויף זענען פאַר־צווייגט אַלטע אַקאַציען־בּוימער, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי דאָס הויז אויף דעם פאַרם וואָלט שוין זייער אַלט געווען.

פרילינג־צייט. א פאַרנאַכט. די זון האַלט בּיים אונטערגיין בּיים ראַנד פון בּאַרג און בּאַפאַרבּט מיט די לעצטע שטראַלן די שפּיצן פון די בּוימער און דעם אויבּערשטן טייל פון אַלטן שלאָס מיט זיינע גרויסע פענסטער, וואָס שפּיגלען זיך פון ווייטן אין פאַרשידענע קאָלירן קעגן די שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון.

בּיים אויפהויבּן דעם פאָרהאַנג, הערט זיך דאָס געזאַנג פון פעלד־אַרבּעטער, וואָס קלינגט אָפּ פון ווייט מיט א שאַרפן לאַנגן עכאָ, ווי עס וואָלט געקומען פון יענער זייט בּאַרג. פון צייט צו צייט זעט מען פאַרבּיי־גיין פעלד־אַרבּעטער.

לעבּן פּלויט, ניט ווייט פון טויער, שטייט פּערל — א יונגע פרוי פון

אַ יאָר דרייסיק. פּראָווינציעל געקליידעט. די שוואַרצע האָר גלאַט פאַר־קעמט. זי קוקט אין ווייט, ווי זי וואָלט עמיצן אפּגעוואַרט.

פון שטוב קומט אַרויס שאול. ער איז אַן עלטערער מאַן פון אַ יאָר זעכציק. זיין קאָפּ און זיין ברייטע באָרד זענען כמעט אינגאַנצן גראָ. קאַנטיק די שפּורן, אַז אַט דער מאַן איז רייך און אָנגעזען געווען און האָט אַמאָל געהאַט גוטע צייטן, נאָר זיי זענען שוין פאַרביי. ער איז אָנגעטון אין אַ לאַנגן שטובמאַנטל, אויפן קאָפּ — אַ שוואַרצע סאַמעטענע יאַר־מאַלקע, וואָס גיט צו זיין פּנים אַ ייִדיש־אַריסטאָקראַטישן אויסזען.

שאול — (דערזעענדיק פּערלען פון ווייטן) מען זעט קיינעם פון זיי ניט אָנקומען?

פּערל — (קוקט זיך אום) ניין.

שאול — (פאַרזאָרגט) איך פאַרשטיי גאָרניט. זי האָט מיר ביַיטאָג גע־זאָגט, אַז זי גייט אַריבער אויף אַ פּאָר שעה אויף יענער זייט דניעסטער. שוין באַלד נאַכט. (שווייגט אַ ווײַלע) כ׳האָב געוואָלט פריער עמיצן אַריבערשיקן נאָך איר, איז אָבער דאָס שיפל אויף יע־נער זייט, און ס׳איז אוממעגלעך צו שיפן ביי אַזאַ ווינט: ס׳יאָגן מוראַדיקע כוואַליעס אויפן דניעסטער. (זיפצט) און דאָ וואָרעם שפּעט, די נעכט זענען פינסטערע... אַ, אַ...

פּערל — (ווי איר וואָלט עפּעס אין געדאַנק איינגעפאַלן) טאַטע, ס׳קען זיין, טאַמער וועט אפשר נעכטיקן דאָרטן, ביי נחמה׳ן. זי האָט זי געוויס פאַרהאַלטן.

שאול — ס׳וואָלט מיך שוין גאָרניט גערט, ווען דאָס זאָל ניט זיין גראָדע היינט... און ווער ווייסט, וואָס איר קען איינפאַלן צו טון. זי קען נעמען און אָפּבינדן דאָס שיפל און זיך לאָזן אַליין אויפן וואַסער, אין אַט די שרעקלעכע כוואַליעס. (שוידערט) אַך, ווען איך דערמאָן זיך, גייט מיר איבער אַ גרויל איבערן לייב. איך האָב זי שוין געזען אָנקומען אַמאָל אין אַזאַ ווינט: ס׳האָט מיר אַזש די האָר פון קאָפּ אויפגעהויבן. אַ קינד זאָל פאַר קיין סכּנה ניט מורא האָבן... אַז מען זאָגט איר, לאַכט זי זיך פונאַנדער, ווי ס׳וואָלט פאַר איר אַ שפּילכל געווען. (מיט פאַרדרוס) און דו, — פאַרוואָס האָסטו זי געלאָזט איינע אַליין?

פּערל — איך האָב אפילו ניט געוואוסט, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען. (גייט צום פּלויט) אַנו, איך וועל אַ קוק טון, אפשר קומט עמיצער.

(קוקט אריבער) ניין. מען זעט קיינעם ניט. (א קורצע פויזע).

שאול — (רופט) פערל, קום נאר אהער! (ווען פערל גייט צו נענטער) ווייסט ניט, ס'איז דא היינט קיינער ניט געווען פון דארף פרעגן אויף מיר?

פערל — ניין. וואס איז? ס'האט עמיצער באדארפט קומען?

שאול — יא. ס'האבן באדארפט קומען אייניקע באלעבאטים, וואס מען שיקט זיי ארוים פון דארף. (זיפצט) א, אזא אומגליק! מע האלט אין איין טרייבן! געווען עטלעכע מנינים יידן אין דארף, איצט איז שוין קיינער ניט געבליבן. אך, גאט ווייסט, ווי אזוי אונדזער גורל וועט נאך זיין... איך וואלט שוין גערן, מיבל זאל קומען, ער זאמט זיך דארטן אזוי לאנג ביי די גראדיעצקים.

פערל — ער וועט מן הסתם באלד אנקומען, וועלן מיר שוין וויסן. וואס דארפסטו זיך אזוי פיל מצער זיין? דערוויל פון דאנען טרייבט מען אונז נאך נים.

שאול — גלויב מיר, טאכטער, אז ווען מיר וואלט עס מיך ניט אזוי פיל נעארט, כאטש אויף די עלטערע יארן איז זיך ניט אזוי גרינג ארומ־צושלעפן פון איין ארט אויפן אנדערן, נאר פאר אייך, פאר אייך!

פערל — פאר אונדז? — מיר וועלן מן הסתם ניט פארפאלן ווערן. טא־מער, חלילה, אין ערגסטן פאל, אויב עס וועט אונדז אויסקומען ארויסצוקלייבן זיך פון דער פאסעסיע, קען מען אין שטאט אויך לעבן.

שאול — (נאך א קורצן שווייגן) דו הערסט, פערל, איך האב נאך בטחון, אז מיר זאלן פארבלייבן אויף ווייטער ביי דער פאסעסיע.(זיפצט טיף אפ) ווען גאט זאל העלפן, דאס זאל אויסגעפירט ווערן...

פערל — (ווי אנשטויסנדיק זיך) ס'קען זייער מעגלעך זיין. ליאווע איז שטארק פאראינטערעסירט, אז מיר זאלן בלייבן... אויב דער שותף און די אנדערע זאלן אים נישט שטערן.

שאול — יא, אט ווענן דעם טאקע האב איך אין זינען געהאט מיט דיר צו ריידן. (זעצט זיך אוועק) הערסט פערל, דא אנומעלט, ווען ליאווע איז דא געווען, האט ער מיט מיר ווידער גערעדט און מיר דער־קלערט, אז די עלטערן זיינע וואלטן ניט געווען דאגעגן. ער וויל נאכאמאל מיט זיי איבעררייִדן. פארשטייסט, לעת־עתה האט ער מיר פארזיכערט, אז מיר בלייבן אויף ווייטער.

פערל — (נייגעריק) און וואָס האָסטו אים געענטפערט?
שאול — איך האָב אים געבעטן, ער זאָל צוקומען אין אוונט, ווען אַלע וועלן זיין, וועלן מיר אינאיינעם איבעררעדן. קען זיין, ער וועט קומען.
פערל — (דערזעט אַנקומען מיכלען דורכן טירל) אָט קומט שוין מיכל. (גייען אים אַנטקעגן).
מיכל — (ביי די פערציק יאָר. פון מיטלען וואוקס, מיט אַ פעסט־גע־בויטן קערפּער און מילד אויסזען. טראָגט אַ קורץ בערדל. אָנגעטון פּראָווינציעל. אין שטיוול מיט לאַנגע כאַלעוועס. ער זעט אויס מונטער, אויפגעלייגט). גוטן אָוונט!
שאול — גוטן אָוונט! נו, מיכל, וואָס הערט זיך? האָסט זיך אַזוי לאַנג געזאַמט!
מיכל — כ'האָב מיך געזאַמט, אָבער ניט אומזיסט. מען האָט באַדאַרפט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט. (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר).
פערל — אונטערגעשריבן! דאַנקען גאָט! (שמייכלט צופרידן).
מיכל — יאָ, דערווייל אויף אַ יאָר. נאָט, לייענט. (גיט שאולן דעם קאָנ־טראַקט).
שאול — (קוקט אַ ווײַלע אין קאָנטראַקט) זאָל זיין אויף אַ יאָר. דאַנקען גאָט דערפאַר!
מיכל — (צו שאולן) הערט איר, שווער, איצט זע איך, אַז ליאָווע איז אַ מאַלאַדיעץ! האָט איבערגעלאָזט די נעסט, וואָס זענען דאָרט געווען, און געגאַנגען אונדז באַזאָרגן. (נעמט צו דעם קאָנטראַקט און באַ־האַלט אים ביי זיך).
פערל — טאַקע אַ פיינקייט פון אים!
שאול — ער איז אינגאַנצן אין פאָטער געראָטן. איך געווען אַ דימענטע־נער מענטש. ער, עליו־השלום, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, האָט אויך פיל טובות געטון.
מיכל — דערפאַר איז זי אָבער, די מוטער זיינע, אַ מרשעת. וואָס די וועלט האָט עס ניט. הלוואי וואָלט בעסער דער אַלטער געווען גע־לעבט און טובות געטון, און זי זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט... נאָך אַ גליק, וואָס ליאָווע איז אין־דער־היים. (דערמאָנט זיך) יאָ, איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן, ער וועט דאָך דאָ זיין היינט ביי אונדז, ליאָווע.

פערל — אזוי!... (מיט א צופרידענעם שמייכל) דארף מען טאקע עפעס צוגרייטן.

שאול— זעסטו, געהאלטןווארט! (צו מיכלען) אפשר וואלט מען געקענט אריבערשיקן נאך טאמארען, איידער ס'ווערט שפעט.

מיכל — (ווי פארוואונדערט) זי איז נאך ניט געקומען?

פערל — ניין, אט דאס ריידן מיר דא וועגן איר. זי איז אריבערגענאנגען נאך ביימאג, און איז נאך גישטא. (פאר זיך) אך, ווען זי זאל ווייסן...

שאול — (ווי מיט פארדרוס) און פונקט היינט איז איר אויסגעקומען אוועקצוגיין.

פערל — מעגלעך, זי זאל נאך אנקומען. דער ווינט איז אביסל שטילער געווארן. נו, איך וועל דערווייל צוגרייטן דעם סאמאוואר. (גייט אוועק).

שאול — (אוועקזעצנדיק זיך) וואס הערט זיך, מיכל, מיטן ווייץ? האסט פארקויפט?

מיכל — פארקויפט, אבער ניט איינגאנצן. דערווייל האב איך נאר זעקס פעסער נסך פארקויפט, זייער אויף א ביליקן פרייז. איצט גראדע האב איך א קונה אויפן איבעריקן ווייץ אויך.

שאול — איך וואלט דיך בעראטן, אז איצט זאלסטו אביסל צוווארטן.

מיכל — אוודאי, איצט האב איך מיך ניט וואס צו איילן. איך בין ארומ־געגאנגען ווי אן א קאפ און ניט געוואוסט, וואס צו טון. כ'האב גע־טראכט, טאמער קומט אונדז אויס פארלאזן די פאסעסיע, וואלט איך דעם איבעריקן ווייץ געמוזט אוועקגעבן אן ריוח. נאר איצט דענק איך צוווארטן ביז אין נייעם. דאס יאר ווייזט ניט אזא גע־רעטעניש ווי פאראיארן.

שאול — אודאי, איצט מעגסטו צוווארטן (הויבט זיך אויף). איך וועל אריינגיין דערווייל אפדאווענען מעריב. (דערמאנט זיך) יא, מען וואלט באדארפט ארויפנעמען א פאר ליטרעס ווייץ פון קעלער, צייט ס'איז נאך ליכטיק. טאמער קומט דא אן עמעצער. (גייט אריין אין שטוב).

מיכל — גוט, וואס איר האט מיר דערמאנט, שווער. איך וועל גאר ארויפנעמען עטליכע פלעשער ווימאראזיק. (גייט אפ אין א צוויי־טער זייט. אין א ווײלע ארום קומט ארויס פערל, מיט א ווײס

טישטוך, פארשפרייט דאָס טישל און גייט אין שטוב).

(פון ווייטן זעט מען ארויפשטייגן אויפן בארג טאַמאַרע'ן. זי איז א שלאַנקע, בויגעוודיקע מיט לייכטע באוועגונגען. איז אלט א יאר צוואַנציק. טראָגט א העל־בלוי קלייד און א לייכטן זומערמאַנטל. אין איין האַנט טראָגט זי א באַרג־שטעקן, און אין דער אנדערער — א בינטל בלומען. זי קומט צו ביז צום שייד־וועג. בלייבט שטיין. אָטעמט אָפּ. קוקט זיך ארום. אויף א היבשער שטרעקע ווייט פון איר אין דער זעלבער ריכטונג, זעט מען אַנקומען די וואַנזיניקע. זי טראָגט א פּעקל מיט זיך. איז אַנגעטאָן אין טונקעלע אַלטע קליידער. אירע פעך־שוואַרצע האָר זיינען פאַנאַנדערגעלאָזט און ליגן צעוואָרפן איבער איר נאַקן. איר געזיכט איז בלאַס און עטוואָס צעשראָקן. אירע אויגן קוקן ווילד און אומרואיק. ווען זי דערזעט טאַמאַרען באַהאַלט זי זיך אונטער א פעלז. נאָכדעם, ווי טאַמאַרע קוקט זיך אום, דער־שרעקט זי זיך, לויפט אַוועק און ווערט פאַרשוואונדן אונטער איינעם פון די באַרג־פעלזן. טאַמאַרע לאָזט זיך אַראָפּגיין נידעריקער צום טירל פון אריינגאַנג. אין דער זעלבער צייט קומט ארויס מיכל פון שטוב מיט צוויי פלעשער, שטעלט זיי אַוועק אויפן טישל. טוט א קוק צום באַרג. דערזעענ־דיק טאַמאַרען, שרייט ער אויס מיט פרייד).

מיכל — אַ, טאַמאַרע! (רופט אין שטוב אריין) זאָג דאָרט דעם טאַטן, אַז טאַמאַרע איז געקומען. (גייט איר אַנטקעגן. פון שטוב קומען ארויס שאול און פערל, וועלכע טראָגט מיט זיך אייניקע באַקאַלן).

טאַמאַרע — (קומט אַן דורכן טירל. זי איז אביסל פאַררויטלט פון ווינט. (צו די אַנוועזנדע) גוטן אָוונט! (טוט אויס דעם מאַנטל און לייגט אים אַוועק מיטן שטעקן צוזאַמען).

— גוטן אָוונט!

שאול — אַזוי שפּעט! מיר האָבן דאָ אַזעלכע יסורים געהאַט.

פערל — מיר האָבן שוין געמיינט, דו ביזט געבליבן נעכטיקן אויף יענער זייט.

טאַמאַרע — מען האָט מיך דאָרט געוואָלט פאַרהאַלטן, ווייל סאיז קיינער ניט געווען אויף אריבערצושיפן. (שמייכלט) אַליין אריבערגעשיפט.

מיכל — און גוט האָסטו געטאָן, טאַמאַרע, וואָס דו ביזט געקומען, ווייל פונקט היינט...

טאַמאַרע — (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט) וואָס — פונקט היינט?

פערל — (מיט פרייד) דו ווייסט נאַרניט, טאַמאַרע? מיר בלייבן דאָך

אויף דער פאסעסיע. שוין אפילו אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט.

טאמארע — (מיט נייגעריקייט) ווער האט אונטערגעשריבן?

שאול — ווער זאל אונטערשרייבן? — ליאווע.

טאמארע — (ווי אין צווייפל) ליאווע??

מיכל — דו גלויבסט ניט? נא זע! אויף א יאר אונטערגעשריבן (גיט איר דאס פאפיר).

טאמארע — (קוקט א ווײַלע אין קאנטראקט. ווענדעט זיך צו פערלען) ס'איז דאס ערשטע מאל, וואס איך זע ליאוועס אונטערשריפט אויפן קאנטראקט (גיט צוריק דאס פאפיר).

שאול — פריער פלעגט דער פאטער אונטערשרייבן, נאר פון זינט ער איז נישטא, גייען אלע קאנטראקטן אויף ליאוועס נאמען. (צו מיכלען) מיכל, וועסט מיר צו וויסן טון, טאמער וועט עמיצער קומען פון דארף (גייט אין שטוב אריין).

מיכל — (אין שפאס) זאג טאמארע, ביזט באטש צופרידן, וואס מיר בלייבן אויף דער פאסעסיע? (צעשטעלט די פלעשער אויפן טיש).

טאמארע — (ווי זי וואלט אויסמיידן אן ענטפער) איך האב פריער גע-וואוסט, אז מיר וועלן בלייבן...

פערל — הערסט טאמארע, ס'קען זיין, ס'איז אין דיין מזל (קוקט אויף איר מיט פרייד).

טאמארע — (שמייכלט איראניש) אין מיין מזל?..

מיכל — (פארוואונדערט) אבער ווי אזוי האסטו דאס געקענט וויסן, טאמארע?

טאמארע — (גוטמוטיק) איך וועל אייך זאגן שפעטער... (קוקט זיך ארום, ווי זי וואלט עמיצן געזוכט. ווערט מיט אמאל ערנסטער. ווענדעט זיך צו פערלען) אבער וואו איז אליאשע, וואס איך זע אים ניט?

פערל — ער איז דארטן ביי זיין ארבעט, פארנומען מיט צייכנען. מיר דאכט, ער צייכנט שוין ווידער עפעס א ניי בילד. א גאנצן טאג זע איך אים ניט.

טאמארע — (מיט א באהאלטענעם ערנסט) ער ווייסט שוין וועגן קאנטראקט?

פערל — ניין, מיר דאכט, ער ווייסט ניט. כ'האב נאך היינט אפילו מיט

אים ניט גערעדט. ער איז א גאנצן טאג דארט פארשלאסן ביי זיך אין צימער.

מיכל — איך וועל טאקע גיין אים זאגן. אך, ווי ער וועט זיך פרייען! (גייט אפ).

טאמארע — (נאך זיין אוועקגיין. ניט זייער רואיק) כ'וויים ניט, צי ס'וועט אים פרייען...

פערל — (ניט הויך צו טאמארען) הערסט, טאמארע, איך פארשטיי ניט. שוין עטלעכע טעג האב איך עס באמערקט, ווי אליאשע גייט ארום א אומעטיקער, איז די לעצטע צייט עפעס אזוי דערווייטערט פון יעדן. היינט אינדערפרי, ווען איך האב אים אריינגעבראכט טיי, — ער איז געווען פארנומען מיט צייכנען, — האט ער זיך עפעס ווי דערשראקן פאר מיר... איך פרעג אים: אליאשע, וואס איז עס, אט דאס וואס דו צייכנסט? שווייגט ער. ענטפערט ניט. כ'פארשטיי ניט, וואס דאס זאל זיין.

טאמארע — (שטיל אבער שארף) דו, פערל, קאנסט אים נישט פארשטיין... ווייל...

פערל — יא, מיר קענען אים דא קיינער ניט פארשטיין... (ווי זי וואלט זיך דערמאנען) קום, טאמארע, וועסטו מיר העלפן עפעס צוגרייטן. קען זיין, אז ליאווע זאל באלד אנקומען (גייען אוועק ביידע צוזאמען א קורצע פויזע).

(פון שטוב קומט ארוים מיכל. נעמט איינס פון די בענקלעך, טראגט צו צום לאמטערן, שטעלט זיך ארויף אויף דעם. נעמט ארוים שוועבעלעך צום צינדן. אין דער זעלבער צייט, וואס מיכל איז פארנומען מיטן אנצינדן דעם לאמטערן, זעט מען אנקומען דורך א זייטן־טיר פון שטוב אליאשען. ער זעט אוים נאך גאר יונג, כמעט אין איין עלטער מיט טאמארען. זיין פנים אבער איז צו ערנסט פאר זיין עלטער. ער איז קענטיק אומעטיק געשטימט. נאר אין צייט פון ריידן ווערט ער מונטערע, און צייטנווייס אויך פול מיט ענטוזיאזם. ער טראגט א טונקעלן איינפאכן אנצוג. איז אן א הוט. אין האנט האלט ער א צונויפגעוויקלטן פאפיר).

אליאשע — גוטן אוונט, פעטער!

מיכל — (שטייענדיק אויפן בענקל. קוקט זיך אום) א, דו ביזט עס, אליאשע. גוטן־אוונט! (שפרינגט אראפ פונם בענקל. קוקט צום לאמטערן) אט ברענט ער שוין! אז ס'איז ניטא די לבנה, איז א

לאמטערן א יחסן...

אליאשע — (מיט א שמייכל) יאָ, ווען ער זאָל נאָר וויסן, אַז דאָס ליכט זיינס גרייכט אפילו ניט אויף יענער זייט באַרג... (ענדערט דעם טאָן) פעטער, אויב איר האָט צייט אויף א פּאָר מינוט. כ'האָב מיט אייך עפּעס צו ריידן.

מיכל — כ'בין אפילו פאַרנומען. נאָר אויב ס'איז וויכטיק.

אליאשע — יאָ, פעטער, איך האָב מיט אייך צו ריידן וועגן זייער א וויכטיקער זאַך.

מיכל — (פאַררויכערט א סיגאַר) נו, קום אהער, אליאשע, זיץ. לאָמיר הערן. (זעצן זיך אוועק איינער לעבן אַנדערן).

אליאשע — (ווי אים וואָלט זיין שווער דעם געדאַנק אַרויסצוריידן) איך זע, פעטער, אַז איך וועל עס ניט קענען אויסמיידן... ווארום סוף־כל־סוף וועט עס מוזן קומען דערצו.

מיכל — (מיט א פריינדלעכן טאָן) אָבער דערציילט, אליאשע, וואָס וועסטו ניט קענען אויסמיידן? פאַר מיר מעגסטו ריידן. (קוקט אים פריינד־לעך אָן).

אליאשע — (מיט א טיפן ערנסט) איר ווייסט דאָך, פעטער, אַז איך האַלט ביים אָפּפאָרן פון דאַנען. איך מוז אוועקפאָרן, און איך וואַרט יעדע מינוט אויף ליאָוועס ענטפער. ער וויל מיר געבן א רעקאָמענ־דאַציע. פריער האָב איך געדענקט אזוי צו פאָרן, נאָר איצט האָב איך א האָפנונג, צו קענען קומען אין א קונסט־שולע.

מיכל — (מיט צופרידנהייט) אין א קונסט־שולע: זעסטו, אליאשע, אָט דאָס געפעלט מיר אויך.

אליאשע — יאָ, און ווי ליאָווע האָט מיר איבערגעגעבן, איז עס דורך דעם זעלבן, וואָס האָט געזען מיין לעצט בילד, וועלכן כ'האָב ניט לאַנג פאַרענדיקט.

מיכל — ווייזט אויס, דיין אַרבעט איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן?

אליאשע — (ניט מערקנדיק) און ווייסט איר, פעטער, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען פאַר יענעם בילד?

מיכל — ניין, פון וואַנען זאָל איך וויסן. (מיט נייגער) יאָ, וועמען?

אליאשע — (ניט הויך) טאַמאַרען. — יאָ, זי האָט דאָס אין מיר דעם געדאַנק דערוועקט... דאָס איז געשען עפּעס אזוי ווי אומגעריכט פאַר מיר אַליין... עפּעס ווי דורך א צופאַל איז עס פאַרגעקומען...

מיכל — (פארוואונדערט) טאמארע? — —

אליאשע — (נאכדענקנדיק) יא, דאס איז געשען — „צווישן טאג און נאכט". און אזוי רופט זיך עס.

מיכל — (שמייכלט) „בין השמשות" מיינסטו. פארוואס גאר עפעס אזא נאמען?

אליאשע — (ענטפערט ניט באלד) ווארום דאס איז דאך, אייגנטלעך, דער גאנצער אינהאלט פון בילד. (קוקט אין ווייט פאר זיך און רעדט) א פארנאכט. די זון האלט ביים אונטערגיין און אירע לעצטע שטראלן שלאגן אפ אויף די שפיצן פון בארג, און דארט אויבן, אויף איינעם פון די בארג־פעלזן, שטייט טאמארע. איר געזיכט איז געווענדעט צום האריזאנט, וואו די זון גייט אונטער, און אראפצו, נידעריקער, אין טאל, שטייט איינער איינגעהילט אין טונקעלן שאטן... זיינע בליקן זיינען געווענדעט ארויף צום בארג. עס ציט אים אהין ארויף און עס שרעקט אים... זיין ליבע איז צעשטאכן פון דערנער, אבער זיינע אויגן שמייכלען... ער שטייט ווי צוגעשמידט און קען זיין בליק פון דארט אויבן ניט אפרייסן... (שווייגט א ווײלע) און אין אט דעם איינעם האב איך מיך אליין פארקערפערט.

מיכל — (ווי ניט פארשטייענדיק) דיך? און וואס האסטו דיך געהאט צו שרעקן?

אליאשע — (קוים וואס ער ברענגט ארויס די ווערטער) ווייל איך ליב טאמארען...

מיכל — (שמייכלט גוטמוטיק) נו, געווים, אן אייגענע מומע. דערצו נאך — א שיינע מומע. פארוואס זאלסטו זי ניט ליב האבן?

אליאשע — (אין פארצווייפלונג) ניין, פעטער, דאס איז ניט אזוי ווי איר מיינט... ניט דערפאר ווייל טאמארע איז מיינע א מומע. נאר ווייל מיין ליבע צו טאמארען איז אן אנדערע...

מיכל — (פארוואונדערט) אן אנדערע?

אליאשע — יא, גאר אן אנדערע. אן אנדערם מאל פארגעס איך גאר, אז טאמארע איז מיינע א מומע און איך פיל צו איר עפעס אזא ליב־שאפט, ווי זי וואלט מיינע א כלה געווען. — און אט אין דעם ליגט מיין שרעק...

מיכל — (ווי ער וואלט עס ניט ערווארט) הם... אזוי גאר. דאס איז עפעס אנדערש...

אליאשע — (ווי ער וואלט ניט געהערט זיינע לעצטע ווערטער) איר פארשטייט, פעטער, אין אן אנדער פאל וואלט אַט דאס איינענע נעקענט זיין פאר מיר א גליק, צו האבן אזא נאענטן פריינט ווי טאמארע. און אזוי — אזוי איז עס פאר מיר א פייניקונג... (איז א ווײַלע ארום). איר ווייסט, פעטער, איך וואלט וועלן ריידן מיטן זיידן וועגן דעם...

מיכל — ווי ניט פארשטייענדיק זיין געדאנק) וועגן וואס, אליאשע?

אליאשע — וועגן טאמארען. יא, איך וואלט וועלן, אז דער זיידע זאל עס וויסן... ווייל איך וויל ניט אפּנים האבן אין זיינע און אויך אין מיינע אויגן ווי א גנב... איך וואלט אים אלעס ערקלערט, וועגן אונזער ליבע, און אויך וועגן אונזער צוקונפט. יא, איך וויל הערן, וואס וועט זאגן דער זיידע.

מיכל — מיט א פריינדלעכן געלעכטער) כא־כא־כא. איך קען דיר פריער זאגן דעם זיידנס ענטפער. אליאשע, ער וועט מיינען, דו ביזט צוריק א קינד געווארן... אדער דיר איז גלאַט אזוי א קינדערשער געדאנק איינגעפאלן „זיך איינצוליבן אין א מומען" און דו אליין האסט זיך קיין רעכענונג נישט אפּגעגעבן... — אַט וואס דער זיידע וועט דיר זאגן. פאלג מיך, אליאשע, טראכט בעסער ניט וועגן דעם. מילא, מיר אז דו זאגסט דאס, — מאכט ניט אויס, אבער דער זיידע... געדענקסט, ווען ער האט צעריסן דיינע בילדער!... (דרויט מיטן פינגער).

אליאשע — (אין פארצווייפלונג) יא, דער זיידע האט אמאל צעריסן איינס פון מיינע שענסטע בילדער. „לא תעשה לך פסל" — האט ער געשריען. איך האב דאמאלסט ניט געוואלט אים ערגערן. איצט וועל איך אים דערקלערן אלעס: אז אַט דער געדאנק איז ניט פּלוצים מיר איינגעפאלן, נאר שוין פון לאנג... איך האב א לאנגע צייט נאכגעדענקט וועגן דעם מיט א פולקום קלארן פארשטאנד, און איצט איז עס דער הויפּט־ציל פון מיין לעבן געווארן... יא, פעטער, איך פיל, ווי עפעס א געהיימע האנט האט דעם גורל פון מיין צוקונפט אויף אייביק מיט טאמארען צוזאמענגעבונדן (באַהאלט דאס פנים אין די הענט און בלייבט שטיל).

מיכל — (ווי ער וואלט אים וועלן צעשטרייען אביסל, קלאפּט אים פריינטלעך אין אקסל) עך, דו רעדסט ווי א יינגל, אליאשע. דאס

דאכט זיך דיר נאר אזוי — ווייל דו ביזט אט אין דעם פאר־
ווארפענעם ווינקל אויפגעוואקסן מיט טאמארען אינאיינעם,
מיינסטו אז נאר איין טאמארע איז פאראן. אט וועסטו זען, וועסט
ארויספארן אין דער גרויסער שטאט, דארט וועסטו זען פיל שענערע
פאר איר... ס'וועט דיר קיין צייט ניט סטייען אויף זיי אלע זיך
צו באטראכטן. זיי וועלן דיר נאך אזוי דעם קאפ פארדרייען, אז דו
וועסט אין אונזער טאמארען אינגאנצן פארגעסן. אט וועסטו זען,
וועסט זיך דערמאנען, אז איך האב עס דיר געזאגט.

אליאשע — (קוקט אין וויט, רעדט פאר זיך) א, ניין, ניין, כ'וויים ניט,
כ'וויים ניט.

מיכל — דאס איז, ווייל דו ביזט פארבלענדט, אליאשע. דו ביזט אומרו־
איק, ווי דער ווײן וואס האלט אין שפילן... מע דארף לאזן דעם
ווײן אויסשפילן...

אליאשע — אבער איך האב פיל מאל געזען, ווי איר אליין, פעטער,
האט געבראכט נייעם ווײן, און האט פארשפונטעוועט די פעסער,
זיי באשלאגן מיט אייזן אזוי, אז דער ווײן זאל ניט קענען אויס־
שפילן... צו־וואס האט איר עס געטון?

מיכל — דאס באווארנט מען דערפאר, כדי דער ווײן זאל ניט פארלירן
דעם טעם. ער בלייבט דערנאך אי זים אי שטארק, און לאזט זיך
טרינקען...

אליאשע — יא, איר געדענקט, פעטער, וואס איז געשען מיט אייערן א
פאס ווײן?

מיכל — אודאי געדענק איך. וואס זשע, ס'איז א נייעס ביי דיר, אז א
פאס זאל פלאצן?

אליאשע — יא, פעטער, ביי מיר איז עס געווען א נייעס. איך בין דער־
מאלט געשטאנען פון וויטן און געקוקט, ווי דאס פאס האט זיך
געהוידלט און געקייקלט אויף אלע זייטן. עס האט זיך געצאפלט
און זיך געקערט פון איין ארט אויפן אנדערן ווי א לעבעדיקע זאך,
ביז פלוצים האבן מיט א ווילדן קראך די אנגעצויגענע רייפן זיך
צעריסן, און א רויטער שטראם האט זיך איבערן גאנצן הויף צע־
גאסן... מיר האט זיך דעמאלט געדאכט, ווי א רויטער שטראם בלוט
וואלט גערונען...

מיכל — יא, אמת, א שאדן איז עס טאקע געווען א גרויסער, אבער צו

קיין בלוט קומט עס ניט. מילא. — שוין פארפאלן, זאלן קיין ער־גערע שאדנס ניט זיין. און דו, אליאשע, טראכט ווייניקער, נעם בע־סער גרייט דיך אין וועג אריין.

אליאשע — (פאר זיך) אַ, אומגעגלעד, אומגעגלעד. (צו מיכלען) אט שוין פון עטלעכע טעג, אז איך גיי ארום ווי וואנזיניק. איך וויס, אז איך דארף אוועקפארן, נאר איך קען ניט, איך פיל מיך ווי צו־געשמידט, ווי יענער דארט אין מיין בילד, וואס קען פון ארט זיך ניט אפרייסן... (זיצט פארצווייפלט, אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענט).

מיכל — הויבט זיך אויף) נו, גענוג אליאשע, ווען מע האלט ביי אפפארן איז גלייכער וואס ווייניקער צו טראכטן.

אליאשע — יא, אבער וואס זאל איך טון, פעטער, עס איז ווייזט אויס, ביי מיר אן איינגעבארענע אייגנשאפט: איך מוז שטענדיק וועגן איר טראכטן...

מיכל — ס'קען זיין, אז ס'זאל באלד עמיצער אנקומען פון די גראדיעצקעס. איך וועל אריינגיין זאגן פערלען, זי זאל דיר צוגרייטן אלעס, וואס דו דארפסט האבן אין וועג אריין, זאלסט זיך דערנאך ניט דארפן איילן. (גייט אין שטוב אריין).

(אליאשע קוקט זיך ארום, דערנאך וויקלט ער פאנאנדער ס'פאפיר און זיצט אזוי א ווײַלע מיט אנגעשטרענגטע בליקן קוקנדיק אין דער צייכנונג. זיין פנים מינעט זיך ווײַלעוויים פון טיפן אנגסטלעכן ווייטיק. ער אטעמט שווער אפ, ראלט צענויף דאס פאפיר און בלייבט זיצן פארטראכט. פון שטוב זעט מען ארויסקומען טאמארען. זי איז איבערגעטון אין א לייכטן זומער־קלייד, אין א העלער בלוזע. דערזעענדיק פון ווייטן אליאשען, גייט זי שטיל און פארזיכטיק אונטער צו דער באנק, וואו ער זיצט. בויגט זיך עטוואס אן, און טוט א כאפ ארויס די צייכנונג ביי אים. אליאשע הויבט זיך האסטיק אויף, טוט זיך א קוק אום אהינטער).

אליאשע — (דערזעענדיק זי) אַ, ס'איז דו, טאמארע. כ'האב געמיינט...

טאמארע — (שמייכלט גוטמוטיק) האסט זיך דערשראקן, אליאשע? ווי דו ציטערסט איבער דעם... (ווייזט שמייכלענדיק אויפן בילד).

אליאשע — ניין, כ'האב דאך געוואוסט, אז ס'איז א שפאס פון דיר.

טאמארע — און ווען דאס וואלט געווען ערנסט? — (קוקט אים אין די אויגן).

אליאשע — דאָ, קען זיין, וואָלט איך געמוזט נאָר דאָ פאַרבלייבן אויף א אומבאַשטימטע צייט... אָבער גיב עס אהער, טאַמאַרע.

טאַמאַרע — (ווי זי וואָלט זיך וועלן רייצן מיט אים) וואַרט, וואַרט, אליאשע, איך וועל נאָר א קוק טון... (עפנט עטוואָס א ברעג פון דער צייכנונג, שמייכלט צו אליאשען) זאָל איך, אליאשע?

אליאשע — (מיט אן ערנסטער מינע) ניין. דו קענסט דען ניט מיינע בילדער? און אז איך האָב עס דיר ניט געוויזן — צו וואָס? — —

טאַמאַרע — (ניט וועלנדיק ערגערן) יאָ, יאָ אליאשע, וועסט עס דאָך מיר אליין ווייזן. אָבער וואַרט נאָר, איך וועל זען פונוויטן, ווי דו זעסט אויס דורכן בילד... (גייט אָפּ אייניקע טריט, שטעלט צו די צונויפגעראָלטע צייכנונג צום אויג. קוקט דורך דעם ווי דורך א פאַרגרעסער גלאָז) ווייסט, אליאשע, ווען איך קוק אזוי פונוויטן דורכן בילד, דאַכט מיר, ווי דו וואָלסט גאָר אַנדערש אויסגעזען...

אליאשע — מעגלעך.

טאַמאַרע — (צוריקגעבנדיק אים די צייכנונג) נאָ, אליאשע, ס'טוט מיר שוין באַנג...

אליאשע — (ווי ניט פאַרשטייענדיק) וואָס טוט דיר באַנג, טאַמאַרע?

טאַמאַרע — (מיט א שמייכל) דו ביזט דאָ געזעסן און געטרוימט, און איך בין געקומען און האָב דיין טרוים צעשטערט...

אליאשע — ניין, טאַמאַרע, דו קענסט שאַפן טרוימען, אָבער ניט צעשטערן...

טאַמאַרע — דאָס דענקסטו נאָר אזוי, אליאשע, ווייל דו... (בלייבט שטיל. באַטראַכט אים מיט א שמייכל אין די אויגן).

אליאשע — נו, זאָג, טאַמאַרע, האָסט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן.

טאַמאַרע — (נעמט זיין האַנט, רעדט שטיל) ווייל דו, אליאשע ביסט א טרוימער געבוירן...

אליאשע — ס'קען ווירקלעך זיין, אז מיין מוטער האָט געטרוימט, ווען זי האָט מיך געבוירן. און איך האָב דעם טרוים צוזאַמען מיט איר מילך איינגעזויגן... (פלוצלונג) אָבער זאָג מיר, טאַמאַרע — דו האָסט גוט געקענט מיין מוטער?

טאַמאַרע — (מיט א קוים מערקבאַרן שמייכל) אַן אייגענע שוועסטער, ווי אזוי זאָל איך זי ניט האָבן געקענט? צוליב וואָס פרעגסטו דאָס, אליאשע?

אליאשע — (בויגט זיך אָן עטוואס נאָענטער, קוקט איר אין די אויגן, רעדט איינגעהאַלטן) ווייסט, טאַמאַרע, דו, דו ביסט זייער ענלעך צו מיין מוטער... נאָר ווען איך זיץ אַזוי מיט דיר צוזאַמען און פיל דיין נאָענטקייט לעבן מיר, דאַן קען איך עס ניט אַזוי באַמערקן... (עטוואס ערנסטער) און מיין ליבע צו דיר, איז ניט אַזוי ווי צו מיין מוטער, נאָר גאָר אַן אַנדערע... אינגאַנצן אַן אַנדערע...

טאַמאַרע —(אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויף זיין מויל) שטיל, רייד שטי־לער, אליאשע! דו, דו מיין שוועסטערס בן יחיד... (שטיל) דו דאַרפסט ניט ריידן אַזוי הויך... דאָרט אין שטוב זענען דאָ מענטשן, זיי קענען נאָך...

אליאשע — ניין, זיי זענען ווייט פון אונז... זיי וועלן ניט דערהערן.

טאַמאַרע — (דערהערנדיק דאָס וואָרקען פון די טויבן, צו אליאשען) הער נאָר, אליאשע, ווי די טויבן וואָרקען (מאַכט זיי נאָך) מרו, מרו, מרו! (עס דערהערט זיך פּלוצלונג אַ ווייט קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָוועס. זי גייט צו צום פּלויט, שטעלט זיך אויף די קני, לייגט דעם אויער צו דער ערד און הערט זיך איין) ש—ש... מיר דאַכט, אַז יענער קומט...

אליאשע — (גייט אָפּ אייניקע טריט, קוקט זיך אַרום) ניין, ס'איז קיינער נישט, דאָס האָט דער ווינט עפּעס אומגעוואָרפן. (טוט פּלוצלינג אַ קוק צו דער וועראַנדע און גייט צו צו טאַמאַרען, נעמט זי ביים האַנט און ווייזט) אָבער זע נאָר, טאַמאַרע, אָט דאָרטן! וואָס פינקלט עס אַזוי אויפן שוועל?

טאַמאַרע — (איינקוקנדיק, צעלאַכט זיך מונטער) כאַ־כאַ־כאַ... דאָס פינקלט דאָך די פּאַדקאָווע, וואָס איז דאָרטן צוגעשלאָגן.

אליאשע — (האַלטנדיק פעסט איר האַנט, רעדט ווי אין טרוים) יאָ, יאָ, וואָס מער מ'טרעט אויף איר, אַלץ מער פינקלט זי... זעסט, טאַמאַ־רע, אָט יענע אייזערנע פּאַדקאָווע אויפן שוועל פון דער טיר... דו גייסט דאָך פיל מאָל פאַרביי און שטויסט זיך אָן מיטן פוס אויף איר... פילט זי עס דען, די טויטע פּאַדקאָווע, פילט זי עס דען? (מיט ווייטיק) אַ, ווען איך וואָלט קענען אויף עפּעס אַ וואונדער־לעכן אופן אַרויסרייסן מיין האַרץ פון זיך און עס אַוועקלייגן דאָרטן, אויפן אָרט פון יענער פּאַדקאָווע!.. (גייט לאַנגזאַם צוריק צום באַנק).

טאמארע — (וויך, מיט ווייטיק) נו, גענוג, אליאשע... איך וואלט בע־
סער געוואלט זען אט דאס בילד, איידער דו פארסט אוועק.

אליאשע — (ווייזנדיק אויף דער צייכנונג) נאר דיר, טאמארע, האב איך
עס צו פארדאנקען...

טאמארע — (שמייכלט) מיר? און איך האב עס אפילו נאך נישט
געזען...

אליאשע — דאס איז א צייכנונג, וואס דארף ערשט באארבעט ווערן.
אבער, איך וועל עס דיר ווייזן.

(אליאשע וויקלט פונאנדער די צייכנונג, גייט צו צום לאמטערן, הענגט
עס דארטן אויף געגנאיבער טאמארען.

דאס בילד שטעלט פאר די לאנדשאפט פון דער פאסעסיע. א פאר־
נאכט. די זון איז נאר וואס אונטערגעגאנגען, הינטער איינעם פון די בערג
שפיצן. פון ווייטן געגנאיבער זעט זיך דאס געשטאלט פון א יונגער פרוי,
איינגעהילט אין דורכזיכטיקן טול. אירע בליקן זענען געווענדעט צום
פורפור־רויטן האריזאנט. עטוואס ווייטער הינטער איר איז קוים צו מערקן
ווי דורך א נעפל דאס געשטאלט פון דער וואנזיניקער. אראפצו ניי־
דעריקער זעט זיך דער פראפיל פון א יונגנמאן אין צעריסענע קליידער, דורך
וועלכע עס זעט זיך ערטערווייז ארוים זיין נאקעט לייב, וואס איז צעשטאכן
פון דערנער... נאר זיינע אויגן שמייכלען און זענען געווענדעט ארויף —
צום פרויענגעשטאלט אויפן בארג).

טאמארע — (באטראכט דאס בילד) דאס האסטו, אליאשע, פון זיך
שוין אביסל געענדערט... מיר דאכט, דו האסט מיך קיינמאל אזוי
נישט געזען...

אליאשע — (צוגייענדיק צו איר נענטער) איך האב דיך יא אמאל אזוי
געזען, טאמארע. איין איינציק מאל. (ראלט צונויף די צייכנונג,
זעצט זיך אוועק אויף דער באנק. אין דער זעלבער צייט זעט מען
אנקומען דורכן טירל די וואנזיניקע. זי שלייכט זיך שטיל אריין.
זיי באמערקן זי ניט. זי שטעלט זיך אוועק הינטער דער פארענץ
פון באנק, וואו זיי זיצן און רעדן).

טאמארע — (נייגעריק) ווען איז עס געווען, אליאשע?

אליאשע — אנו, דערמאן זיך, טאמארע, איך וויל, דו זאלסט זיך אליין
דערמאנען...

טאמארע — (דערהערנדיק א ליכטן שארך הינטער אירע פּלייצעס, גיט זיך א קוק אום אהינטער. דערזעט די וואנזיניקע. ווי איבערראַשט) א, זי איז שוין ווידער דא, די משוגענע! כ'האב דאך דיר געזאגט, אז דו זאלסט ניט קומען, ווען איך רעד מיט אליאשען... (טרייבט זי) גיי! אוועק פון דאנען!

די וואנזיניקע — (מיט א פארצווייפלט קול) א שוועסטער! אז אייגענע שוועסטער טרייבט מען אוועק? (שטעלט אן אויף איר אי־רע ווילדע גרויסע אויגן).

אליאשע — (אפּהאלטנדיק טאמארען) לאז זי צורו, טאמארע, איך בעט דיך.

טאמארע — (מיט צארן) אבער זי גייט מיר נאך ווי א שאטן. אומע־טום פארפאלגט זי מיך, מיט אירע אויגן פון א וואלף, וואס וואלט מיך װעלן איינשלינגען...

אליאשע — ווארט צו, טאמארע, איך וועל זי אוועקפירן, זאל זי זיין פון ווייטן. כ'וועל איר עפּעס געבן, א פּאר בלייפעדערס, זאל זי זיך שפּילן, די ארעמע... זאל זי עפּעס אויסמאלן, און אליין מיט דעם זיך פרייען... (נעמט אן מיט צערטלעכקייט די וואנזיניקע ביי דער האנט, פירט זי אוועק אין א זייט, גיט איר בלייפעדערס און פּאפּיר. טאמארע קוקט פון ווייטן מיט א זיגערישן שמייכל).

די וואנזיניקע — (נעמט אן שטייף אליאשעס האנט. רעדט שטיל אבער שארף) זעסט אט יענע דארט, וואס שמייכלט... (ווייזט אויף טאמארען) זע, היט דיך פאר איר... זי קען דיך נאך דערהרגע־נען... איך וויל ניט זי זאל מיין חתן דערהרגענען...

אליאשע — אבער זי האט דאך גאר ניט מיט זיך, זי זאל מיך דערהרגע־נען...

די וואנזיניקע — א, זי האט א שארף, זייער א שארף געווער, וואס קען דיך אין איין אויגנבליק דערהרגענען... זע, היט דיך פאר איר... היט דיך! (דראעט מיטן פינגער).

אליאשע — יא, יא, איך וועל מיך היטן. אבער זיץ דערווייל אט דא און שפּיל זיך. (די וואנזיניקע זעצט זיך אוועק אויף דער ערד, שפּרייט אויס דאס פּאפּיר. מאלט מיטן בלייפעדער און שמייכלט צופרידן. אליאשע גייט צוריק).

טאמארע — (ווען אליאשע האט זיך צוריק אוועקגעזעצט) איך האב

מיד שוין דערמאנט, אליאשע, נאר איך ווייס ניט אויף קלאר, צי איז דאס געווען דעמאלסט... איך געדענק גוט יענעם פארנאכט, ווען איך בין אריבערגעשוואומען דעם דניעסטר: אט די משוגענע איז אויך דארטן געווען, ווייל אומעטום גייט זי מיר נאך. האב איך איר אנגעזאגט, אז זי זאל אכטונג געבן אויף מיין אנטון, וואס איך האב געלאזט ביים ברעג. און דערנאך, ווען איך בין צוריקגעשוואומען, האב איך זי מער ניט געטראפן. איך האב ארומגעזוכט די קליידער און האב זיי ניט געקענט געפינען. נאכדעם ערשט האט זי זיי מיר אליין ארויפגעבראכט. און שפעטער ביסטו אנגעקומען, יא, שפע־טער, ווען איך בין שוין כמעט געווען אנגעטון... איך געדענק עס גאנץ גוט.

א ל י א ש ע — ניין, טאמארע, איך בין נעווען דארטן ביים ברעג די גאנצע צייט, נאר דו האסט מיך ניט געזען... דאס האט זי (ווייזט צו דער וואנזיניקער) אוועקגעלייגט דיינע קליידער, און האט ווייזט אוים פארגעסן. — איך האב געוואוסט, וואו זיי זענען, נאר כ'האב ניט געוואלט אנווייזן...(לאזט אראפ דעם קאפ ווי א פארשולדיקטער).

ט א מ א ר ע — (מיט א ניט דרייסטן פארוואורף) פארוואס? —

א ל י א ש ע — (אנווייזנדיק אויפן בילד, וואס ער האלט אין האנט) ווא־רום ווען איך טו דאס דעמאלט, וואלט איך אט דאס בילד אויף אײ־ביק אנגעוואוירן... דאס איז מיר געקומען אויפן געדאנק דעמאלט, ווען איך בין דארט אויבן געשטאנען און דיך געזען צוריק שווימען... אין יענעם פארנאכט... די לופט איז געווען קיל, און ארום איז געווען אזא טיפע שטילקייט... לייכטע פורפור־וואלקן האבן זיך פארשפרייט איבערן דניעסטר און אים פארוואנדלט אין א ראזן שפיגל... און אין אט דעם וואונדערלעכן שפיגל האב איך דיך דער־זען, טאמארע... אבער איך האב געוואלט דיך זען אינגאנצן... אין דיין גאנצער אפשפיגלונג קעגן דעם ראזן אפשיין פון דער זון... און דערפאר האב איך עס געטון... אז דיין ווילסן, טאמארע... וועסט עס מיר אנטשולדיקן.

ט א מ א ר ע — ווייסט, אויף וועמען איך האב געטראכט, אליאשע?

א ל י א ש ע — ניין. אויף וועמען? אויף אט יענער? אודאי, זי ווייסט דאך ניט, וואס זי טוט... (טייט אויף דער וואנזיניקער)

ט א מ א ר ע — (מיט א לייכטן שמייכל) ניין. כ'האב געדענקט, אז דאס

האט באדארפט זיין ליאווע... איך באגעגן אים אפט דארטן ביים ברעג.

אליאשע — יא, וואס טוט ער דארטן, ליאווע? איך האב אים אויך דארטן אמאל באגעגנט. ער כאפט אפשר פיש? —

טאמארע — ניין. ער שפאצירט דארטן ארום אויפן שיפל. (שמייכלט, ווי דערמאנענדיק זיך אין עפעס) איינמאל, ווען ער האט מיך גע־זען אנקומען, האט ער צוגעשיפט צום ברעג, און מיך געבעטן זיך אויפזעצן אויפן שיפל. און דערנאך האט ער מיר געגעבן די וועס־לעס. (שמייכלט) יא, שטעל דיר פאר, אליאשע, ער האט געזאגט, אז איך קען פירן דאס שיפל בעסער פאר אים...

אליאשע — קען זיין... איך וויים, אז דיך שרעקט ווייניק וואס איבער א כוואליע פון דניעסטער, און מיר דאכט, אז דיך וואלטן אפילו די כוואליעס פון ים ווייניק געשראקן...

טאמארע — (שמייכלט) ס'איז אביסל אן אונטערשייד פון ים ביז צום דניעסטער.

אליאשע — יא, אבער ווען מען קומט איבער אזא שטורם, ווי מיר האבן דעמאלט אין אונט אויפן שיפל איבערגעלעבט... קען מען זיך שוין פארשטעלן.

טאמארע — (שמייכלט, ווי זי וואלט זיך אין עפעס דערמאנט) און איך האב נעכטן ביינאכט נאך א שטארקערן שטורם איבערגעלעבט.

אליאשע — (קוקט זי אן פארוואונדערט) נעכטן ביינאכט? — דו שפאסט, טאמארע. נעכטן האבן מיר דאך דעם גאנצן אוונט דא פארבראכט.

טאמארע — יא, אבער דאס איז געשען דערנאך, דערנאך ווען איך בין שוין געשלאפן: איך האב אזא מאדנעם חלום געזען. און מיר האט אויסגעוויזן, פונקט ווי מיר וואלטן עס אין אמתן האבן אי־בערגעלעבט...

אליאשע — (ווי ניט פארשטייענדיק) מיר? — מיר ביידע?

טאמארע — יא, נאר הער, ווי דאס איז פארגעקומען: (הויבט אן ריידן מיט א נאאיוון געלאסענעם טאן) מיר האט זיך געדאכט, אז מיר שיפן זיך ביינאכט אויפן דניעסטער, די נאכט איז אזא שטילע, א ליכטיקע געווען. און דאס וואסער האט אויסגעוויזן ווי א טייך פון זילבער, און שטיל, קוים וואס מ'האט געהערט, האט זיך אונזער

שיפל געגליטשט אינאײנעם מיט אונז איבערן זילבערנעם טײך, אלץ װײטער און װײטער. ביז ס'האט זיך שױן ניט אנגעזען די ערדנװעלט. און ארום אונז איז געװען א װײסע, א ברײטע װאַ־סער־װעלט, באגאסן מיט העלער שײן... (שװײגט א רגע) נאר פּלוצ־לינג, איז מיט אמאל פינסטער געװארן, א שטארקער װינט האט אנגעיאגט, און כװאליעס, הױכע שרעקלעכע כװאליעס האבן זיך גענומען טראגן איבער אונזער שיפל און עס געװארפן אויף אלע זײטן, ביז ס'האט אנגעהױבן אונטערצוגײן... און מיר בײדע האבן פאר שרעק זיך אנגעכאפּט אײנער אין אנדערן, אײנער אין אנדערן, און געװאלט ארױס פון שיפל, זיך צונױפגיסן אינאײנעם מיט די הױכע װאסער־בערג. נאר מיר האבן פון שיפל ניט געקאנט ארױס. און אזױ האבן מיר זיך געראנגלט און געזונקען אלץ טיפער און טי־פער, — נאר דא האב איך פּלוצלונג דערהערט קלאפּן אין טיר, איך האב אויפגעװאכט, און דערזען דורכן פענסטער, אז ס'איז שױן העל־לער טאג.

אליאשע — יא, דאס איז באמת א זעלטענער חלום, און דו, טאמארע, איך מוז עס דיר װידער זאגן: — דו ביסט װי געבױרן אויף צו שאפן טרױמען... כאטש זײ קענען זעלטן װען איז אונדזער לעבן פארװירקלעכט װערן. — דאך זענען זײ אינטערעסאנטער פאר דער װירקלעכקײט...

טאמארע — (מיט א שמײכל) אויב דאס איז פאר דיר אינטערעסאנט, אליאשע, קענסטו עס פארװענדן אויף דײנע צײכנונגען...

אליאשע — יא, איך האב נאר װאס טאקע געטראכט װעגן דעם, טא־מארע. אויב עס זאל זיך מיר אײנגעבן, דענק איך צו פארװאנדלען דעם חלום אין א בילד. עס װעט זיך רופן: „אין תהום פון לעבן".

טאמארע — פארװאס גאר „אין תהום פון לעבן"?

אליאשע — (שטארק באטאנענדיק די װערטער) װארום עס װעט פאר־שטעלן א פאראײניקונג פון צװײ נשמות, װאס ראנגלען זיך אין דער פינסטער, מיט געשלאסענע אויגן — „אין תהום פון לעבן", און װי דורך א מעכטיקן שטורם פון א שטארקער לעבנסכװאליע, װאכן זײ אויף און דערזעען פאר זיך די העלע שײן פון קאלטן טאג. —דאס, גלויב איך, װעט זײן אינטערעסאנט!

ט אַ מ אַ ר ע — יאָ, אָבער דעמאָלט וועט דאָר עס שוין ניט זיין קיין חלום, אַליאָשע...

אַ ל י אַ ש ע — (שנעל אָבער שאַרף) און דאָס וויל איך טאַקע. — איך וויל פּרואוון פאַרוואַנדלען דעם חלום אין אַ ווירקלעכקייט...

ט אַ מ אַ ר ע — (מיט נייגיריקייט) איך וואָלט נאָך געוואָלט זען אַט דאָס נייע בילד דיינס, אַליאָשע.

אַ ל י אַ ש ע — איך וואָלט עס מיט פאַרגעניגן דיר געוויזן, טאַמאַרע, נאָר איך וועל שוין קיין צייט ניט האָבן פאַר דעם...

ט אַ מ אַ ר ע — (ווי פאַרגעסנדיק זיך) פאַרוואָס וועסטו קיין צייט ניט האָבן, אַליאָשע?

אַ ל י אַ ש ע — ווייל ס'קען זיין, אַז איך זאָל נאָך היינט אָפּפאָרן פון דאַנען... איך דענק צו פאָרן מיטן דאַמפער צוזאַמען מיט די אַנדערע, וואָס מ'שיקט אַרויס פון דאָרף... (פּויזע)

ט אַ מ אַ ר ע — ווייסט, היינט בייטאָג, ווען איך בין געווען אויף יענער זייט, האָב איך ווי געפילט, אַז ווען איך וואָלט בלייבן דאָרט נעכטיקן, וואָלט איך דיך מאָרגן שוין מער ניט געטראָפן, און דערפאַר בין איך אַריבערגעקומען...

(עס דערהערט זיך גאַנץ נאָענט לעבן טויער אַ קלאַנג פון גלעקלעך. זיי קוקן זיך אום)

אַ ל י אַ ש ע — (הויבט זיך אויף. רעדט שטיל.) איך דאַנק דיר, טאַמאַרע. (בויגט זיך אַז און קושט איר שטערן, טוט אַ קוק צום טויער) אַט דאָ, מיר דאַכט, קומען זיי שוין... כ'וועל אַריינגיין מיך צוגרייטן... (גייט אין שטוב אַריין. פּויזע.)

צום טויער זעט מען צוקומען ל י אַ ו ו ע ן. נאָך אים גייט נאָך אַנטאָן זיין קוטשער. ליאָווע איז אַ לעבהאַפטער יונגערמאַן, פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, פון מיטל-הויכן וואוקס, גלאַט געראַזירט, אַ חנעוודיק געזיכט און קלוגע אויגן. טראָגט אַ רייכן עלעגאַנטן אַנצוג.

אַנטאָן איז אַן עלטערער דאָרפס-פּויער, מיט אַ רויט-פאַרשבורטן פּנים און אַ גרויסע טשופּרינע מיט גרויע האָר. ער טראָגט אַ פּאָר ברייטע הויזן, אַריינגעשטעקט אין די באַלעוועס. אַנשטאָט אַ ראָק, — טראָגט ער אַ גראָב לייוונטן דאָרפס-העמד, אַריבערגעלייגט איבער די הויזן, און אויבן די וועסט. ער האָלט אַ בייטשל,

מיט וועלכן ער פאכט ארום פון צייט צו צייט.

(פון שטוב קומען ארויס: שאול, מיכל און פערל, גייען ליאוועו אנטקעגן.)

ל י א ו ו ע — (ווען ער קומט נעענטער) גוטן אוונט!

ד י א נ ו ו ע ז נ ד ע — גוטן אוונט! (גריסן זיך. ליאווע גריסט זיך ביי דער האנט מיט טאמארען)

ל י א ו ו ע — איר וועט מיר אנטשולדיקן, איך האב געוואוסט, אז איר ווארט דא אויף מיר, איך וואלט געוועז פריער צוגעקומען, נאר ס'זענען גראדע אנגעקומען מענטשן. און דא, די פאמיליעס, וואס מ'האלט ביים ארויסשיקן, איך האב זיי אויך באדארפט מיט עפעס באזארגן

ש א ו ל — יא, ליאווע, ז י י זענען אודאי בילכער, א דאנק, וואס דו האסט זיך מטריח געווען.

פ ע ר ל — (טראגט אים צו א בענקל) זיצט, ליאווע! איר וועט טרינקען טיי?

ל י א ו ו ע — א דאנק! (זעצט זיך אוועק) כ'האב נאר וואס געטרונקען.

מ י כ ל — אבער א גלאז ווימאראזיק וועט איר דאך טרינקען, ליאווע? אט דער ווימאראזיק איז אזוי געשמאק, אז ער בעט זיך ממש, מ'זאל אים טרינקען. (גיסט אן עטלעכע גלעזלעך) איר ווייסט דאך, אז איך בין א מבין!

ש א ו ל — (ווענדעט זיך צו ליאווען) הערסט, ליאווע, איצט זע איך, אז א מענטש טאר דעם בטחון ניט אנווערן. ווען חלילה ס'קומט אונז אויס זיך ארויסצוציען פון דאנען, הויב איך גאר ניט אן צו וויסן, צו וואס פאר א פרנסה איך וואלט מיך גענומען, אז איך האב גע־וואוינט כל ימי אט דא אין דארף, איך האב שוין דא איבערגעהאט אלערליי צייטן. נאך דעמאלט, ווען איך האב אליין געהאלטן די פאסעסיע, איר אלע האט עס שוין ניט פארכאפט, איר זענט נאך דעמאלט גאר קליינינקע געווען, זי, דאס ווייב מיינס, עליה השלום, האט דיך, ליאווע, נאך אויף אירע הענט געטראגן. און איצט, אז גאט האט געהאלפן, די קינדער זענען אונטערגעוואקסן, און מ'וואלט אפשר געקענט דערלעבן א ביסל נחת, האט מען פלוצלונג אנגע־הויבן טרייבן.

ליאווע — איר מעגט גאַנץ זיכער זיין, אַז קיינער וועט אייך איצט ניט באַאומרואיקן. (טרינקט) פאַר אייער געזונט!

פערל — טרינקט געזונט!

ליאַוווע — (שטעלט אַוועק דאָס גלאָז) דער קאָנטראַקט איז אונטערגע־שריבן דערוויי̈ל נאָך אויף אַ יאָר, און אויב מען וועט דאַרפן וועל איך אים פאַרלענגערן אויף ווייטער. (נעמט פאַררויכערן אַ סיגאַר, פּלוצים ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט) יאָ, וואו איז ערגעץ אֶליאַשע? איך האָב אים געבראַכט די רעקאָמענדאַציע, אַז איר ווילט זיין אַזוי גוט, רופט אים אַהער.

פערל — ער איז דאָרטן אין שטוב. ער גרייט זיך אין וועג אַריין, אַט וועל איך אים אַרויסשיקן. (גייט צו דער טיר, רופט:) אֶליאַשע, קום אַהער, מען דאַרף דיך האָבן.

אליאַשע — (קומט אַרויס פון שטוב) ווער דאַרף מיך?

ליאַוווע — (דערזעענדיק אים) אַ, אֶליאַשע! גוטן אָוונט! (גייט אים אַנט־קעגן, גריסט זיך מיט אים)

אליאַשע — גוטן אָוונט!

ליאַוווע — איצט קען איך דיך גראַטולירן, אֶליאַשע, און איך קען דיר אויך איבערגעבן אַ מיינונג פון איינעם פון די הויפּט־מבינים, וועל־כער האָט אין דיר געפונען אַ צווייטן לעוויטאַן. כאָטש איך בין אַ קנאַפּער פאַרשטייער אין דיינע בילדער, פונדעסטוועגן ווינטש איך דיר דעם בעסטן ערפאָלג. און דאָ האָב איך פאַר דיר אַ רעקאָמענ־דאַציע. (גיט איבער אֶליאַשען).

אליאַשע — איך דאַנק אייך, ליאַווע, איך האָף, אַז אייער מי וועט ניט פאַרלאָרן גיין.

ליאַוווע — און איצט, אֶליאַשע, קענסטו דיך פאַרטיק מאַכן צו דער ריי־זע. אויב דו וועסט דאַרפן, איז דאָ מיין ברישקע. איך וועל זאָגן דעם קוטשער, וועט ער דיך צופירן צו דער סטאַנציע.

אליאַשע — דאַנק, כ׳וואָלט מיך געווים ניט אָפּגעזאָגט, אָבער איך דענק צו פאָרן מיטן דאַמפּער, צוזאַמען מיט די, וואָס מען שיקט אַרויס פון דאָרף.

ליאַוווע — מיטן באַן געדויערט ווייניקער, אָבער טו ווי דו פאַרשטייסט, אֶליאַשע.

אליאשע — (צו פערלען) מומע, אז איר ווילט זיין אזוי גוט, דארט הענגען מיינע זאכן אין שאפע. גרייט זיי מיר צו. (צו ליאווען) אנטשול־דיקט! (גייט אוועק מיט פערלען)

מיכל — (צום קוטשער, וועלכער שטייט פונווייטן, דערלאנגענדיק אים א גלאז וויין) אנטאן, נא טרינק א גלעזל ווימאראזיק, באנעץ אביסל דעם האלדז.

אנטאן — (גייט צו, נעמט ס׳גלעזל) נו, פאר אייער געזונט! (טרינקט) (שטעלט אוועק דאס ליידיקע גלאז) אז אויסגעצייכנטער וויין. ספאסיבא!

ליאווע — (צו שאולן) פון דעם צעטל, וואס איר האט מיר איבערגע־געבן איינצוקויפן, האב איך דא געבראכט אייניקע זאכן (גיט אים א צעטל)

שאול — (לייענט אין פאפיר. צו ליאווען) זייער גוט! קום, מיכל, וועלן מיר אראפנעמען די זאכן. (גייען אוועק צוזאמען)

ליאווע — (נאך זייער אוועקגיין שפאצירט ארום א ווילע, קענטיק, ווי ער וואלט וועלן עפעס ריידן און קען זיך ניט באשליסן. גייט צו נא־ענט צו טאמארען) איר קענט אייך גאר ניט פארשטעלן, טאמארע, ווי איך בין צופרידן, וואס מיר האט זיך איינגעגעבן דורכצופירן דעם קאנטראקט, און איר זענט געבליבן אויף ווייטער דא אויף דער פאסעסיע.

טאמארע — מיר דאנקען אייך, ליאווע, פאר אייער מי וועגן אונדז.

ליאווע — ניין, טאמארע, ס׳איז אבסאלוט נישטא פאר וואס צו דאנ־קען, און איך וואלט זייער ניט וועלן, אז איר זאלט מיך באטראכטן, ווי אייערן א רעטער. דאס איז פון די געוויינלעכסטע צופאלן, וואס קענען פארקומען צו יעדער צייט.

טאמארע — ניין, מיר באטראכטן אייך ווי אונזערן א פריינט, ליאווע, איר האט געוויזן פארדינט אונזער פריינטשאפט.

ליאווע — (נאך א קורצן שווייגן) איך האב געוואלט אייך בעטן, טא־מארע, מיר דערלויבן צו ריידן מיט אייך אפנהערציק, ווי מיט אן אמתן פריינט...

טאמארע — (ווי ניט פארשטייענדיק) מיט פארגעניגן!

ליאווע — איך האב היינט בייטאג, ווען איר זענט געווען אויף יענער

זייט דניעסטר, דאַ גערעדט מיטן טאַטן וועגן דעם, וואָס איך האָב אייך אַמאָל געפרעגט, (רעדט מיט אַן איינגעהאַלטן קול) איר געדענקט, טאַמאַרע?

ט אַ מ אַ ר ע — (מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען) יאָ, וואָס האָט אייך דער טאַטע געענטפערט?

ל י אָ ו ו ע — ער האָט מיך געבעטן צו קומען אין אָוונט, ווען איר וועט דאָ זיין. און אַט, ווי איר זעט, האָב איך מיין וואָרט געהאַלטן. איינגעטלעך, וואָלטן מיר איצטער, אַז איר זענט דאָ צוריק געבליבן, געקענט ריידן צו יעדער צייט וועגן דעם. אָבער, ווייל עס איז איצט דאָ די געלעגנהייט...(שווייגט אַ מאָמענט) יאָ, איידער איך בין געגאַנגען אַהער, האָב איך גערעדט מיט מיין פאַמיליע און מיט מיין מוטער, זיי קענען אייך, און זענען מסכים.

ט אַ מ אַ ר ע — (ווי אין פאַרלעגנהייט. שווייגט אַ ווײַלע) ווייסט איר וואָס, ליאָווע, לאָמיר דאָס לאָזן אויף אַן אַנדער מאָל...

ל י אָ ו ו ע — (ווי ער וואָלט עס ניט דערוואַרט) פאַרוואָס נישט איצטער, טאַמאַרע? (קוקט אויף איר, און פּלוצלינג ווי אים וואָלט עפּעס אַ געדאַנק באַהערשט) — זעט, טאַמאַרע, אַזויפיל צייט אַז איך קום אַהער, און דאָך האָב איך ביז איצט ניט געוואַגט צו ריידן וועגן דעם, ביז איך האָב ניט געוואוסט אויף געוויס, אַז איר בלייבט דאָ אויף ווייטער, (מיט ענטוזיאַזם) און איצט אַז איר וועט דאָ זיין, טאַמאַרע, וועט איר זען, ווי אַלץ דאָ ביי אונדז אין דאָרף וועט ווידער אויפלעבן. מיר דענקען איצט צו גרינדן אַ שולע, אַז אַגראַר־שולע פאַר אָרעמע קינדער. איך האָב שוין גערעדט מיט אייניקע פון מיינע באַקאַנטע וועגן דעם, און אויב אייך וועט זיין איינגענעם, טאַמאַרע, קענט איר זיך אויך באַטייליקן אין אַט דער וויכטיקער אַרבעט צוזאַמען מיט אונדז.

ט אַ מ אַ ר ע — (ווי אין פאַרלעגנהייט) איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, ליאָווע, פאַר אייער פריינטלעכע איינלאַדונג, און אויב ס'וועט נויטיק זיין, וועל איך מיך געוויס באַטייליקן, כאָטש איך קען כמעט קיינעם ניט פון אייערע פריינט און פון אייערע באַקאַנטע.

ל י אָ ו ו ע — (מיט פרייד נעמט איר האַנט) איך וועל אייך באַקענען, טאַמאַרע, מיט אונדזער פאַמיליע און מיט אונדזערע פריינט. איך האָב,

אז אייך וועט זיין איינגענעם אונדזער געזעלשאפט. (קוקט איר אין די אויגן) און איר וועט האבן מיט וועמען צו פארברענגען. צו אונדז אין שלאס קומען דאך יעדן טאג אזויפיל מענטשן, פארשיידענע מענטשן, אז אפטמאל סטייעט נים קיין צייט מיט יעדן איינעם פון זיי צו ריידן.

ט א מ א ר ע — (ווי עס וואלט זי באהערשט עפעס א אומהיימלעכער געדאנק. שמייכלט און רעדט) יא, צו אייך אין שלאס קומען זייער א סך מענטשן, ליאווע, נאר איך פיל זיך עפעס אזוי ווייט און פרעמד פון זיי, — ווי זיי אלע וואלטן פון אן אנדער וועלט געווען.

ל י א ו ו ע — (ווי נים פארשטייענדיק) וואס ווילט איר מיט דעם זאגן, טאמארע?

ט א מ א ר ע — (גוטמוטיק) וואס קען איך זאגן וועגן פרעמדע מענטשן? (מיט א נאאיוו־צעשראקענעם טאן) איר ווייסט, ליאווע, איך האב מיך אזוי פיל שרעקלעכע זאכן אין מיין קינדהייט אנגעהערט פון די אלטע שלעסער. איך געדענק קליינערהייט, ווען איך פלעג אמאל אין א פינסטערער נאכט ארויסגיין פון שטוב, און א קוק טון אהין ארויף, צום אלטן שלאס, דארטן, וואו איר וואוינט, פלעג אויף מיר עפעס אזא מורא אנפאלן... ס'האט מיך עפעס אזוי געשראקן...

ל י א ו ו ע — (לאכט מונטער) כא, כא, כא, געשראקן! פאר וועמען? נו, געווים, פאר א קינד, ווי איר אליין זאגט, טאמארע, איז עס גאנץ נאטירלעך. (נעמט איר האנט) איצט אבער, ווען איר וועט האבן די געלעגנהייט צו זיין ביי אונדז אין שלאס, וועט איר זאגן, טאמארע, אז עס איז גאר נים אזוי שרעקלעך, ווי אייך האט זיך דעמאלט אויסגעוויזן. (קוקט אויפן טאשנזייגער) איך מוז באלד אוועקגיין, טאמארע, און איך וואלט וועלן האבן אייער צושטימונג אויף צו ריידן מיטן טאטן.

ט א מ א ר ע — (מיט אראפגעלאזטע ברעמען. שווייגט. עס קומען ארוים פון שטוב: שאול, מיכל, פעסל און אליאשע מיט א רענצל אין האנט)

א ל י א ש ע — (צו שאולן) נו, זיי געזונט, זיידע, און זיי מיר מוחל, טאמער האב איך אמאל עפעס געטון געגן דיין ווילן, בלייב געזונט!

ש א ו ל — פאר געזונט, אליאשע, און זיי מצליח! (קושן זיך).

אַ ל י אַ ש ע — (צו מיכלען) זייט געזונט, פעטער! אַ דאַנק פאַרן ווייז, וואָס איר האָט מיטגעגעבן. איך דענק, אַז דאַרטן צווישן מיינע נייע קאָלעגן, דאַרפן אויך זיין מבינים אויף גוטן ווייז... זייט געזונט!

מ י כ ל — פאָר געזונט, אַליאַשע! פאַרגעס ניט אונדז צו שרייבן בריוו.

אַ ל י אַ ש ע — (צו ליאָוועו) בלייבט געזונט, ליאָווע! איך האָף, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען.

ל י אָ ו ו ע — פאָר געזונט, אַליאַשע, און האָב אַ גליקלעכע רייזע! שרייב בריוו.

אַ ל י אַ ש ע — (צו פערלען) זייט געזונט, מומע! (זי ווישט זיך די טרערן)

פ ע ר ל — פאָר געזונט, אַליאַשע! און זיי גליקלעך, וואו דו וועסט קומען! (קושט אים).

אַ ל י אַ ש ע — (צו טאַמאַרען) בלייב געזונט, טאַמאַרע! איך האָב דאָ געלאָזט אייניקע פון מיינע צייכנונגען, איך וויל דיך בעטן, זע, זיי זאָלן ניט פאַרלאָרן גיין. (מערקט ווי טאַמאַרע ווישט זיך די אויגן) מ׳דאַרף ניט...

ט אַ מ אַ ר ע — פאָר געזונט, אַליאַשע! און האָב דערפאָלג אין דיין אַרבעט... (נעמט אים אַרום. לאַכט דורך טרערן) מיט אַ מומע מעג מען זיך קושן... מיט אַ מומע מעג מען... (קושן זיך)

(אַלע באַגלייטן אַליאַשען אַרויס פון טויער. אין אַ ווײַלע אַרום קומען זיי צוריק. שאול גייט צוזאַמען מיט ליאָוועו, וועלכער רעדט מיט אים, אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע. טאַמאַרע גייט אום עטוואָס צעטומלט, אָבער שטאַרקט זיך צו באַהערשן).

ש אָ ו ל — (צו ליאָוועו) קום אַריין אַ ווײַלע אין שטוב, ליאָווע, נישקשה, זיי וועלן זיך דאָ ניט באַליידיקן, וואָס דו לאָזט זיי אַליין, קום אַריין!

ל י אָ ו ו ע — (צו די איבעריקע) אַנטשולדיקט! (גייט אָפּ מיט שאולן אין שטוב).

פ ע ר ל — (זעצט זיך אַוועק מיט טאַמאַרען לעבן טישל, מיכל שפּאַצירט אַרום) הערסט, טאַמאַרע, נאָר וואָס האָב איך געהערט, ווי ליאָווע האָט פאַרגעהאַלטן דעם טאַטן וועגן דיר, איך זאָג דיר, ס׳האָט מיר אַזוי געפרייט... דעם טאַטן איז ליאָווע אויך געפעלן, און פאַר דיר, טאַמאַרע, וועט עס זיין אַ גליק, אַזוי היימיש ווי איר זענט ביידע.

שוין אין דעם אליין איז צו זען, אז איר וועט האבן א גליקלעך לעבן. (נייגעריק) נו, טאמארע, ער האט גערעדט מיט דיר? וואס האסטו אים געענטפערט? (זעענדיק, אז זי שווייגט) נו, זאל זיין... כ'האב נאר געוואלט וויסן...

מ י כ ל — (קומט צו, ווענדעט זיך צו פערלען, מיט א פריילעכן טאן) נו, איצט, פערל, האף איך, וועלן מיר האבן אן אייגענע פאסעסריז... (ווייזט אן אויף טאמארען) מ'דארף זיך אנהויבן צו צוגרייטן, דעם ווימאראזיק וועל איך שוין ניט פארקויפן, איך וועל אים באהאלטן פאר אונדז, ס'וועט זיין צו דער חתונה... הא, ווי זאגסטו, טאמארע?

ט א מ א ר ע — (אומגעדולדיק) לאזט מיך צו רו, כ'בעט אייך, און נודעט מיך ניט!

מ י כ ל — וואס איז? ס'פאסט דיר אפשר ניט צו זיין א פאסעסריז?

פ ע ר ל — לאז צורו, מיכל, זעסט דאך, אז זי איז עפעס אומרואיק, זי וויל מיר אויך ניט ענטפערן...

ט א מ א ר ע — (אויפגערעגט) אבער וואס ווילט איר פון מיר? וואס ווילט איר פון מיר?!

(פון שטוב קומען צוריק ארויס שאול מיט ליאווען, ריידן צווישן זיך. אין דער זעלבער צייט זעט מען פונוויטן, אויפן בארג, אנקומען יידן — מענער, פרויען און קינדער. א טייל מיט פעקלעך אויף די פלייצעס און לאמטערנס אין די הענט. זייער אויסזען איז ווי פון ארעמע וואנדערער, וואס זענען פון ערגעץ פאריאגט געווארן. צווישן זיי זעט מען א ל י א ש ע ן מיט א לאמטערן אין האנט. א לאנגער סיגנאל פון דאמפער פון יענער זייט בארג. די אנוועזנדע קוקן ארויף צו די וואנדערער, באגלייטן זיי מיט באדויערנדיקע בליקן. טאמארע נעמט ארויס א ווייס טיכל, מאכט מיט דעם צייכנס און לופט, אליאשע גריסט זיך צו איר פונוויטן. זי ליגט דאס טיכל צו די אויגן, נעמט ארום פערלען, טוליעט זיך צו איר, ווי זי וואלט זוכן ביי איר א טרייסט. זי רעדט קוים ארויס דורך טרערן:) א־לי־א־ש־ע!...

(פארהאנג.)

די לעצטע זינד

דראַמאַטישער עטיוד אין איין אקט.

פּערזאָנען:

דער גאסנקערער.

די גאַסנפרוי.

דער שיכור.

דעה וועכטער.

פֿאַרבייגייענדיקע.

אָרט — אין פּאַרק.

א קילער אוונט אין פּאַרק. צווישן די אַלעען זעען זיך דורך דער מאַטער שיין פון די לאַמטערנעס פאַרשידענע פאַרבייגייער, א טייל פון זיי, מידע, מיט פאַרחושכטע פּנימער, ציען זיך לאַנגזאַם. שטעלן זיך אָפּ אויף א ווײַלע און גייען פאַרביי שווייגנדיקערהייט. פון צייט צו צייט זעט מען דורכגיין עלעגאַנט געקליידעטע יונגע פּאָרלעך, וועלכע שפּאַצירן גענאַ־רעמט, ריידן און לאַכן מיט א מונטערן געלעכטער.

פון ווייט הערט זיך שפּילן אַן אָרקעסטער. נאָך די טענער בלייבט א לאַנגער דויערנדער אָפּקלאַנג אין דער נאַכטיקער שטילקייט.

אויף איינער פון די גראָז־בענק, וואָס צווישן די אַלעען, זיצט די גאַסנ־פרוי. איר געזיכט איז אָפּגעצערט און שטאַרק אָנגעפאַרבט, אַזוי, אַז צוליב די צופיל אָנגעפאַרבטע הויט איז שווער צו דערקענען איר אמת עלטער.

א יעדעס מאָל, דערהערנדיק טריט פון א פאַרבייגייער, קוקט זי זיך אום. שטעלט אָן איר געוויינלעכן „פאַנג שמייכל" אויף די געפאַרבטע ליפּן. ווינקט מיט די האַלב פאַרלאָשענע אויגן. פאַרזיכטיק נעמט זי אַרויס א קליין טאַשן־שפּיגעלע, קוקט אין דעם א ווײַלע, שמייכלט צו, נאָר פּלוצ־לונג, ווי באַהערשט פון עפּעס א געהיימען געדאַנק, רייסט זי אָפּ אירע אויגן פון שפּיגעלע און ווענדט איר בליק אויף דער מאַרמאָר סטאַטוע, וואָ־געפינט זיך ניט ווייט געגנאַיבער איר.

די סטאַטועטע שטעלט פאָר — א ליידנשאַפט־קאַמף, פאָר ליבע־פּאַריי־ניקונג פוןביידע געשלעכטער און רופט זיך: „די לעצטע זינד".

א לענגערע ווײַלע בלייבט זי זיצן אַזוי פאַרטראַכט, מיט די אויגן איינגעגראָבן אין בילד.

איר געזיכט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געשמייכלט, ווערט ביסל־עכווייז פאַרענדערט. די קנייטשן וואָס אַרום אירע ברעמען, ציען זיך צונויף, ווערן שאַרפער און טיפער, איר בליק טריבער און ערנסטער, די רויט־געפאַרבטע ליפּן פרעסן זיך צוזאַמען, קענטיק ווי דורך א שווערע פּיינלעכע פאַרצווייפלונג. זי זיפצט אָפּ א פּאָר מאָל, שפּאַרט זיך אָן מיט איין עלנבויגן אין פאַרענטש פון באַנק, הערט זיך איין אין די קלאַנגען

פון דער מוזיק, וואס דערטראגן זיך פון ווייט, בלייבט זיצן מיד, דעם קאפ צו דער פלאכער ברוסט געבויגן. פון ווייטן, דורך דער זעלבער אלעע זעט מען אנקומען דעם גאסנקערער. אויפן אקסל טראגט ער אן אייזערנע לאפעטע און א בעזעם. אין דער אנדערער האנט — א פעקל איינגעוויקלט אין א פאפיר; ער גייט לאנגזאם צו צו דער באנק, וואו עס זיצט די גאסנפרוי, נעמט ארונטער די משא פון אקסל, שפארט עס אן אין גראז־באנק.

די גאסנפרוי — (וועלכע איז געזעסן פארטראכט, קוקט זיך אום אומרואיק, דערזעענדיק אים רעדט זי אוים מיט פאראכטונג) א, אויך א גאסט!.. (רוקט זיך אפ עטוואס אין א זייט).

דער גאסנקערער — גוטן אוונט! (ווי ער וואלט נישט וואגן די ווערטער ארויסצורעדן). וועסט מיר ערלויבן זיך א ווײַלע אוועקזעצן אט דא אויף דער באנק? (לייגט אוועק דאס פעקל פון האנט).

די גאסנפרוי — וואס עפעס בעטסטו ביי מיר ערלויבניש? ס'איז מיין באנק? און ווידער איך קען מיר געפינען אן אנדערע באנק. (מאכט א באוועגונג זיך אויפצוהויבן).

גאסנקערער — (אפהאלטנדיק זי) אבער זיץ, זיץ, צו וואס אנטלויפן איבער מיר. אט זענען דארט נאך ליידיקע בענק, און איך וואלט מיך געקענט אוועקזעצן אט דארטן, אויף יענער, נאר ווייל... כ'האב דיך גראדע דערזען דא זיצן, בין איך אהער צוגעקומען... (ניט זייער הויך) פארט מיינע א געוועזענע...

גאסנפרוי — (פאר זיך שטיל) זיינע... צוגעקומען אויף צו שטערן...

גאסנקערער — (ווי פארטיידיקנדיק זיך) איך וועל דיר נישט שטערן, איך וועל נאר עפים אפעסן און וועל באלד אוועקגיין (נעמט זיך פונאנדערוויקלען דאס פעקל).

גאסנפרוי — (פאר זיך) קיין אנדער פלאץ ניט געפונען...

גאסנקערער — (נעמט ארוים פון פעקל ברויט, א שטיקל טרוקענעם קעז, שווארצע מאסלינעס און אייניקע באנאנעס. כמעט בעטנדיק צו דער גאסנפרוי) אויב דו ווילסט... איך מיין אויב ס'הונגערט דיך, נעם עס! אט האסטו ברויט, קעז, מאסלינעס, נישקשה, דארפסט זיך נישט שעמען... עס, ס'וועט זיין גענוג פאר אונדז ביידע... (פאנגט אן עסן).

ג א ס נ פ ר ו י — (מיט פאראכטונג) א דאנק! ס'הונגערט מיך ניט, (דרייט זיך אוים צו אים מיט א זייט).

ג א ס נ ק ע ר ע ר — (שניידנדיק דעם קעז) ווילסט נישט — דארף מען נישט. כ'האב געמיינט... (עסט א ווייל. שטעלט זיך אפ פלוצלינג, ווי אים וואלט עפים א געדאנק איינגעפאלן) עסן, זע איך, ווילסטו ניט, אדער דו שעמסט דיך... (שמייכלט) אפשר וועסטו עפים טרינקען?

ג א ס נ פ ר ו י — (קערט זיך אום נייגעריק) אזוי פיל געלט האסטו? (קוקט אים אן).

ג א ס נ ק ע ר ע ר — מן הסתם האב איך, ווען נישט, וואלט איך דיך נישט געפרעגט. אויב דו ווילסט, קענען מיר אריינגיין ערגעץ, איך וועל הייסן געבן, נישקשה, אויף א גלאז ביר און אפילו אויף צוויי, וועט זיך נאך געפונען ביי מיר.

ג א ס נ פ ר ו י — (הארט) ניין, דיין ביר וויל איך נישט.

ג א ס נ ק ע ר ע ר — (ווי באליידיקט) פאר וואס? דו שרעקסט זיך אפשר, מען זאל נישט דערקענען, אז איך בין דיין געוועזענער מאן?

ג א ס נ פ ר ו י — צו איך שרעק מיך, אדער נישט, דאס איז מיין זאך... נאר מיט דיר גיין — וויל איך ניט. (בייז) און לאז מיך צו־רו!

ג א ס נ ק ע ר ע ר — נויטן וועל איך דיך ניט, נאר אויב דו ווילסט, וואלט איך געקענט אהער ארויסברענגען א פלעשל ביר, דא וועט דיך קיינער נישט זען... (אין א ווײַלע ארום ווי ער וואלט זיך אין עפעס דערמאנט) יא, איך האב דיר עפעס צו דערציילן...

ג א ס נ פ ר ו י — (שלאגט אים איבער) אבער האסט דאך שוין געהערט איינמאל, אז ניין, וואס נאך ווילסטו? (שמייכלט שפאטיש) גיי, זוך דיר אפ אן אנדערע, וועמען צו קויפן ביר, נישט מיר...

ג א ס נ ק ע ר ע ר — (ווי אראפגעפאלן) נישט איז נישט... כ'האב נאר גע־פרעגט... זעסטו, דאס וואס איך וויל דיר דערציילן (אפטרייסלנדיק פון זיך די ברעקלעך) ווייסטו מיט וועמען כ'האב היינט גערעדט?

ג א ס נ פ ר ו י — (אומגעדולדיק) נו דערצייל שוין!

ג א ס נ ק ע ר ע ר — (צוזוקנדיק זיך עטוואס נענטער) היינט אינדערפרי, ווען איך בין אזוי געשטאנען און געארבעט אויפן גאס, האב איך פלוצלינג דערהערט, ווי עמעצער „צישקעט" פון ווייטן. קוק מיך

אום און זע קיינעם נישט, האָב איך מיך ווידער גענומען אַרבעטן. אָבער איך הער ווייטער ווי עמעצער רופט. און ווי איך טו אַזוי אַ קוק אויפן טראָטואַר קעגן מיר, שטייט אַ מיידל מיט אַ פּאַקעט אין האַנט און ווינקט צו מיר איך זאָל צוגיין... (מיט אַ צופרידע־נעם שמייכל) אַ נו טרעף, ווער דאָס איז געווען.

גאַסנפּרוי — טרעפן, (בייז) אָבער דערציילן שוין, אוי, וואָס פאַר אַ נודניק דאָס איז!

גאַסנקערער — (מיט פרייד) אונדזער טאָכטער מאַריע איז עס געווען!

גאַסנפּרוי — (אויפציטערנדיק) מאַריע! (באַהערשט זיך באַלד, אָבער אַלץ נאָך אומרואיק).

גאַסנקערער — (ניט מערקנדיק) יאָ, אָבער הער ווייטער.

גאַסנפּרוי — (אָפּשטויסנדיק אים פון זיך) ש־ש, רייד נישט מער, רייד נישט מער פון איר. איך קען נישט הערן איר נאָמען... (אָטעמט שווער).

גאַסנקערער — (ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען איר געדאַנק, שווייגט אַ ווײַלע, רעדט ענדלעך אַרויס) יאָ, ס'קען זיין, זי איז אפשר שלעכט געווען קעגן דיר, איך וויל זי נישט פאַרענטפערן, אָבער... זי איז דאָך נישט קיין פרעמדע, אונדזער קינד איז זי דאָך!

גאַסנפּרוי — (מיט איראָניע)?.. הם... ווי גרינג דו זאָגסט דאָס! ווי זיכער דו ביסט אין דעם...

גאַסנקערער — (מיט באַהאַלטענעם שמערץ) כ'ווייס... איך ווייס עס דאָך שוין פון לאַנג... אָבער איך האָב זי פאָרט ליב און איך האָב זי שטענדיק ליב געהאַט, סיי דעמאָלט, ווען איך האָב געהאַט פון וואַנען צו לעבן, און אויך דאַן, ווען איך האָב געהונגערט; יאָ, צו־וואָס זאָל איך לייקענען, איך האָב זי שטענדיק ליב געהאַט.

גאַסנפּרוי — יאָ, דו האָסט זי ליב געהאַט דערפאַר, ווייל זי פלעגט רחמנות האָבן אויף דיר און דיר מיטהעלפן. אָט פאַר וואָס?

גאַסנקערער — ניין, נישט דערפאַר, דאָס איז דאָך שוין געווען, ווען זי איז גרויס געוואָרן... אָבער איך האָב זי ליב געהאַט נאָך דאַן, ווען זי איז אין די וויקעלעך געלעגן. (עטוואָס איינגעהאַלטן) און דעמאָלט האָב איך דאָך שוין אַלעס געוואוסט...

גאָסנפּרוי — (איראָניש) אַלץ?... ס׳קען זיין, ווען זי וואָלט געהאַט כאָטש א טראָפּן ענלעכקייט צו דיר, וואָלט זי נישט אַזוי שלעכט געווען צו מיר.

גאָסנקערער — אָט זעסטו דאָך, צו מיר איז זי דווקא נישט שלעכט. אָט האָט זי מיר דאָ אַנומעלטן געשענקט פינף דאָלער און אַן אַנצוג. היינט האָט זי מיר ווידער געגעבן דריי דאָלער און א פּאָר געלע שיך, נאָך גאָר נייע. איך וויים נישט, פון וועמען זי האָט זיי געקראָגן...

גאָסנפּרוי — אָ, אָ, זי פּאַרדינט ווייזט אוים גאַנץ היבשלעך! (אין א מאָמענט ארום) דאָס האָסטו מיר געוואָלט דערציילן?! (מיט נייגעריקייט און ווענן מיר? ווענן מיר האָט זי דיך גאָר נישט געפרעגט?

גאָסנקערער — ניין, זי ווייסט דאָך, אז מיר לעבן נישט צוזאַמען. קען זיין, זי האָט געוואָלט פרעגן, נאָר זי ווייסט דאָך שוין פ. לאַנג, אז דו טראָגסט אויף איר א האַס, נאָך פון יענעם אָוונט...

גאָסנפּרוי — (אויפהויבנדיק זיך האַסטיק פון אָרט) נו גענוג, גענוג, דערמאָן מיך כאָטש נישט יענעם אָוונט... ווען נישט איך, ווער ווייסט, וואו זי וואָלט איצט אָנגעשפּאַרט... יאָ, דאָס האָט זי מיר צו פאַרדאַנקען.

גאָסנקערער — (ערנסטער) דיר צו פאַרדאַנקען? דערפאַר וואָס דו האָסט געבראַכט דעם „גאַסט” צו אונדז אין שטוב אריין. און...

גאָסנפּרוי — און אז יאָ, וואָס איז?.. אז זי פלעגט ברענגען אירע געסט! זעסטו, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געשטערט; פאַרקערט, און כ׳האָב איר נאָך מיטגעהאָלפן...

גאָסנקערער — (שמייכלט) יאָ, דו האָסט איר מיטגעהאָלפן — טרינקען.

גאָסנפּרוי — (ווערט אַלץ ערנסטער) נישקשה, זי פלעגט ביי מיר מער אויסטרינקען. און אויך דעמאָלט... דעמאָלט, ווען זי האָט דעם סקאַנדאַל געמאַכט... דאָס איז דען געווען א גאַסט, עפּעס א פרעמדער, וואָס היינט קומט ער און מאָרגן זע איך אים נישט מער? דאָס איז דאָך געווען איינער פון מיינע נאָענטסטע פריינט... נעמט זי, ווען יענער זיצט אַזוי און ווייסט פון גאָר נישט צו זאָגן, און

דערלאנגט אים מיט א גלאז שווארצן ביר גלייך אין פנים אריין...
און זי איז נאך גערעכט! און דאס טוט מען א מאמען! אן איי־
גענער מאמען! (אוועקמאכנדיק) אה, זאל זי גיין! (מיט פארביסע־
נעם צארן) בעסער וואלט איך זי גאר נישט געבוירן; זי איז מיר
סיי ווי קיין קינד נישט...

(פויזע — זי שפאצירט אום א קורצע ווײַלע; זעצט זיך צוריק אוועק).

גאסנקערער — (ווען זי האט זיך אוועקגעזעצט) אט זעסטו, זי וואלט
גיכער געקאנט זאגן, אז דו ביסט איר קיין מוטער נישט. איך זאג
נישט וועגן איצט, נאר נאך דעמאלט, ווען זי איז נאך אין דערהיים
געווען, וויפיל מאל פלעגט זי וויינען פאר מיר, וואס דו פאר־
טרינקסט דעם לעצטן סענט אונדזערן. דיר האט זי גאר נישט גע־
זאגט. זי האט געשוויגן... צוזאמען מיט מיר האט זי געליטן און
געשוויגן — און דאס פאריקע מאל, ווען זי האט מיך באגעגנט,
האט זי מיך דוקא געפרעגט וועגן דיר... און ווען כ'האב איר
דערציילט, ווי דו וואגלסט זיך ארום און האסט נישט, וואו א
נאכט איבערצונעכטיקן, האט זי זיך באגאסן מיט טרערן.

גאסנפרוי — (זיפצט שווער) קען זיין, פאר דיר אין די אויגן טוט
זי עס, אבער מיך — מיך מיידט זי אוים... זי וויל זיך מיט מיר
אפילו נישט באגעגענען.

גאסנקערער — (נאכדענקנדיק א ווײַלע) אט זעסטו, ווען דו וואלסט
וועלן, וואלט אנדערש געקענט זיין... זי וואלט געקענט זיין אונדזער
קינד און זי וואלט געהאט עלטערן, זי וואלט געהאט אייגענע
פריינט...

גאסנפרוי — (מיט א גיפטיקן שמייכל) און דו מיינסט אין אמתן,
אז זי נויטיקט זיך אזוי שטארק אין עלטערן? זאגסט דאך אליין,
אז זי פארדינט זיך איר לעבן אן אונדז אויך. צו־וואס־זשע דארף זי
אייגענע פריינט? פאלגט מיך, אויב דו האסט זי אין אמתן ליב,
שטיי איר נישט אין וועג, שטיי איר נישט...

גאסנקערער — (ווי אים וואלט זיין שווער ארויסצורײדן) אבער נײן...
נישט דאס איז אלץ, נישט דאס מיין איך... נישט נאר צוליב
איר...

גאסנפרוי — (קוקט אים אן פארוואונדערט) וואס דען? וואס דען מיינסטו מיט דעם?

גאסנקערער — (ניט דרייסט) כ'מיין, ווען דו וואלסט ווערן, וואלטן מיר זיך ווידער געקענט צונויפגיין, און לעבן צוזאמען ווי פריער. איצט וואלט אונדז גרינגער געווען; איך פארדין איצט פיל מער ווי פריער.

גאסנפרוי — (מיט איראניע) אזוי! דו ביסט, הייסט עס, מיט אמאל רייך געווארן, שוין נאכדעם... נאכדעם ווי איך בין אוועק?!.. א, ווי באלד אזוי וואלסטו דאך שוין געמעגט אוועקווארפן דיין פראפעסיע... (לאכט אין זיך).

גאסנקערער — גאנץ מעגלעך, איך זאל עס טאקע טון, (שפעטער) אבער דו פארגעסט, אז ווען מיר זענען זיך צונויפגעקומען, בין איך קיין גאסנקערער נישט געווען.

גאסנפרוי — אזוי הייסט עס, אז אן מיר האט זיך דיר געלעבט בעסער, צו־וואס־זשע נוצט דיר איינגאנצן אונדזער צוזאמען קומען?

גאסנקערער — (כמעט בעטנדיק) ווייל... ווייל איך וויל דיר מיטהעלפן.

גאסנפרוי — מיר העלפן?! וואס ארט עס דיך אזוי פאר מיר?

גאסנקערער — יא, ווייל איך האב רחמנות אויף דיר; איך האב שטענדיק אויף דיר רחמנות געהאט. (זיין קול ציטערט) נו, זאג, זאג אליין, צו האב איך נישט די שווערסטע ארבעט געטון, אבי דיר דאס לעבן גרינגער צו מאכן? און ווען דו ביסט פיל מאל געקומען א היים שיכור, צו האב איך דיך אמאל באליידיקט?

גאסנפרוי — (הארט) ניין, צוריק גיין וויל איך נישט. ניין, — פאר קיין פאל נישט.

גאסנקערער — דו הערסט דאך אבער, אז איך פארדין איצט גענוג אויף צו לעבן.

גאסנפרוי — (מיט א שפאטישן געלעכטער) גיי שוין, גיי דו אלטער נאר! ווילסט מיר איינרעדן! דו מיט דיינע גרויסע פארדינסטן, וואס פאר א לעבן מיר וואלטן שוין געקאנט פירן...

גאסנקערער — (נעמט ארוים געלט, ווייזט איר) אט זעסט אויב דו גלויבסט מיר נישט.

גאסנפרוי — העלף בעסער זיך אליין מיט דעם, וועט פאר דיר זיין נוצלעכער, ווי צו וועלן מיט דעם מיר העלפן.

גאסנקערער — נישט נאר דיר, נאר אויך אונדזער... אונדזער קינד...

גאסנפרוי — (מיט א ביטרע שמייכל) איי דו אלטער בעל תאוה׳ניק! ווילסט מיך אריינגארן! א יא? דאס איז אלץ צוליב זיך, צוליב זיך ווילסטו דאס אונדז צוזאמענפירן. אבער צו־וואס נוצן דיר אט די אלע פוסטע רייד, ס׳וועט סיי ווי פון דעם גאר נישט ווערן. פון דיין ארעם פארבלוטיקט געלט וויל איך קיין לעבן נישט מאכן. און... לאמיך דיר דעם אמת זאגן... איך וויל דיך נישט נארן, פאר־שטייסט? מיר איז ליבער אזוי... ליבער אזוי. זאל עס גיין ווי עס גייט... ווארים א היים איז גוט צו האבן א ריינע, נישט קיין פארמיסטיקטע... האסט מיך פארשטאנען?!

גאסנקערער — יא, אבער וואס ארט עס דיך, דערויף בין איך א קערער, און איך וועל אונדזער היים ריין האלטן... דו פארלאז נאר אט דאס פארפלוכטע גאסנלעבן...

גאסנפרוי — (שיסט פלוצלינג אויס מיט א טייוולשן געלעכטער) כא, כא, כא...

גאסנקערער — (מיט שמערץ) דו לאכסט! ענטפער מיר בעסער!

גאסנפרוי — (נאך אלץ לאכנדיק) כא, כא, כא, פארלאזן דאס גאסנ־לעבן... ווי גרינג דיר איז דאס צו זאגן! — אט דאס איז דאך דאס איינציקע! דאס אוממעגלעכסטע... (לאכט...) און דו — דו נעמסט זיך עס אונטער ריינמאכן? דיין בעזעם און אפילו דיין אייזערנע לאפעטע וועלן דערצו אויך נישט העלפן... (ענדערט פלוצלינג דעם טאן, לייגט פריינטלעך די האנט אויף זיין אקסל, רעדט צארט) פאלג מיך, לאז דיך בעסער אפ פון דעם, ווייל...

גאסנקערער — ווייל? (קוקט איר אין די אויגן ווי ער וואלט וועלן פון דארט עפעס ארויסלעזן).

גאסנפרוי — (רעדט וואס ערנסטער) ווייל אפילו ווען דאס וואלט גע־שען, וואלטן מיר אלץ געבליבן ווייט איינער פון אנדערן... (עס הערט זיך די מוזיק פון ווייטן).

גאסנקערער — הייסט עס, איז אומזיסט. קען איך שוין גיין?! (הויבט זיך אויף).

גאסנפרוי — יא, קענסט שוין גיין! נאר ווארט, אפשר האסטו א סיגארעט?

גאסנקערער — (נעמט ארויס א פעקל סיגארן דערלאנגט איר. רעדט מיט געבעט) אבער באדענק דיך! (גיט איר פאררויכערן).

גאסנפרוי — (פאררויכערט) כ׳האב מיך שוין באדענקט... א גוטע נאכט! (אין א ווילע ארום) נו, אויף וואס ווארטסטו נאך? (בלאזט האסטיק דעם רויך פון סיגאר).

גאסנקערער — כ׳גיי שוין, (נעמט דעם בעזעם מיט די לאפעטע אויפן אקסל; טוט א יאושדיקן מאך מיט דער האנט) עך, פארלוי־רענע! — (פארקירעוועט אין זייט, גייט אפ).

(די גאסנפרוי הויבט זיך אויף, שפאצירט ארום א ווילע אהין און צוריק קוקט זיך ארום. זעצט זיך צוריק אוועק. די מוזיק ווערט א ווילע שטילער. זי פארטראכט זיך, הערט זיך איין. אין א ווינקל פון פארק בא־וויזט זיך אויפן האריזאנט א שטראל פון דער אויפגייענדיקער לבנה, וואס שלאגט אפ א בלאסע שיין אויף דער פרויס געזיכט, און גלייכצייטיק אויפן מארמאר בילד).

(די פרוי באמערקט דאס מעסער, וואס דער גאסנקערער האט פאר־געסן און באהאלט עס ביי זיך).

מען זעט אנקומען דורך א זייטיקע אלעע דעם שיכור. ער גייט מיט וואקלענדיקע זיגזאגישע טריט, שטעלט זיך אפ אלע ווילע, קוקט זיך ארום ווי ער וואלט עמיצן געזוכט. די געדיכטע לאנגע ניט געשוירענע האר, וואס זעען זיך פון אונטער זיין אלטן צעקניטשטן הוט, זענען צעשויבערט. זיין באוואקסן פנים איז עטוואס פארדויטלט. ער איז אנגעטון אין אלטע אפגעטראגענע קליידער, נאר נישט קוקנדיק אויף דעם, טראגט ער א שטיי־פן קאלנער. דער קראוואט איז אויף א זייט און גרייכט כמעט ביז אונטערן לאץ פונם רעקל. די קנעפלעך פון וועסט און פון רעקל, זענען צוגעשפי־ליעט פארביטן, אזוי אז די פאלעס קומען אויס איינע לענגער פאר דער אנדערער. די טאשן ביי אים זענען אנגעפילט מיט פארשידענע זאכן און שטייען אפ, ווי צוויי שטארק אנגעפולטע טארבעס. און ווען ער דארף פון דארטן עפיס ארויסנעמען, זוכט ער גאנץ לאנג, ביז ער געפינט דאס נויי־טיקע. די גאסנפרוי, וועלכע האט אים באמערקט פון וויטן, טוט בכיון א שטארקן צי דעם רויך פון סיגאר, וואס זי האלט אין מויל.

ער דערזעט די שוואכע שיין און לאזט זיך לאנגזאם צו־גיין. קוקט זיך איין, דערקענט די גאסנפרוי, גייט צו גאנץ נאענט צו דער באנק.

ש י כ ו ר — (אנהאלטנדיק זיך מיט איין האנט אין דער פארענטשע פון באנק, פארנייגט זיך) גוטן אוונט דיר, מיין שאץ! (וואקלט זיך).

ג א ס נ פ ר ו י — (נישט קוקנדיק צו אים, שטיל) גוטן אוונט!

ש י כ ו ר — (א ווארף טוענדיק דעם הוט אויף דער באנק, רעדט ארויס מיט פארדרוס) קוים געפונען! ע, צום טייוול! (קוקט זיך איין) כ'האב געמיינט, דו זיצסט דא מיט עמיצן... שוין אריבער א שעה, אז איך זוך דיך ארום צווישן די אלעען. איך בין מיד, אז איך קען אויף די פיס נישט שטיין... (שאקלט זיך).

ג א ס נ פ ר ו י — הם... יא, ס'דערקענט זיך טאקע, אז דו ביסט...

ש י כ ו ר — (איר איבערשלאגנדיק) שיכור ווילסטו זאגן, א? און אז שיכור — איז וואס? כ'האב אפשר ביי עמעצן געגנבעט? (זעצט זיך אוועק) זעסטו, שיכור און איך האב דיך פארט אין זינען געהאט...

ג א ס נ פ ר ו י — ווער ווייסט, צוליב וואס? ס'האט דיר מעגלעך אויסגע־פעלט אויף צו פארפולן די מאס... האסטו זיך דערמאנט אין מיר (שמייכלט).

ש י כ ו ר — ניין... היינט, נישט, היינט גראדע נישט. (בויגט זיך איין צו איר) אבער דו ביסט, מיר דאכט, עפעס אויפגעטראגן אויף מיר? (וויל זי אננעמען) א? נו זאג!

ג א ס נ פ ר ו י — אויפגעטראגן? אויף דיר? (שטויסט אפ זיין האנט. שמייכלט גוטמוטיק) גיי, טשעפע דיך אפ!.. ווילסט מיר ווייזן אז דו ביסט אויסגעטרונקען? איך ווייס עס סיי ווי, אט, ווי דו האסט מיך אין זינען געהאט!...

ש י כ ו ר — (קלאפט איר פריינטלעך אין אקסל) עך, נארעלע, און דו מיינסט, אז ווען איך בין אביסל... אביסל אויסגעטרונקען, פארגעס איך אין דיר? (כאפט זיך צו דער קעשענע) ווארט א ווייל! אט וועסטו זען, וואס כ'האב דיר געבראכט... (זוכט אין די טאשן).

ג א ס נ פ ר ו י — (נישט גלויבנדיק) מיר? ווער ווייסט וואס?

ש י כ ו ר — אט באלד, (זוכט א ווײלע, געפינט דאס וואס ער דארף, מאטערט זיך ארויסצושלעפן) ע, צום טייוול! אט איז עס. (נעמט ארויס א פלאש ביר פון קעשענע, דערנאך א פאפיר מיט א פאר

פּוטער־ברויטן, לייגט עס אויף דער באַנק) זעסט, דאָס אַלץ איז פאַר דיינעטוועגן! נעם עס! אַט וועל איך עפענען דאָס פלעשל. קיין גלאָז האָב איך נישט. נו, וועסט זיך שוין באַגיין אַזוי... עפנט מיט אַ טאַשן־מעסערל דאָס פלעשל, שטעלט אוועק לעבן איר) נעם אַביסל!

ג א ס נ פ ר ו י — (מאַכט זיך, ווי זי זעט נישט, זיצט פאַרטראַכט, ציט דעם רויך פון סיגאַר).

ש י כ ו ר — נו אויף וואָס וואַרטסטו? וואַרף אוועק דעם סיגאַר, צום טייוול!

ג א ס נ פ ר ו י — (שמייכלענדיק) אַט שוין. (שליידערט אוועק דעם סיגאַר, נעמט דאָס פלעשל צום מויל, טרינקט אַ ווײַלע, דערנאָך נעמט זי איינעם פון די פּוטער־ברויטן, בייסט מיט שטאַרקן אַפּעטיט. עסט און רעדט גלייכצייטיק) זעסטו, אויף דעם סיורפּריז האָב איך מיך טאַקע נישט גערעכנט. (בייסט פון שטיק) נאַר וואָס, אַט נאַר וואָס איידער דו ביסט אָנגעקומען, האָט מען מיך איינגעלאַדן עסן נאַכטמאָל... נאַר... (עסט און שמייכלט).

ש י כ ו ר — (נייגעריק) נאַר? דו האָסט נישט געוואָלט? — אָדער ס'איז נישט געווען, ווער עס זאָל צאָלן? (שמייכלט) דו, דו ווילסט מיך אָנשרעקן? אַ?

ג א ס נ פ ר ו י — (צושמייכלענדיק) כ'האָב יאָ געוואָלט, אָבער... כ'האָב געוואַרט אויף דיר.

ש י כ ו ר — (דרויעט איר מיטן פינגער, אין שפּאַס) הם... אויף מיר! כ'פאַרשטיי שוין! האָסט דאָ שוין געהאַט עפּעס אַ גאַסט! אַ? כ'דערקען אין דיר.

ג א ס נ פ ר ו י — אין וואָס דערקענסטו?

ש י כ ו ר — ניין, זאָג, זאָג דעם אמת, ווער איז עס געווען? כאָטש עפּעס אַ רייכער? אַ לעבעדיקער? אָדער אפשר נאָר אַן אונרזועריקער?!..

ג א ס נ פ ר ו י — (עסט און לאַכט) נישט קיין רייכער און נישט קיין אונדזעריקער, נאָר גלאַט אַזוי אַ נודניק...

ש י כ ו ר — (אויפגערעגט) ע, צום טייוול! ווער־זשע פאַרט איז עס געווען? אַט דעם סיגאַר, וואָס דו האָסט געהאַלטן, האָט ער דיר געוויס גע־געבן! נו, זאָג שוין! ווער?

גאסנפרוי — ס'איז געווען מיין „געוועזענער", ער האָט דאָ נאָכטמאָל געגעסן, אַט ליגן נאָך די ברעקלעך.

שיכור — הם... אָבער שטענדיק קומט ער. ווען איך בין נישטאָ! (שפּאָסנדיק) צו רעדט איר זיך נישט אָפּ אַפּט ביידע אויף אַ „רענדעוואו"? און ווידער, דער טייוול ווייסט אייך ביידע! אפשר האָט איר זיך טאַקע דאָ גוט אָנגעפּרעסן, און נאָך „אונטערגעלעבט".

גאסנפרוי — (קוקט אים אָן מיט הינטיש טרייע בליקן, לייגט די האַנט ביי זיך אויפן האַרצן) ניין... ניין, איך שווער דיר אַז נישט... ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און מיך געבעטן מיט אים גיין; נאָר איך האָב אים פון זיך אָפּגעשטויסן.

שיכור — פאַרוואָס? וואָס קען עם דיך אַרן? מיר קען זיין קומען גאָר נישט שטערן. און דיר קען ער אפשר אויף עפּעס צונוץ קומען...

גאסנפרוי — ניין... ניין, איך וויל עס נישט. דאַרפסט עס אפילו נישט איבעררעדן...

שיכור — (קלאַפּט איר פריינטלעך אין אַקסל) און דו, דו מיינסט אין אמתן, אַז איך וויל דיר פאַרווערן צו ריידן און אפילו צו פאַר־ברענגען מיט אים... פאַרקערט, אויב דו קענסט נאָר, נוץ אים אויס! נוץ אים אויס אַזוי, ווי דו נוצט אויס אַנדערע... פאַרשטייסט? נוץ אים אויס אַזוי, ווי אַנדערע האָבן אונדז אויסגענוצט... (שטילער) יאָ, ווייסט: צווישן מיסט קען מען אויך אַ מאָל אַ ברי־ליאַנט געפונען...

גאסנפרוי — (מיט אַ לאַכן פון אָפּשטויסונג) גיי שוין, גיי! פון וועמען דו רעדסט דאָ! זאָל ער גיין צום טייוול, גענוג! איך וויל מיך מער אין מיסט־קאַסטן נישט ליינן... (טרינקט דורשטיק פון פלאַש. צום שיכור) אפשר ווילסטו? נעם אויך אַ ביסל!

שיכור — אָ, ניין, אַ דאַנק טייערע! טרינק, טרינק אליין! דאָס איז פאַר דיינעטוועגן; פאַר מיר האָב איך עפּעס אַנדערש... (נעמט אַרויס אַ פלעשל קאָניאַק) אָט זעסט! דאָס איז פאַר מיר. איך וואָלט דיר אויך געגעבן, נאָר דער קאָניאַק איז צו שטאַרק פאַר דיר. און מיטן ביר צוזאַמען, קען דיר נאָך פאַרשאַטן... נו, פאַר דיין געזונט! (טרינקט).

גאסנפרוי — (ווען זי האָט אוועקגעשטעלט די פלאַש, קוקט זיך איין אין אים, רעדט אַרוים) קוק אָן ווי דו גייסט! דער קראַוואַט דיינער.

וויזט אוים, האט אויך אויסגעטרונקען.זע ווי עה שפארט אן! קום אהער! איך וועל אים איבערבינדן. (ליינט אירע הענט ארום זיין האלדז, בינדט פאנאנדער דעם קראוואט און פארגלייכט אים צוריק) אט, איצט זעסטו אוים מענטשלעכער... (האלט אייניקע סעקונדעז די הענט אויף זיין האלדז).

ש י כ ו ר — נו, גענוג! (עס הערט זיך די מוזיק) אבער הער בעסער, וואס פאר א רייכע מוזיק!

ג א ס נ פ ר ו י — יא, דו, וויזט אוים, האסט היינט געהאט א גליקלעכן טאג, אז דיר איז נאך געבליבן... — זעסטו, איך בין דיר שוין מקנא...

ש י כ ו ר — (שמייכלט איינגעהאלטן) מקנא? — מיט וואס? אפשר מיט דעם, וואס איך האב איין מאל, ווער ווייסט דורך וויפיל צייט, איין גליקלעכן... (פארכאפט זיך) כ׳מיין, איין זאטן טאג געהאט! (הערט זיך איין אין דער מוזיק).

ג א ס נ פ ר ו י — ניין, נישט דאס מיין איך, האסט מיך שלעכט פארשטאנען...

ש י כ ו ר — (נעמט דאס פלעשל קאניאק, שמייכלט) ניין? א דאס אפשר מיינסטו?! (טרינקט) דו, דו נארעלע! נו, נו, רעד! פאר מיר מעגסטו ריידן...

ג א ס נ פ ר ו י — (מיט איינגעהאלטענעם ווייטיק) פארשטייסט... דו, סיי דו ביסט ניכטער, סיי אויסגעטרונקען, געבן נאך ביי דיר אזוינע מינוטן, ווען דו פילסט זיך עטוואס גליקלעך (די מוזיק הערט זיך עטוואס שטילער).

ש י כ ו ר — (ווי נישט גלויבנדיק) און דו האסט מיך ווען געזען אזעלכן? א—א—גליקלעכן?

ג א ס נ פ ר ו י — יא... מיר קומט אוים, אפט מאל דיך צו זען אין אזוינע מינוטן...

ש י כ ו ר — אפטמאל? איך צווייפל... דערמאן כאטש איין מאל, ווען האסט מיך געזען? א... א גליקלעכן (לאכט מיט גאל) ע, צום טייוול, נו זאג מיר, ווען?

ג א ס נ פ ר ו י — דאס טרעפט מערסטנטייל דאן, ווען מיר קומט אוים צו הערן דיך זינגען... ווען איך גיי א מאל פארביי צווישן די קאפעען, וואו דו געפינסט זיך, און ווען איך הער דיין שטים פון ווייטן, שטעל איך מיך אומישנע אפ, און אייניקע מאל פיל איך, ווי דו

זינגסט מיט הארץ, מיט געפיל! ווי דו אליין וואלסט אין דעם שפירן עפעס אזא פרייד, וואס מאכט דיך גליקלעך. און דאס קענ־סטו דאך פילן יעדעס מאל, ווען דו האסט נאר לוסט צום זינגען. אבער ביי מיר קען עס נישט טרעפן... קיינמאל, קיינמאל נישט (זיפצט).

שיכור — (שאקלט מיטן קאפ אויף ניין) א, דאס, דאס גלויב איך דיר נישט... (נעמט איר האנט שטיל) און דאן... ווען דו ביסט מיט מיר?

גאסנפרוי — (איינגעהאלטן) ניין... מיט דיר — מיט דיר אויך נישט...

שיכור — (שעלמיש) ע, דו — פארגעסט... האסטו מיר דען אליין נישט געזאגט דאן, — דאן ווען דו האסט מיך פארגלייכט צו יענעם, צו דיין ערשטן געליבטן, אז מיט מיר פילסטו זיך עפעס אזוי, ווי דו קענסט דיך מיט קיין אנדערן נישט פילן, און מיין קענ־ווארט, מאכט דיך אפט דערמאנען, דיין פארגאנגענעם גליק...

גאסנפרוי — אט דאס איז דאך, וואס מאכט מיר נאר דערמאנען... און דאס קומט מיר פאר, ווי א בליץ אין דער פינצטער. אט שיינט ער אויף, לעשט זיך אויס, און עס ווערט נאך פינצטערער...

שיכור — נו, דו, גראדע, האסט פאר דער פינצטערניש קיין מורא נישט... (טרינקט פון פלאש).

גאסנפרוי — (ווי איר געדאנק וואלט זיך פארנעמען מיט אן אנ־דער מחשבה, ווענדט זיך צום שיכור, שטיל) הער אויס! איך וויל דיך עפעס פרעגן, נאר שטעל אוועק אויף א ווײַלע דאס פלעשל... (נעמט עס צו ביי אים פון האנט) דו זאלסט מיר נאר קלאר און ערנסט ענטפערן, ווייל דו קענסט מיך און איך מעג עס פון דיר פארלאנגען...

שיכור — (מיט געהארכזאמקייט) נו פרעג! — אויב ס'איז נאר מעגלעך.

גאסנפרוי — דו האסט קיינמאל נישט געהאט עפעס אזעלכע, צו וועמען דו ביסט געווען איבערגעגעבן מיט אלעמען... מיט דיין גאנצער נשמה... (קוקט אים אין די אויגן).

שיכור — צו איך האב ווען געליבט, מיינסטו?! (אוועקמאכנדיק) ע, שוין באלד פארגעסן... (אין א ווײַלע ארום) און אז יא, איז וואס?

גאסנפרוי — (ווי מיט נצחון.) אט זעסטו, כ'האב געטראפן! נו, ווער זשע איז עס געווען?

שיכור — (ווי אים וואלט שווער זיין צו ענטפערן.) אבער, לאז צו רו! צו וואס נוצט עס דיר?

גאסנפרוי — (צושטייענדיק) א, ס'נוצט מיר! יא, נאר זאג מיר, איך בעט דיך, ווער איז דאס געווען, די, וועלכע...

שיכור — נו, ס'איז געווען א מיידל פון א רייכע פאמיליע, א שיינע, וואס איז איין מאל געקומען, אין דער אפערע מיך הערן זינגען, און האט זיך איינגעליבט...

גאסנפרוי — איינגעליבט?! אין דיר?

שיכור — א, ניין... ניט אין מיר, — אין מיין שטים! אין מיין שטים וואס האט זי פארכישופט... און זי, יענע, האט באשלאסן, מיט מיר צו הייראטן. יא, זי האט עס מיר צוגעשוואוירן, נור מיט איין באדינג...

גאסנפרוי — מיט וואס פאר א באדינג? (לאכט.) דו זאלסט איר שטענדיק זינגען?...

שיכור — ניין, איך זאל אויפהערן טרינקען... נו האב איך עס איר פאר־שפראכן. עס איז אפילו ניט אזוי גרינג געווען. אבער כ'האב עס איר צוליב געטון. נאר אין א טאג... שוין נאענט צו אונדזער פאר־לאבונג, האב איך מיך צום לעצטן מאל אנגעטרונקען. יא, דאס האט געזאלט זיין דאס לעצטע מאל... און דאן איז עס געשען...

גאסנפרוי — (פארוואונדערט) וואס איז געשען?

שיכור — זי האט איר שבועה געבראכן! זי האט מיך פארלאזט, איך בין געקומען אויף מיין קווארטיר און געטראפן אייניקע ווערטער פון איר אנגעשריבן: אז זי וויל זיך מיט מיר ניט פארבינדן. און אט פון דעמאלט אן, האב איך מער ניט געליבט. (טוט זיך א פאטש אין דער קני) עד! אבער זאל עס גיין צום טייוול! גענוג ריידן וועגן אט דער נארישקייט! נעם טרינק! טרינק בעסער! (גיט איר דאס פלעשל.) גלויב מיר; אט דאס ביטערע געטראנק, איז פיל זיסער און אמתער פון אט דער פאלשער ליבע — דאס מאכט פארגעסן אין אלץ... נו, טרינק!

גאסנפרוי — אבער איך ליב דיין געזאנג און אויך דיך און ווען דו.

זינגסט אמאָל אַזוי... אין דער שטיל, דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט אין דיין שטים געהערט יענעם עכאָ פון אַמאָל, ווען דו ביסט נאָך יונג געווען...

שיכור — ניין... ניין... דאָס קען ניט זיין. דאָס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי... ס'איז ניט יענער, ס'איז אַן אַנדערער, יענער איז שוין לאַנג פאַר־שוואונדן.

גאַסנפּרוי — (נעמט אַן צאַרט זיין האַנט, מיט געבעט:) נו, אַט פּרואוו אומישנע... זינג עפּעס! זינג שטיל און איך וועל הערן...

שיכור — אַנו, דערמאַן מיך: דערמאַן מיך עפּעס אַ שטילע אַריע... אָדער גאָר אַן אייגן ליד... אַזעלכעס וואָס דו ליבסט אַממערסטן.

גאַסנפּרוי — זינג פון וואָס דו ווילסט! אָבער בעסער ליב איך צו הערן, דיינס אַן אייגן ליד. דו האָסט דאָך אַמאָל געהאַט אַזוי פיל אייגענע לידער! זינג דיינע אייגענע! כ'געדענק כמעט אַלע מעלאָ־דיען!

שיכור — יאָ, וואַרט אַ ווײַלע, כ'וועל מיך דערמאַנען, אַ, אַט שוין, כ'האָב עס שוין. (זינגט שטיל אין דער באַגלייטונג פון דער מוזיק.)

ווען אויף העלע פליגל האָט געשוועבט
מיין יוגנט טרוים פול רום און פּראַכט: —
דאַן האָבן שטילע שאָטנס שוין פאַרוועבט,
מיין שוואַרצן שיקזאַל אין דער נאַכט...

(ציט לאַנג דעם לעצטן ריטם, פאַרגעסט זיך.) מיין שיקזאַל אין דער שוואַרצער נאַכט... (טוט זיך מיט פאַרדראָס אַ פּאַטש אין די קני) אַ, צום טייוול! פאַרגעסן! — פאַרגעסן דאָס ליד...

גאַסנפּרוי — ניין... ניין, ס'איז גוט! גוט אַזוי! קום אהער! קום! דו מיין פּרינץ פון דער שוואַרצער נאַכט... (נעמט אים אַרום.) איך וועל דיך קושן, קושן דיינע אויגן, וואָס פינקלען ווי שטערן אין דער שוואַרצער נאַכט...

שיכור —(אין עקסטאַז.) דו, מיין טייערע, אַקאָמפּאַנירסט אויסגע־צייכנט צום דועט... אַ דועט, אַט דאָ מיט דיר, צווישן די טונקעלע אַלעען. (הויבט זיך פּלוצלים אויף.)
אָדער ווייסטו גאָר וואָס, לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען. דאָ קען נאָך

אימיצער אַנקומען, דער וועכטער, אַדער עפּעס אַן אַנדער טייוול,
קום אוועק פון דאַנען!

גאַסנפּרוי — (ערנסטער) ניין... היינט נעם איך קיין גאַסט נישט
אויף...

שיכור — (ווי פריער) נו געוויס, איך בין דאָך נישט קיין גאַסט, מיך...

גאַסנפּרוי — (רייסט אים איבער די רייד) ניין, דיך אויך נישט,
היינט נישט.

שיכור — (שמייכלט) וואָס־זשע, דו דענקסט אפשר פון היינט אָן צו
ווערן אַ הייליקע?..

גאַסנפּרוי — וואָס איך דענק, — דאָס קענסטו נישט וויסן, נאָר גיב
אַ קוק אַהין! (ווייזט אים אַן אויפן מאַרמאָר בילד).

שיכור — (קוקט צום בילד) נו, איך קען דען נישט די סטאַטוע, עס
שטעלט פאָר: „די לעצטע זינד" (שמייכלט) יאָ, אָבער וואָס געהער
זיך עס אָן מיט דיר?

גאַסנפּרוי — (אויסמיידנדיק זיין בליק) אַ, עס געהער זיך זייער פיל
אָן מיט מיר, — איבערהויפּט מיט מיר... (אַ צעטומעלטער בלייבט
ער שטיין אַ רגע אין פאַרלעגנהייט).

שיכור — (זעצט זיך צוריק אוועק) הם... אזוי הייסט עס... איך זע, דו
באַהאַלסט עפּעס פון מיר... יאָ, כ'האָב עס שוין לאַנג באַמערקט...
דאָס וואָס איך טרעף דיך שטענדיק דאָ זיצן... שטענדיק אויף דער
זעלבער באַנק קעגן דעם בילד... דאָס איז, ווייזט אויס אויך נישט
אומזיסט... (קוקט איר אין די אויגן) צו ליבסטו אזוי שטאַרק אַט
די שטומע סטאַטוע, אַז דו קענסט זיך פון איר נישט שיידן?

גאַסנפּרוי — (מיט באַהאַלטענעם צאָרן) ניין... איך האַס זי!.. (פאַר־
טראַכט זיך).

שיכור — און דאָך ציט עס דיך צו איר...

גאַסנפּרוי — יאָ, און דאָך ציט עס מיך צו איר... און מיר דאַכט זיך
אַלץ, ווי איך וואָלט זי הערן רעדן... (הערט זיך איין. עס הערט
זיך פון וויטן די מוזיק, וועלכע שפּילט שטיל).

שיכור — צו וועמען הערסטו זיך עס איין? און וואָס זעסטו דאָרט
אינעם בילד?

גאַסנפּרוי — (ווי זי וואָלט ערוואַכט פון אַ טרוים) אַט נאָר וואָס האָב

איך געזען דורכשוועבן די גליקלעכסטע מינוטן פון מיין יוגנט...

ש י כ ו ר — (אננעמענדיק איר האַנט) הער אויס טייערע! ווי איך זע, ביסטו היינט צו ערנסט, אז מיר זאָלן קענען א ביסל א שטיף טון... נו, וועלן מיר אזוי פאַרברענגען. פריער פאר אלץ מוזטו מיר ער־קלערן דיין איינהערן זיך, אַט אין דעם שטומען בילד, דאָס מאַכט מיך אומרואיק... נו דערציילן! ווארום... (וויל זי אומארעמען).

ג א ס נ פ ר ו י — (שטויסט אים ליכט אָפּ) אויב דו ווילסט, איך זאָל דיר דערציילן, זיץ רואיק און הער מיך אויס.

ש י כ ו ר — (רוקט זיך אָפּ עטוואס) נו, כ'וועל זיצן רואיק און אויסהערן, דערצייל!

ג א ס נ פ ר ו י — (סטארעט זיך צו באַהערשן) ס'איז שוין גאַנץ לאַנג אין דעם, איך בין נאָך דעמאָלט א קינד געווען, אבער איך מוז דיר דעם אמת זאגן — כ'האָב שוין דעמאָלט געהאַט געוואוסט פון גאסן־לעבן... נאָר יענץ איז געווזן אן אנדער מין לעבן, נישט ווי איצט. דעמאָלט האַט מען נאָך מיר זיך ארומגעיאגט און איצט יאָג איך מיך אליין ארום...

ש י כ ו ר — נו, זעלבסטפארשטענדלעך... (פארוויכערט א סיגאר).

ג א ס נ פ ר ו י — איז איינמאָל אין אן אוונט, ווען איך האָב אזוי ארומ־געשפאצירט אין פארק; ס'איז שוין געווען שפעטלעך און איך האָב גערעכנט צו גיין צו איינעם פון מיינע באקאנטע... האָב איך דער־פילט ווי אימיצער האַט זיך אין מיין אָרעם אנגעשלאגן... איך האָב מיך אומגעקוקט, נאָר יענער איז געשווינד פארביי געגאנגען... און ווען ער איז אפּגעגאנגען איניקע טריט, האַט ער זיך אומגעקערט און איז צוגעגאנגען גאַנץ נאָענט צו מיר, האַט מיר אריינגעקוקט אין פנים, און נאָך איידער איך האָב איס א ווינק געטון... — האַט ער זיך שטיל אָנגערופן: — קומט! איך בין געגאנגען נאָך זיינע טריט, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין וואוינונג. ער האָט מיך גע־בעטן אריינגיין. אין צימער איז שטארק פינסטער געווען, און ווען ער האַט ליכטיק געמאכט, שטעל זיך פאר, וואס איך האָב דערזען...

ש י כ ו ר — וואס האָסטו דערזען?

ג א ס נ פ ר ו י — א גרויסער זאַל מיט ווייסע שטומע פיגורן! זיי האָבן

געקוקט אויף מיר, ווי זיי וואלטן וועלן ריידן... אבער זיי האָבן געשוויגן...

שיכור — (ערשטוינט) געשוויגן! זענען עס געווען אפשר טויטע פיגורן, צו זיי האָבן געלעבט?

גאסנפרוי — ניין! (פארכאפּט זיך) אבער אין אָנפאנג וואלט איך געקענט שווערן, אז זיי לעבן... נאָר ערשט דערנאָך האָב איך דער־זען, אז דאס זענען בלויז מאַרמאָר־בילדער, און אויף די ווענט זענען אומעטום געהאַנגען אפגעשניטענע קעפּ פון מענער און פרויען און אויך הענט און פיס, פארשידענע, גאר ניט צו דער פּאָר... איך האָב מיך פון אָנפאנג אזוי דערשראָקן!..

שיכור — (לאַכט) כאַ, כאַ, כאַ, וואס איז? דו האסט מורא געהאַט, מען זאָל דיר אפשר נישט אפשניידן אַ האַנט אדער אַ פיס און דארט אויפהענגען?..

גאסנפרוי — (נאַאיוו) ניין... נישט דערפאר, נאָר פאַר אים... פאַר אים אליין, האָב איך מיך עפּעס אזוי ווי געשראָקן... אבער ער האָט עס באַמערקט... און איז צו געגאַנגען נאָענט צו מיר; האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך צוגעפירט צו יעדן איינעם פון זיי און האָט מיך בארואיקט. דערנאָך האָט ער זיך אוועק־געזעצט מיט מיר אויף דער סאָפע און זיך אָנגעבויגן צו מיר גאר נאָענט, אזוי, אז כ'האָב כמעט געפילט זיין אָטעם... און אין דער שטיל, ווי ער וואלט מורא געהאַט, אז איך זאָל מיך נישט דער־שרעקן... האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אויסטון די קליידער, און ער אליין האָט מיר געהאָלפן... האָט געשמייכלט און מיר געהאָלפן. ער איז אזוי יונג און שיין געווען, אז איך האָב נישט געקענט זיין בליק אויסהאלטן...

שיכור — און ווייטער? וואס איז געשען דערנאָך?

גאסנפרוי — דערנאָך האָט ער מיך פארזיכטיק אוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, מיטן פּנים קעגן דער שיין, אליין האָט ער זיך אוועק־געשטעלט פון ווייטן און גענומען צייכענען... דאָס האָט געדויערט אייניקע מינוטן. אבער ניין!.. כ'ווייס נישט, וויפיל ס'האָט גע־דויערט... כ'געדענק נאָר, ער איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט מיט אַ שמייכל: „שוין" איר קענט גיין; האָט ארויסגענומען צען

דאָלאַר און מיר באַצאָלט. איך בין געשטאַנען אַזוי... און אים אָנגעקוקט, אָנגעקוקט און געוואַרט... ער האָט זיך אָנגעבויגן, האָט געקושט מײַן קאָפּ און מיר געהייסן קומען מאָרגן, ווידער אין דער זעלבער שעה. אַזוי בין איך געגאַנגען צו אים אייניקע נעכט נאָכאַנאַנד. ביז איינמאָל אין אַן אָוונט בין איך געקומען צו אים און אים געטראָפן שטיין נעבן אַ שטיק טונקעלן ליים. ער האָט געהאַלטן אין קלעפּן... ווען ער האָט מיך דערזען אַרײַנקומען, האָט ער זיך געגריסט מיט מיר; איז צוגעגאַנגען צו מיר און געהאָלפן אַראָפּנעמען די קליידער און מיך אָוועקגעלייגט אין דער זעלבער פּאָזע ווי אין ערשטן אָוונט און ווידער גענומען קלעפּן דאָס ליים. נאָר געגערעדט האָט ער גאָרנישט. ער האָט אַלע מאָל געמאָסטן מיט אַ צירקל מײַנע גלידער... שווייגנדיקערהייט...

און אַ יעדעס מאָל, ווען זײַנע הענט האָבן באַרירט מײַן קערפּער, האָב איך ווי אין אַ פיבער געציטערט... וואָרום זײַנע הענט זענען ניט געווען אַזוי ווי ביי די אַנדערע!... עפּעס איז אין זיי געווען אַזוינס... אַזאַ כּשוף, וואָס האָט מיך אינגאַנצן געמאַכט ציטערן... און איינמאָל געדענק איך, ווען ער איז אַזוי נאָענט געשטאַנען לעבן מיר און מיר געקוקט אין די אויגן, האָט ער שטיל צו מיר געזאָגט: איצטער זע איך, אַז איך האָב מיך אין דיר ניט אָפּגענאַרט... דײַן לײַב איז אַזוי האַרט ווי מאַרמאָר. — און פאַר דײַן טרייער איבערגעגעבנהייט וועל איך דיר אייביק דאַנקבאַר זײַן.

ש י כ ו ר — (מיט באַגייסטערונג) אַ, ווי גליקליך דו האָסט זיך עס באַדאַרפט פילן אין יענע מינוטן!

ג א ס נ פ ר ו י — יאָ... נאָר ערשט דאַן, — ערשט דאַן האָב איך דערפילט, ווי אין מײַן האַרצן וואַלט זיך עפּעס אָפּגעריסן... איך האָב געקעמפט, געקעמפט מיט זיך אַליין אַ לאַנגע צײַט, ביז איין מאָל, ווען דאָס איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטיק, אַזוי אַז איך האָב מיך אין דעם שוין געקענט פולקום דערקענען... דאַן האָב איך באַשלאָסן...

ש י כ ו ר — (נײַגעריק) וואָס האָסטו באַשלאָסן? —

ג א ס נ פ ר ו י — (ניט הויך) אים אַליין פאַרצושלאָגן... (אין פאַרצווייפלונג) איך בין צו זײַנע פיס געפאַלן... האָב געקניט פאַר אים און

אים געבעטן, מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן.

ש י כ ו ר — (נייגעריק) און?

ג א ס נ פ ר ו י — ער האט געוואלט, אז דאס בילד זאל טראגן דעם נאָמען: „די לעצטע זינד" און ער האט מיר צוגעזאגט מיין וואונטש צו דערפילן, נאר דאן, ווען דאס בילד וועט זיין פולקאם פארענדיקט. און איך, איך האב געווארט מיט דער גרעסטער אומגעדולד, ווי וואנזיניק בין איך ארומגעגאנגען די גאנצע צייט. איך בין מיט א מאל גאר אן אנדערע געווארן... אינגאנצן אן אנדערע געווארן! און נאר צו אים אליין בין איך געווען איבערגעגעבן מיט מיין גאנצער נשמה... ווייל...

ש י כ ו ר — (קוקט איר אין די אויגן) ווייל? —

ג א ס נ פ ר ו י — (מיט טיפן ווייו) ווייל איך אליין בין געווען פארקערפערט אין יענעם בילד... און דאס האט געזאלט זיין „די לעצטע זינד" אויך פאר מיר! — איך גלויב נאך איצט אויך, אז דאס וואלט געווען מיין לעצטע זינד...

ש י כ ו ר — און ער? ער האט דיר מיטגעפילט? און אויך דערפילט דאס, וואס דו האסט אים געבעטן? —

ג א ס נ פ ר ו י — (מיט פארקלעמטן צארן) א, ניין! ער האט מיך פארשטויסן! און קאלט ווי דער מארמאר איז ער געבליבן צו מיין געוויין...

ש י כ ו ר — (ניט פארשטייענדיק) וואס־זשע, ער האט חרטה געהאט אויף דעם, וואס ער האט דיר צוגעזאגט

ג א ס נ פ ר ו י — ניין... נאר ער האט מיר דערקלערט, אז ער קען עס ניט טון...

ש י כ ו ר — פאר וואס האט ער ניט דערפילט, דאס וואס ער האט דיר פארשפראכן?

ג א ס נ פ ר ו י — (שארף) ער האט געוואלט, אז דאס בילד זאל בלייבן ריין און אומבאפלעקט; און ווען איך האב געזען, אז מיין גאנצע האפנונג איז פארלוירן, האב איך געכאפט דאס געלט, וואס ער האט מיר געשענקט אויס דאנקבארקייט, און כ'האב עס אים געשליידערט צוריק אין פנים אריין און בין אוועק. און... דאס וואס האט געזאלט זיין מיט אים, איז געשען מיט אן אנדערן... (מיט

סארקאסטישן געלעכטער) כא, כא, כא... „די לעצטע זינד" (לאכט)

ש י כ ו ר — (אנטוישט) די לעצטע? טפוי צום טייוול! (לאכט) וואס הייסט — די ל ע צ ט ע ? און וואס האסטו געטון פון דאן און? האסט תפילה געטון? כא, כא, כא...

ג א ס נ פ ר ו י — (שטויסט אים אפ פון זיך) גיי! דו ביסט, מיר דאכט, צו שיכור, אז דו זאלסט מיך פארשטיין...

ש י כ ו ר — נו, ס'קען זיין, כ'ווייס ניט, אבער פארקערט, זאג, זאג דו אליין, ווי איז עס מעגלעך, אז? —

ג א ס נ פ ר ו י — (שטארק באטאנענדיק די ווערטער) דו הערסט דאך אבער, אז דאס איז געווען „די לעצטע זינד". ווארום דאן האב איך נאך געפילט, אז איך בין באגאנגען א זינד... און דערנאך... דערנאך האב איך שוין גאר ניט געפילט, איצט האסטו מיך פאר־שטאנען?!

ש י כ ו ר — יא, נאר איך האב גאר ניט געוואוסט, אז דא אין פארק גע־פינט זיך א בילד פון דיר...

ג א ס נ פ ר ו י — איך אליין האב אויך ניט געוואוסט... ווייל איך בין ניט געווען דא אין שטאט, ווען די סטאטוע איז אוועקגעשטעלט געווארן. (שמייכלט ביטערלעך) און אין אזא נאכט — יא, ס'איז דעמאלט געווען אויך אזא ליכטיקע נאכט ווי אצינד — בין איך אזוי פארבייגעגאנגען, נו, דו ווייסט דאך צוליב וואס... און פלוצ־לונג, ווי א ווייסער מלאך האט פאר מיר אנטקעגן זיך א ווייז גע־טון אט דאס בילד! איך בין פארציטערט געווארן, די פיס האבן זיך אונטער מיר געבראכן, און איך בין אנידערגעפאלן אויף א באנק. אין יענעם אוונט בין איך שוין אין ערגיץ ניט געגאנגען. און פון דעמאלט אן ציט עס מיך אהער... (פארטראכט זיך)

ש י כ ו ר — הם... דאס איז ניט מער ווי אן איינבילדונג... יא, און פאר־וואס קומט ער, — ער אליין ניט אהער? האסטו אים דען אמאל דא געזען?

ג א ס נ פ ר ו י — ניין! (ווייזט אים א צייכן צום שווייגן) ש, ש, ש, איצ־טער האב איך מיך דערוואוסט, אז ער גייט דא אפט פארביי אין די העלע אויסגעשטערנטע נעכט מיט זיינע באקאנטע... (געהיימ־ניספול) אך, איך וואלט אים זייער וועלן זען!...

ש י כ ו ר — צו וואס באדארפסטו דו אים איצט? דו קענסט אים שוין איצט גאר ניט געבן. דו האסט ניט מער נאך אזא „סיורפריז״ פאר אים... (ווייזט אויפן בילד)

(פויזע)

ש י כ ו ר — (הויבט זיך אויף) איך וועל שוין גיין, איך בין מיד, איך קען מער דא ניט זיצן, איך מוז גיין מיך אויסרוען, און דו, דו מעגסט אויך שוין אהיים גיין!

ג א ס נ פ ר ו י — איך האב ניט קיין קיין היים... אט דא, דא איז מיין היים...

ש י כ ו ר — אויב דו ווילסט, קום מיט מיר!

ג א ס נ פ ר ו י — נייז, אפשר האסטו א פאפיראס? גיב מיר.

ש י כ ו ר — (נעמט ארויס א פעקל פאפיראסן, גיט איר איינעם און נעמט פאר זיך איינעם) נא, די מעגסטו רויכערן! זיי זענען שוין גראדע בעסער פאר יענע, וואס דיין „געוועזענער״ האט דיר געגעבן.

ג א ס נ פ ר ו י — מעגלעך, גיב פאררויכערן! (נעמט דעם פאפיראס אין מויל)

ש י כ ו ר — (זוכט ביי זיך אין די טאשן די שוועבעלעך, און קען פאר קיין פאל ניט געפינען, ווערט אומגעדולדיק, רעדט ארויס מיט פאר־דראס) טפוי! צום טייוול! ווייזט אויס, פארלוירן די שוועבעלעך. (צו דער גאסנפרוי) ווארט צו א ווייל, איך וועל צוגיין ערגעץ פאררויכערן (נעמט דעם הוט, פארנויגט זיך וואקלענדיק, פאר־קירעוועט אין א זייט, גייט אפ. מוזיק הערט זיך)

אין א ווייל ארום זעט מען אנקומען פונווייטן א פארל, עלעגאנט געקליידט. זיי גייען געארעמט. דער מאן זעט אוים שוין עטוואס פארעל־טערט, די פרוי אבער איז נאך גאר א יונגע און ווייזט אוים ווי זיינס א קינד; זיי קומען צו ביז צום בילד, שטעלן זיך אפ א ווייל און ריידן צווי־שן זיך שטילערהייט.

ג א ס נ פ ר ו י — (הויבט זיך אויף גאנץ שטיל פון באנק, גייט צו און שטעלט זיך אוועק הינטער זייערע פלייצעס; ציטערט אויף, רעדט ארוים שארף) א, ס׳איז ער! (ציט שנעל ארויס דאס מעסער און האלט עס אנגעגרייט. ווארט ביז זיי גייען אפ אייניקע טריט וויי־טער, דאן קומט זי זיי אנטקעגן)

ג א ס נ פ ר ו י — (ווען זי קומט צו גאר נאענט) זייט אזוי גוט, סעניאר!

דערלויבט מיר פארדרויכערן!

דער הער — (נעמט ארויס אן עלעקטרישע מאשינקע, טוט א דריק די קנאפקע, עס באווייזט זיך פייער. ער טראגט איר צו) ביטע!

גאסנפרוי — (האלטנדיק דעם פאפיראס, קוקט זיי ביידן שטארק אן, הינטערן רוקן איר האנט מיטן מעסער ציטערט. אין דער זעל־בער רגע דערקענט זי אין דער באגלייטערן איר אייגענע טאכטער. טוט א היסטערישן געשריי) מא — מארי — יא! (פאלט צוריק אויף דער באנק)

די טאכטער — (דערקענט זי. אבער וועלנדיק זיך פארהיטן, אז דער באגלייטער זאל עס ניט באמערקן, נעמט זי זיין ארעם און רופט אים אוועק) קומט, קומט אוועק פון דאנען. איר זעהט ניט, די פרוי איז טויט שיכור! ס'האט זיך איר, ווייזט אויס, עפעס אויסגעוויזן... קומט אוועק!

דער הער — יא,ווארט א ווײַלע, — כ'וועל איר עפעס שענקען. (ווארפט איר צו אייניקע ניקל, גייען אוועק)

דער וועכטער — (קומט אן. אין האנט האלט ער א שטעקן, ער גייט צו צום באנק, וואו עס זיצט די גאסנפרוי, קלאפט אן מיטן שטעקן אין באנק) שוין צייט צו גיין שלאפן! נו, פארנעם זיך! צי דו ווילסט היינט נעכטיקן אין קאמיסאריע? נו, הויב זיך אויף, גיכער! (ער שטייט א ווײַלע, און ווען ער זעט, אז זי מאכט א באוועגונג זיך אויפצוהויבן, גייט ער אוועק)

גאסנפרוי — (גייט אפ אייניקע טריט פון באנק, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטן, נאכדעם גייט זי געשווינד צום מארמאר - בילד. דאס מעסער טוט א פונקל אין איר אויפגעהויבענער האנט. זי טוט מיט דעם א פיר צוויי מאל איבערן האלדז... עס טוט א פלייץ א שטראם בלוט, זי לאזט ארויס א הייזעריקן ברום) „א!" — — — — (פארהאלט מיט דער האנט דאס בלוט, אבער עס שפריצט דורך אירע פינגער. נאכדעם, ווען זי בלייבט אן קרעפטן, כאפט זי זיך מיט די פארבלוטיקטע פינגער פארן בילד, און איר לעצטער פאר־גליווערטער בליק, וואס שפיגלט זיך אפ אין די רויטע בלוטפלעקן אויפן ווייסן מארמאר, איז פול מיט נצחון, ווי זי וואלט אן לשון זאגן:) **אהא! באפלעקט דאס בילד!... (פונוויטן הערן זיך נאך עט־לעכע שטילע אפגעריסענע אקארדן).**

(פארהאנג)

שיפס-פריינט

א בילד פון יידישן לעבן אין ארגענטינע.

פערזאָנען:

באריס.

גאלדע (זיין פרוי)

שמעון (אן ארבעטער, קוואַרטירט ביי זיי; גאָלדעס א שיפס פריינט)

זעלצער, א ענקארגאדא (הויז־פארוואלטער)

גאלדעס א קינד (נאך אין די וויקעלעך.)

ארט — בוענאס איירעס.

סצענע:

באריסעס וואוינונג: אן איינפאך קליין צימער. די ווענט געשפּאַלירט. ערטערווייז איז דער שפּאַליר אפּגעריסן, און עס הענגען אראָפּ גרויסע שטי־קער, וואס באַוועגן זיך ביי יעדן קלאַפּ פון טיר. פון ביידע זייטן — אפּגע־שלאָסענע טירן פון די שכנים, דורך וועלכע מ׳גייט ניט. אין הינטערגרונט — א טיר. די שויבן פארהאנגען מיט דינע פארהענגלער. די איינציקע טיר צום אריין און ארויסגיין. רעכטס לעבן וואנט — א פּראסט אייזערן בעטל, פלאך פארבעט. לעבן דעם ווינקל, ארויף־צו זעט זיך א גע־פארבט שאפקעלע. אויף דעם זענען אנגעשטעלט פארשידענע שטוב־זאכן: עטלעכע גלעזער מיט שאָלן, א פלאש מיט אן אפּגעבראכן העלדזל, 2 ווייסע בלומען־קריגלער, א קליין שפּיגעלע, עטלעכע פאטאגראפישע בילדער, מיט און אן ראמען, א וועק־זייגער, א טינט און פעדער. אין דער לינקער זייט צימער שטייט א הילצערנע קאטרע (אזא בעטל) פארשפּרייט מיט א האָרי־קער קאָלדרע. פון אונטער דער קאטרע זעט זיך א רענצל און א קעסטל. צו דער זעלבער וואנט איז צוגעשלאָגן א ברעטל, וואס דינט פאר א פּאָליצע. אויף דעם ליגן איניקע ביכער און צייטונגען. אין מיטן צימער א פּראסט געפארבט טישל און איניקע ביליקע בענקלעך. ניט ווייט פון טישל, א נייי־מאשין. צום פאדערגרונט זעט זיך א שטיק לעדיק צימער, ווי מ׳וואלט פון דארט עפּעס ארויסגענומען, אדער עס זאל פעלן עפּעס אהין אוועק־צושטעלן.

נ א כ ט: — אויפן טישל ברענט א לעמפּל, וואס שלאָגט אפּ א טונקלע שיין איבערן צימער. אין א ווינקל נעבן טיר — א גאז־מאשינקע, אויף וועלכער ס׳קאכט זיך א טשייניק מיט הייסע וואסער. אויפן ווינקל ליגט א קינדעריש אנצוגל, נאך ניט קיין פארענדיקטעס.

ג א ל ד ע — (א יונגע חנעוודיקע פרוי. איר געזיכט איז עטוואס אפּ־געצערט. אירע האר זענען צוזאמענגעפלאכטן און ווי א קראנץ ארומגעלייגט אויף איר קאפּ. זי איז אנגעטון אין א לאנגן שטוב־כאלאט. גייט אום איבערן צימער. אין איין האנט האלט זי א שיסל מיט צעפּירטן קראכמאל, אין דער אנדערער — א בערשטל; זי גייט צו צו יעדן ארט, וואו דער שפּאליר הענגט זיך נאך; באשמירט די וואנט און קלעפּט צו די אפּגעריסענע שטי־קער. דערנאך שטעלט זי אוועק די שיסל און זעצט זיך אוועק ביים וויגל, וויגט און זינגט עפּעס דעם קינד אין דער שטיל. הויבט אויף דעם קאפּ קומט אריין, ווארפט האסטיק אראפּ פון זיך דעם קאפּעלוש, רעדט אוים): קינדס געלעגער).

ב א ר י ס : — (א יונגערמאן פון א יאר עטלעכע און צוואנציק, טראגט א ביליקן אבער פיין גענייטן אנצוג. ער איז קענטיק פון די, וואס ליבן שטארק צו פוצן זיך, און לעבן מער אין גאס ווי אין דער היים. ער קומט אריין, ווארפט האסטיק אראפּ פון זיך דעם קאפּעלוש רעדט אוים): א, אביסל אנגעגאנגען!

ג א ל ד ע — (באטראכט אים מיט פרעגנדע בליקן) נו, וואס הערט זיך? (גייט פארלעשן די מאשינקע).

ב א ר י ס — (זעצט זיך אוועק) אי, אמעריקע!..

ג א ל ד ע — (אומקערנדיק זיך) איך פרעג דאך דיך עפּעס.

ב א ר י ס — זיך אפּגעאנגען די פים אפּשר 60 קווארדרעס!

ג א ל ד ע — נו?

ב א ר י ס — קוים געפונען איינעם.

ג: א ל ד ע — (אויך זעצנדיק זיך) א לעבן... (זיפצט שווער).

ב א ר י ס — כ'וועל מיך אפּרוען אביסל, וועל איך צוגיין; ער קען פארגעסן דעם נומער... (פאררויכערט א סיגאר).

ג א ל ד ע — דער בעל הבית איז שוין דא נאך אמאל געווען, וועגן צימער.

ב א ר י ס — וואס פאר א בעל־הבית, דער ענקארגאדא מיינסטו?

ג א ל ד ע — יא, און דאס, וואס די וועגט זענען אפּגעריסן, פון דעם וויל ער גארנישט וויסן.

ב א ר י ס — (בלאזט האסטיק דעם רויך פון סיגאר) דער ענקארגאדע, די הויט ברענט אויף אים מיטן צימער, נישקשה, ער איז ניט קראנק צוצו־ווארטן.

גאלדע — (באזארגט) שוין באלד די ענדע פון אנדערן מאנאט, אך, ווי די צייט יאגט, און איצט וועט מען דארפן צאלן פאר צוויי מאנאט מיט אמאל, (זיפצט) א, א, און דא איז פאר קיין איינעם נישטא צו באצאלן, באדענק דיך נאר!

באריס — נו, בין איך שולדיק, וואס די צייט גייט שלעכט? (דערמאנט זיך) פארוואס באלד ענדע פון אנדערן מאנאט? היינט האבן מיר דעם צוועלפטן, און צאלן באדארף מען ערשט דעם אכצעטן, וויפיל־זשע האבן מיר נאך? (ציילט אויף די פינגער) 12, 13, 14 און 15...

גאלדע — (שלאגט אים איבער) וואס טויג דיר ציילן? מ'וועט דיר שוין צו־וויסן טון. (נעמט פון וויגל דאס אנצוגל, שלעפט ארויס א נאדל פון בלוזע, פאנגט אן נייען, פויזע).

באריס — (ווי ער וואלט זיך איז עפעס דערמאנט) יא, כ'האב דיר גאר פארגעסן צו דערציילן, איך האב מיך היינט געזען מיט מיינעם א באקאנטן, ער האט געזאגט, ס'קען זיין, אז ס'איז דא א פלאץ פון מיינעט וועגן.

גאלדע — עס וואלט שוין אין אמתן צייט געווען.

באריס — (זוכט עפעס אין קעשענע) יא, ווייסט גאלדע, כ'האב היינט גענומען א צעטעלע.

גאלדע — שוין ווידער א צעטעלע? שוין ניט געפונען קיין נויטיקערס.

באריס — (זוכט) נו, שא, שא, נאר ס'געפעלט איר ניט, אפשר האסטו עפעס א גלאז טיי, גיב אהער, ס'איז מיר שוין פארטריקנט אין האלדז.

גאלדע — (גייט אנגיסן טיי, צוריקגייענדיק, קוקט זי צום קינד אין וויגל) דאס קינד שלאפט אזוי שווער. כ'האב מורא, צי ס'איז ניט צוגעקילט.

באריס — (אומגעדולדיק) נו, גיב שוין אהער די טיי אמאל. ווי זי קלויבט זיך עס דארטן (געפינט דאס צעטעלע אין קעשענע) אט איז עס!

גאלדע — (קומט צו מיטן גלאז טיי אין האנט וואס?

באריס — (ווייזט איר דאס צעטעלע) זעסט! און געווינט נאר דאס צעטעלע, הערסט גאלדע... (קלאפט איר פריילעך אין אקסל).

גאלדע — פאוואליע! וועסט אויסגיסן די טיי (שטעלט אוועק דאס גלאז אויפן טישל).

באַרים — געווינט עס נאָר, הערסט, איז דעם אַנדערן מאָנאַט ציען מיר זיך ארויס פון דאַנען, און ווייסטו וואוהין? — אין א קאַמע־דאַר!

גאָלדע — (אוועקמאַכנדיק) ווייס׳ד.

באַרים — (ווי פריער) אין א קאַמעדאַר. אָדער ווייסט גאָר וואָס, א סאַלע (טרינקט) ס׳טזען א סאַלע. זאָל זיין אונטערן שטאָט, ווי רעכנסטו קען מען געפינען א סאַלע א? גאָלדע...

גאָלדע — (גלייכגילטיק) פאַר געלט קען מען אומעטום געפינען. (נעמט זיך נייען) נו, און ווען קומט דער, וואָס דו האָסט געפונען?

באַרים — ער וועט קומען נאָך היינט ביינאַכט. ער האָט א קעסטל מיט א קאַטרע, ניט מער. (פאַר זיך) ווי זי פרעגט זיך עס אזוי נאָך.

גאָלדע — וועסטו נאָך אַמאָל ברענגען עפּעס א שלעפּער, וועל איך אים ארויסטרייבן, (פאַר זיך) נאָך ליידן פון יענעם. א. ס׳א לעבן! (נייט האַסטיק).

באַרים — איצט גראָדע ניט, דו זוכסט עפּעס אויך, איך ווייס ניט וואָס... מיינסטו, אז יעדער קען זיין געראָטן אין שמעונ׳ען (פאַר־רויכערט).

גאָלדע — (פאַרדריסלעך) ווידער שמעון. גלויב מיר, אז ער האָט דיך אפילו ניט אין זינען. און דו האַלסט אים דאָ אין איין דערמאָנען. וואָס האָט ער דיר אזעלכעס געטון, וואָלט איך געוואָלט וויסן?

באַרים — גאָרניט. ער איז טאַקע דיינער א שיפס־קרוב, נאָר כ׳האָב פיינט, אז מען מישט זיך מיר אין מיינע געשעפטן... פאַרשטייסטו? (נעמט א צייטונג פון פּאָליצע, זעצט זיך אוועק, לעזט שטיל).

גאָלדע — (מיט א איראָנישן שמייכל) מאָל דיר, די גרויסע געשעפטן דיינע, איז זיך טאַקי כדאי שטענדיק ארומצוקריגן. זעסטו, דאָס יאָ: ווען ער זאָל זיך ניט האַלטן ביים ארויסציען, וואָלסטו איצט פאַרשפּאַרט ארומצוזוכן. (בייכט איבער א פאָדעם מיט די ציין).

באַרים — ווען, ווען ס׳זאָל אָבער ניט געווען קומען דערצו...

גאָלדע — (גוטמוטיק) גלויב מיר, אז ס׳אַרט מיך ווייניק, וואָס דער קוואַרטיראַנט וועט זיך ארויסקלייבן, און הלואי וואָלט איך געקענט אויסקומען אָן זיי, ווי איך וואָלט געדאַנקט גאָט. אָבער ווער איז דיר שולדיק? אז דו אליין זוכסט זיך צו קריגן. איין מאָל האָסטו

אים באליידיקט? ווען דו פלעגסט אים זען אמאל ריידן מיט מיר. (עטוואס איינגעהאלטן) און נאך אלעמען, איז ער דאך אזא שטי־לער... (זי מאכט עטוואס גרעסער דאס פייער פון לעמפל).

באריס — (קרענקלער) יא, שטיל וואסער... אלע דיינע לאנדסלייט. אלע זיינען זיי פיין און גוט, נאר איך, איך איינער געפעל דיר ניט. (זוכט עפעס אין ציטונג).

גאלדע — וואס ווילסטו זאל מיר געפעלן? דאס וואס דו זוכסט זיך צו יעדן און קענסט מיט קיינעם ניט אויסקומען. אט איז דער קוואר־טיראנט; ערשט ניט לאנג, אז ער איז דא, און דו האסט שוין אומ־פעיעט זיך מיט אים צו קריגן.

באריס — און איבער וועמען איז עס? ניט איבער דיר? ווייל דו ווערסט באלד היימיש מיט אלעמען. ערשט ניט לאנג און דו ביזט שוין מיט אים היימיש געווארן... געפינט עפעס אין ציטונג. שטרייכט אונטער מיט א בלייפעדער).

גאלדע — היימיש... כאטש ער קען מיך נאך פון פריער, נאך פון דער שיף. ס'זענען נאך פאראן באקאנטע מיינע, וואס זענען מיט מיר אינאיינעם געקומען.

באריס — (ווי צו זיך) אז א שיעור באקאנטע. ווי די הינט אקוראט. (העכער) זעסטו, און פון די אלע, איז קיינער ניט געווען אזוי נאריש זיך מיט דיר צו פארבינדן, און ווען ניט איך, וואלט פון דיר געקענט ווערן א שיינער לייט, ביז אימיצער וואלט זיך אין דיר דערמאנט, פון אט די אלע באקאנטע דיינע.

גאלדע — (איראניש) און דיר קומט דאך צו פארדאנקען. דו האסט דאך מיך צו א תכלית געבראכט...

באריס — ווער דען? (שטרייכט אונטער די ציטונג) לא פלאטא, איינס. מ'דארף מארגן צופארן. (ווארפט מיט כעס די ציטונג אויפן טישל, הויבט זיך האסטיק אויף) א, צום טייוול! דריי זיך אום דעם קאפ... פאר ארום, זוך; עס קומט צו עפעס, האט זי נאך פרעטענזיעס: פארוואס האסטו עס ניט געזאגט פריער, אט דאס דאזיקע, אז איך געפעל דיר ניט, פארוואס, א?

גאלדע — פארוואס, ווייל אין דעם אוונט ווען דו האסט געזאגט, אז דו באשליסט זיך מיט מיר חתונה צו האבן, ביז איך געווען איבער־

גליקלעך, איך האָב מיר געטראַכט: אַט האָב איך געפונען אַ פריינט אין לעבן. ער איז מיין רעטער געווען, און אים איינעם געהער איך איצט אין גאַנצן: מיין ערע, מיין נשמה, מיין יוגנט, אַלעס גע־הערט אים נאָר איינעם. און זעסטו, איך האָב מיינס ערפילט, איך האָב בלינדערהייט מיך איבערגעגעבן. ווייל...

באַרים — (כאַפּט אונטער) ווייל... נו, יאָ, זאָג שוין...

גאָלדע — ווייל איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט דאָס, וואָס איצט... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אַן אַנדערער...

באַרים — (ווי צו זיך) אַן אַנדערער! און דערנאָך הייסט עס, אַז דו האָסט געזען, אַז איך בין ניט קיין אַנדערער, האָסטו מיך באַארבעט. (שאָקעלט מיטן קאָפּ) אַ, אַמעריקע!

גאָלדע — (איר ריידן ווערט אַלץ ערנסטער) הער אויס, באַרים, אויב דו טראַכסט שוין יאָ, אַז איך האָב דיך אָפּגענאַרט. איך הער, דו רעדסט עס אָפּט איבער, און דו פילסט אַפילו ניט, צי עס ערגערט מיך. זעסטו, איך וואָלט דיר געקענט אויסרעכענען גענוג זאַכן, וואָס דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן פאַר דער חתונה, אָבער איך וויל עס ניט, ווייל עס וועט מיר סיי ווי גאַרניט העלפן...

באַרים — רייד... רייד...

גאָלדע — געדענקסט כאָטש .. געדענקסט כלה־ווייז, וואָס פאַר אַ גליקן דו פלעגסט מיר פאַרשטעלן. האָס געזאָגט: וועסט אַריינגעמען אַ גאַרדעראָב געשניצטע מעבל, וועסט קויפן שיינע בילדער, וועסט אויסשטעלן אַ צימער, אַז ס׳וועט זיין אַ פאַרגעניגן אַריינצוקומען, און נאָך זאַכן, ווי דו האָסט עס אַביסל אַנגערעדט! איך קען מיך שוין ניט אַנגעדענקען...

באַרים — (אַרומשפּאַצירנדיק) כ׳האָב טאַקע אַזוי געדענקט... אָבער... (בלייבט שטיין, הערט זיך איין.)

גאָלדע — (ניט מערקנדיק) און דער סוף איז געווען, אַז באַלד נאָך דער חתונה, האָט מען שוין געמוזט אַריינגעמען קוואַרטיראַנטן, ווען ניט, וואָלט ניט געווען מיט וואָס דירה־געלט צו־צאָלן. און איז דער צייט פון מיין שוואַנגערן, געדענקסט? דו פלעגסט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע נעכט, און איך בין געזעסן אַנגעבונדן ביי דער מאַשין, ביז אין דער לעצטער מינוט... אַ גליק, וואָס די גיכע הילף האָט מיך

צוגענומען. ס'וואלט מיר אויסגעקומען דא אויסצוגיין ווי א ליכט, מיטן קינד אינאיינעם, (שמייכלט ביטערלעך) יא, נאך דאס האט מיר געפעלט, אין קינפעט צו ליגן אין דעם צימער, (ווייזט מיט דער האנט) אט דא, דאס בעט מיטן וויגל, און קעגנאיבער, די קאטרעס מיט די קווארטיראנטן: און דאס אלעס — אין איין צימער. באַ-דענק דיר נאר...

באַריס — נו, וואס איז דארט אזוינס? קוק זי נאר אן, די פרומע מיינע, ניט געוואוינט געווארן ביים טאטן. ס'איז אמעריקע. שענערע פון דיר קומען אהער, און ווערן נאך צו ערגערס צוגעוואוינט... ניש־קשה, וועסט זיך צוגעוויינען... ס'מאכט ניט... (שפּאצירט אום איבערן צימער).

גאָלדע — (הויבט זיך אויף מיט פארשטיקטן כעס) ניין... ניין... מיר איז עס אוממעגלעך... אוממעגלעך זיך צו־צוגעוואוינען... איך קען עס ניט... (זי ציטערט אויף) אך! גאָט מיינער! וויפיל מאָל האט מיין הארץ שיעור ניט געפּלאצט פון שאנד!.. (איינגעהאלטן) און זעסטו, איך האב דיר פאר דער גאנצער צייט קיין איין מאָל וועגן דעם ניט פארגעהאלטן, קיין איין איינציק מאָל ניט, און דו? אבער גענוג, געווים ביזטו נאך גערעכט.

באַריס — ניין, דיר אפגעבן גערעכטיקייט? דו דערציילסט מיר פון אמאָל, און איך רייד מיט דיר פון איצט. פון איצטער רייד איך מיט דיר. איך האב נאך דערווייל קיינעם ניט געבראַכט אהער פון מיינע באקאנטע. און דו? דא ביי מיר איז שטוב, פארגינסטו זיך צו פירן שקאנטעס מיט דיינע לאנדסלייט. אויב ס'געפעלט דיר אזוי, קענסטו זיי נעמען אהין, צום פריינטל צו דיינעם. (בּלאזט האסטיק דעם רויך פון סיגאר)..

גאָלדע — (געערגערט) וועסט מיר אפשר פארווערן מיט א מענטשן צו ריידן? דאס אויך ניט? גראדע דאס וועסטו ניט אויספירן.

באַריס — (אויפגערעגט) ניט אויספירן, און ווער בין איך ביי דיר? ווער? (כאפט דאס גלאז פון טיש, דרויעט גאָלדען) שווייג, זאג איך דיר. שווייג! וואר'ן דו כאפּסט דאס גלאז אין קאפּ אריין. דו הערסט? (טוט עס א שליידער אויפן פאָל. עס ווערט צעשמע-טערט).

גאלדע — (צושראקן) וואס טוסטו, ביזט פון זינען אראפ?
באריס — (לויפט צום שאפקעלע, גאלדע פארהאלט אים, ער שרייט) גיי אוועק... גיי אוועק, זאג איך דיר מיט גוטן. וואָרום...
גאלדע — שריי ניט אזוי, וועסט איבערשרעקן דאס קינד... (וויל אים פארהאלטן).
באריס — (טוט זי א שטארקן שטוים פון זיך. זי פאלט. ער כאפט א פאר פאטאגראפישע בילדער. שליידערט זיי אין דער פארלאגע. שרייט אוים) נא! אט האסטו, ניט אויספירן...
גאלדע — (הויבט זיך אויף, פאלט צו צום טישל. ברעכט אוים אין א געוויין).
באריס — (כאפט האסטיק דעם קאפעלוש, גייט ארויס. געבנדיק א שטארקן קלאפ די טיר אונטער זיך. פויזע).
גאלדע — (הויבט אויף דעם קאפ. אירע האר האבן זיך פאנאנדער־געשפילעט און הענגען איצט אראפ. זי קוקט זיך א ווײַלע ארום. באמערקט די צובראכענע שטיקער אויפן פאל. הויבט זיך אויף, פארשארט זיי מיטן פוס אין א ווינקל. גייט צו צום וויגל. קוקט צום קינד און ווישט זיך די טרערן. אין דער זעלבער צייט, הערן זיך פון א שכנישער טיר פיאנא אקארדן, גאלדע שמייכלט דורך טרערן צום קינד) אָ, מיין גאט, ווי שיין דו ביזט!.. וואסערע צוויי ליכטיקע אייגעלעך דו האסט, א געזונט אין דיר! (מ׳קלאפט אין טיר) פאסא! *)
שמעון — (קומט אריין, כמעט אין איינע יארן מיט באריסן, געקליידט אין א פראסטן איינפאכן אנצוג, זעט אוים עטוואס מיד, ווי נאך וואס פון דער ארבעט. ער קומט נעענטער) גוטן אוונט!..
גאלדע — גוטן אוונט! (היט זיך, אז שמעון זאל ניט באמערקן אירע פארוויינטע אויגן).
שמעון — (קוקט זיך ארום א ווײַלע, באמערקט גאלדעס אומעטיקייט, רעדט ארוים) איר זענט, מיר דאכט, עפעס אומעטיק, גאלדע...
גאלדע — אומעטיק? וואס, כ׳בין קיינמאל ניט פריילעכער... איר וועט אפשר טרינקען א גלאז טיי, שמעון? — זיצט!

---

*) אריין!

שמעון — א דאנק, אויב ס'איז דא, וועל איך טרינקען. (נעמט א ביכל פון פאליצע).

גאלדע — יא, ס'איז דא א פארטיקע. (נעמט א גלאז, גייט אנגיסן טיי, דערלאנגט צום טישל).

שמעון — (באמערקט אירע פארוויינטע אויגן) מיר דאכט, עס זענען אייך די אויגן עפעס אזוי ווי פארוויינט?.. איר האט געוויינט?. (זעצט זיך אוועק, עפנט דאס ביכל).

גאלדע — (אומקערנדיק זיך) וואס אייך קען זיך דאכטן! (גייט צו צום שאפקעלע, נעמט דאס שפיגעלע, ווישט מיטן טיכל די אויגן. צו שמעונען, וועלכער קוקט ניט צו איר) זאגט מיר דעם אמת, שמעון, ווען איר זאלט מיך געווען זען אין גאס, איידער איר זייט געקומען אהער, וואלט איר מיך דערקענט?

שמעון — (ניט קוקנדיק צו איר) דערקענט? — פון ווייטן, ווייס איך ניט, אבער מעגלעך, אז יא... (טרינקט אנגעשטרענגט).

גאלדע — (ווי צו זיך) אזוי פארענדערט! (העכער) אויף דער שיף האב איך אנדערש אויסגעזען... א? (זעצט זיך אוועק, נעמט נייען דאס קינדערשע אנצוגל).

שמעון — (ווי ער וואלט זיך אין עפעס דערמאנט) יא, וואו זייט איר עס אהינגעקומען דעמאלט, ווען מיר זענען אראפ פון שיף? איך האב אזא צייט אייך ארומגעזוכט, אין פארשידענע ערטער... און עס איז אוממעגלעך געווען אייך צו געפינען. מיר זענען דאך צוזאמען פון שיף אראפגעגאנגען — און איר זייט פלוצלינג ווי פארשוואונדן געווארן...

גאלדע — (מיט אראפגעלאזטע ברעמען) איך האב מיך אויך פיל מאל אויף אייך נאכגעפרעגט, נאר איך האב ביי קיינעם קיין ענטפער ניט באקומען. און מיר וואונדערט איצט אויך, ווי אזוי בארים האט אייך עפעס גראדע געפונען...

שמעון — ס'איז עפעס טאקע אן אומגעריכטער צופאל געווען אין יענער אוונט. איך קום אריין אין רעסטאראן, זע איך, ס'שטייט א יונגערמאן, און פרעגט ביי איינעם, צי האט ער ניט עפעס א באקאנטן, וועלכער זוכט א קווארטיר, און איך האב גראדע דעמאלט א קווארטיר געזוכט... (מיט א קוים באמערקבארן שמייכל) און אט,

האָב איך געפֿונען...

גאַלדע — (נייגעריק) און ווען איר האָט פּלוצלינג מיך דאָ דערזען?..

שמעון — (ניט זייער הויך) כ'געדענק שוין ניט אַקוראַט; מיר דאַכט, איר זייט אַזוי געזעסן אָנגעשפּאַרט אויפֿן בעטל, צי איר האָט געהאָט איינגעדרימלט, אָדער איר האָט עפּעס געטראַכט אַזוי אין דער שטיל, ניט ריידנדיק... כ'געדענק ניט... (רוקט אָפּ דאָס ליידיקע גלאָז) אַ דאַנק. (בלעטערט דאָס ביכל).

גאַלדע — און איך געדענק יענע נאַכט... ס'איז דאָך שוין געווען שפּעטער, ווען איר זייט געקומען... און מיר קומט אָפּט אויס צו בלייבן אַזוי אַליין ביז שפּעט אין דער נאַכט. פֿאַר אייער קומען אַהער איז דאָ קיינער ניט געווען, און איך פֿלעג אַזוי אָוועקזיצן פֿיל נעכט, איינע אַליין. אַמאָל וואַכנדיק און אַמאָל דרימלענדיק. דעמאָלט האָב איך אויך געהאַט איינגעדרימלט. און איר וועט גאַרניט טרעפֿן, וואָס פֿאַר אַ זעלטענעם חלום איך האָב דעמאָלט געזען... ער שוועבט מיר נאָך ווי איצט פֿאַר די אויגן.

שמעון — כ'וואָלט אייך געבעטן, אויב איר ווילט, דערציילט; יאָ, איר ווייסט, גאַלדע, אַ חלום איז אָפֿטמאָל פֿיל אינטערעסאַנטער ווי די ווירקלעכקייט... דערציילט גאַלדע! (ער שטעלט נעענטער זיין בענקל צו אירן).

גאַלדע — (מיט אַ נאַיווער געלאַסנהייט) מיר האָט געדאַכט, ווי מיר פֿאָרן בייניאַכט אויף דער שיף... (ס'הערן זיך ווידער די פּיאַנע אַקאָרדן.)

שמעון — (ווי אין אַ ווייטער עראינערונג) אַה, יענע וואונדער־שענע נאַכט...

גאַלדע — (זעצט פֿאָר) און פּלוצלינג איז געוואָרן אַ שטורעם אויפֿן ים, און כוואַליעס, הויכע, שרעקלעכע כוואַליעס, האָבן זיך געטראָגן איבער אונדזער שיף, און זי געוואָרפֿן אויף אַלע זייטן, ביז זי האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין. און די מענטשן פֿון אינעווייניק, פֿאַר שרעק, האָבן זיך אָנגעכאַפּט איינער אין אַנדערן... איינער אין אַנדערן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי האָבן געוואָלט אַרויס פֿון שיף, און זיך צונויפֿגיסן אינאיינעם מיט די הויכע וואַסער־בערג, און דורך זיי געראַטעוועט ווערן... זיי האָבן דאָך אָבער פֿון שיף ניט גע־

קענט ארויס... און אזוי האבן זיי געזונקען אינאיינעם מיט איר, אלץ טיפער און טיפער... און דא האב איך פלוצלינג דערהערט אייך קלאפן אין טיר, און איך האב מיך אויפגעכאפט...

שמעון — יא... איר ווייסט, גאלדע... זעלטן ווען אונדז טרעפט זיך אי־בערצולעבן דאס זעלבע אין דער ווירקלעכקייט... נאר איין מאל... איין מאל האבן מיר א ים־חלום געזען... דאס איז געווען יענע נאכט אויף דער שיף... איר געדענקט, גאלדע? ווען מיר זענען אויפן דעק געזעסן. די נאכט איז א קילע, א ליכטיקע געווען; מיר האבן דאך שוין געהאט אפגעשוואומען ווייט, ווייט פון דער ערדן־וועלט... פאר אונדז איז דאן געלעגן א ברייטע ווייטע וואסער־וועלט... באגאסן מיט לבנה־שיין... איר געדענקט יענע נאכט, גאלדע?

גאלדע — (מיט א זיפץ) א, אזא נאכט איז שווער צו פארגעסן...

שמעון — (באגייסטערט) איר ווייסט, גאלדע, ס'האט אויסגעזען ווי עפעס א הייליקע יום־טוב־נאכט אויפן ים... אלעס ארום איז געווען ווי פארטרונקען אין א שטילער פינקלענדער שיין...

גאלדע — כ'געדענק, ווי איר האט מיך אנגענומען ביי דער האנט און מיך צוגעפירט צום אנלען פון שיף...

שמעון — יא, א לאנגע צייט זענען מיר אזוי געשטאנען און געקוקט אויף די כוואליעס, וואס האבן שטיל געמורמלט ארום אונדז... (מיט באגייסטערונג) יענע שטילקייט האט עפעס א וואונדערלעכן סוד אין זיך באהאלטן... ס'האט דעמאלט עפעס געחלומט דער ים...

גאלדע — (מיט א זיפץ) קען זיין, ער האט געחלומט וועגן די אומ־גליקלעכע לעבנס, וואס זענען דורך אים פארלוירן געגאנגען... (א קורצע פויזע).

שמעון -- איר ווייסט, גאלדע, פיל־מאל זענען מיר אליין די שולדיקע אין אט די פארלוירענע לעבנס... נאר מיר ווייסן ניט און מיינען, אז דאס קומט צופעליק.

גאלדע — (זיפצט שווער) יא, און ווען מיר דערוויסן זיך, דאן — איז שוין פארפאלן...

שמעון — (שפאצירט אום איבערן צימער, קענטיק, ווי ער וויל עפעס ריידן און קען זיך ניט אנטשליסן, שטעלט זיך ענדלעך אפ לעבן

גאָלדען. רעדט ארויס) גאָלדע, צי דענקסט איר אין אמתן, אז ס'איז שוין גאר קיין רעטונג ניט פאראן פאר אייך?.. ווען איר וואָלט נאָר מער מוט האָבן און זוכן אייער רעטונג, וואָלט איר געוויס געפֿונען...

גאָלדע — (נאכדענקענדיק) אַ! ווען איך וואָלט געהאַט דעם מוט פון דעמאָלט... (שווייגט א ווײַלע, זיפצט שווער) מיר דאַכט, איך וועל מיך שוין אזוי פּלאָגן און לײַדן, ביז דאָס לעבן מײַנס וועט פאר מיר אזוי שווער ווערן, אז איך וועל עס שוין מער ניט קענען דערטראָגן... און איך וועל פאַלן... פאַלן אונטער דער שווערער לאַסט, און צוזאַמען מיט מיר, אויך מײַן אָרעם קינד, און דאַן, וועט זײַן א סוף צו אונדזערע לײַדן. (שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף ביידע הענט).

שמעון — (נאָך א קורצן שווייגן) הערט אויס, גאָלדע, איך האָב פאר אייך א רעטונג, אויב איר ווילט.

גאָלדע — (פאַרטרויליך) יאָ, וואָס?

שמעון — אַנטלויפט פון אָט דעם פאַרשאָלטענעם לעבן... איר האָט סײַ ווי ניט, וואָס אָנצואָווערן... דאָס איז דער איינציקער אויסוועג.

גאָלדע — (אָנווייזנדיק צום וויגל) און דאָס קינד? דאָס קינד קען איך ניט און וויל ניט אָנווערן...

שמעון — מיטן קינד.

גאָלדע — וואוהין?

שמעון — קומט מיט מיר, גאָלדע, מיר וועלן געפינען וואוהין...

גאָלדע — דאָס איז אוממעגלעך!

גאָלדע — ווייל מ'וועט אייך פאַרפאָלגן. צו וואָס זאָלט איר לײַדן?

שמעון — וואָס האָב איך מורא? קיין אָרענטלעכע וועלן אונדז ניט פאַרפאָלגן.

גאָלדע — (שמערצלעך) אַך, שמעון, איר קענט ניט די מענטשן... אויף זיי איז אַלעס צו גלייבן...

שמעון — דאָס קען מען אויך באַוואָרענען... מיר דאַרפֿן ניט בלײַבן דאָ. מיר קענען אַפּפאָרן פון דאַנען... איך וועל קויפן צוויי שיפסקאַרטן פאר אונדז ביידע. (מיט ענטוזיאַזם) און ווייסט איר וואָס נאָך, גאָלדע? מיר וועלן ווידער אַמאָל האָבן א יום־טוב — נאַכט אויפן ים... ווי יענע...

גאלדע — (פאר זיך ווי דערמאַנענדיק זיך) ווי יענע?!..

שמעון — יאָ, גאָלדע... ווי יענע... די הייליקע יום טוב נאַכט אויפן ים...

גאלדע — (שטיל) וועט זיך מער ניט אומקערן...

שמעון — זי וועט ווידער זיין... גאָלדע.

גאלדע — (שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) אָ, ניין... שוין אַ פאַרלוירענע...

שמעון — מיר קענען זי צוריקגעפינען... יאָ, גאָלדע... מירביידע קענען זי צוריקגעפינען...

גאלדע — (ווי פריער) אָ, ניין... אוממעגלעך... אוממעגלעך... (פּויזע)

שמעון — (איז אַ ווײַלע אַרום) באַשליסט אייך גאָלדע, ווײַל איצט קענען מיר אַליין באַשטימען: — יאָ, אָדער ניט. (שפּאַצירט אום איבערן צימער).

גאלדע — (רופט) שמעון! (ער גייט צו, זי נעמט אים אַן פאַר ביידע הענט רעדט שוואַך) שמעון, פאַרוואָס זייט איר אַזוי שפּעט... (קוים וואָס מ׳הערט) — אַזוי שפּעט געקומען? (לאָזט לאַנגזאַם אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ברוסט, פּויזע, מען הערט קלאַפּן אין טיר).

שמעון — (רופט) פּאַסאַ!...

זעלצער — (קומט אַריין. ער איז אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט אַ בלאָנדע בערדעל. גייט אָן אַ ראָק, אָן אַ הוט, בלויז אין דער זשילעט, פון וועלכער עס שטעקן אַרויס די ווײַסע אַרבעל פונעם אויבער־העמד. דאָס העמד איז אָן אַ קאָלנער, די האַלז־זאַפּינקע איז פונאַנדערגעשפּיליעט. ווען ער קומט נענטער) בוענאַ נאַטשע!..

גאלדע — גוטן־אָוונט!.. (ווי צו זיך) שוין ווידער דאָ.

זעלצער — דער סעניאָר איז ניטאָ? (קוקט זיך אַרום)

גאלדע — ניין... נאָר־וואָס אַוועקגעגאַנגען.

שמעון — (נעמט אָפּ פון אַ רענצל פון אונטער דער קאַטרע, פּאַנגט אָן צונויפלייגן זיינע זאַכן, מיט וועלכע ער איז פאַרנומען כמעט די גאַנצע צייט פון זעלצערס אַנוועזנהייט. גאָלדע מערקט עס ניט).

זעלצער — (האַרט) הערט, סעניאָרא. כ׳האָב געוואָלט אייך זאָגן וועגן צימער. וואָס מיינט איר, איך קען אייך אומזיסט האַלטן דאָ ביי מיר, אָ?

גאלדע — אפשר איז מעגלעך, איר זאָלט עס זאָגן מיין מאַן, ניט מיר?..

זעלצער — ס׳מעג זיין אייך, כ׳האָב געוואָלט אייך זאָגן אַט וואָס:

פאַרווּס האָט איר גאָרנישט אײַנגעצאָלט, און פאַר יענעם מאָנאַט האָב איך בײַ אײַך נישט געקריגן, און דאָ ענדיקט זיך שוין באַלד דער אַנדערער מאָנאַט.

גאָלדע — נו, וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?

זעלצער — וואָס איך וויל, איר ווייסט נישט, אַז מ'דאַרף אײַנצאָלן פאַרן צימער? כ'האָב שוין בײַ אַלע שכנים אויפגעמאָנט (אין זײַט) האָסטו דיר נאָך אַ קלאָוועס אין דירה־געלט.

גאָלדע — הערט סעניאָר, איך האָב בײַ אײַך דאָס צימער נישט געדונגען, און איר האָט מיט מיר נישט וואָס צו ריידן.

זעלצער — מיר איז אַלץ איינס, דער סעניאָר און איר, איר פאַרנעמט ביידע דאָס צימער, דערצו נאָך אַ קינד און אַ קוואַרטיראַנט, איר פאַרשטייט? נישט גענוג מ'צאָלט נישט, האַלט מען נאָך קוואַרטיראַנטן.

גאָלדע — איך בעט אײַך, סעניאָר, לאָזט מיך צורו. מײַן מאַן וועט קומען וועט איר אים זאָגן.

זעלצער — צורו לאָזן. געזען אַזעלכעס? און פאַרן הויף וועט איר אײַנ־צאָלן? און וויל פון גאָרנישט ווײסן... אָדער צאָלט, אָדער ציט אײַך אַרויס... איינס פון די ביידע...

גאָלדע — (דרייט זיך אויס מיט אַ זײַט צו אים, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט. זיפצט).

זעלצער — (מיט ווייכע רייד) ווייסט איר גאָר וואָס, בײַ מיר ליידיקט זיך אויס אַ צימער דאָרט אַרויף, נאָך אַרויף, אין פאַנדע. ער איז אַביסל אַ טונקעלער, דערפאַר וועט אײַך אָבער קאָסטן ביליקער, סי סעניאָרא, אַ סך ביליקער...

גאָלדע — איך בעט אײַך, סעניאָר, לייגט מיר נישט פאַר אַזעלכע זאַכן... מיר איז גענוג טונקל דאָ אויך...

זעלצער — נאָך וואָס־זשע האָט איר אײַך אַרײַנגעקליבן? איך האַלט שטענדיק סאַלטעראָס, און די צימערן זענען בײַ מיר דעם גאַנצן טאָג געשלאָסן.

שמעון — (גייט צו נענטער) אַזוי, הייסט־עס, וואָלט איר וועלן אין צווייען: אי צאָלן זאָל מען אײַך, אי די צימערן זאָלן בײַ אײַך זײַן געשלאָסן... אפשר וואָלט גלײַכער געווען, נעכטיקן אויך נישט אַהיים קומען?

זעלצער — (מיט כעס) האסטו דיר, נאך א גרינע חיה! אויך דא אין דער מיט!

שמעון — און ווער זייט איר? א געלע חיה. איר רייסט זיך אריין ביי־נאכט אין א פרעמדער שטוב... מיט א ווילדקייט טאקע פון א חיה... סי, סעניאר!..

זעלצער — (אויפגערעגט) הער נאר, דו, מיט וועמען רעדסטו? מיינסט ס׳איז דיר די קאמפאניעראס דיינע, וואס איך זע זיי קומען אהער אלע נאכט מיט די ביכלער... עפעס געעפלן זיי מיר ניט די קאמפא־ניעראס דיינע...

שמעון — וועט איר האבן א ברירה זיך מיט זיי ניט צונויפקומען.

גאלדע — (צו שמעון) הערט אויף, שמעון, צו וואס טויג עס אייך...

זעלצער — (ווערט נאך מער אויפגערעגט) הערט, סעניארא, מארגנדיקן טאג זאל ער זיך ארויסציען פון דאנען, איר הערט, וואס מען זאגט אייך... מארגנדיקן טאג...

שמעון — הערט סעניאר... אפשר וואלט איר געווען אזוי גוט און ארויס־גיין פון דאנען, צי אירווארט, מען זאל אייך אננעמען פאר די פלייצעס?

זעלצער — (לאזט זיך צו צו אים נעענטער) וועמען אננעמען פאר די פלייצעס? א? וועמען? (דרויעט שמעונען מיטן פויסט).

שמעון — (גלייכגילטיק) דעם סעניאר זעלצער...

גאלדע — (צוביידע) הערט אויף, איך בעט אייך.

זעלצער — (גייט אפ אייניקע טריט, שטעלט זיך פון ווייטן, קוקט אמאל אויף גאלדען, אמאל אויף שמעונען, מיט פארדאכט אין בליקן, ברומט אוים) הם... אזוי גאר!.. בוענא... בוענא.. ער וועט זיך שוין ארויסציען ביי מיר... ער וועט זיך שוין ארויסציען... (גייט אפ, געבנדיק א שטארקן קלאפ מיט דער טיר הינטער זיך. קורצע פויזע).

שמעון — (פארענדיקט צונויפלייגן זיינע זאכן. ער נעמט אראפ די ביכ־לער פון פאליצע, לייגט זיי אריין אין רענצל. רעדט פאר זיך) אזא באנגעניש!..

גאלדע — (באמערקט, ווי שמעון קלויבט זיך) וואס טוט איר עס, שמעון?

שמעון — איך נעם צונויף מיינע זאכן.

ג אָ ל ד ע — צו וואָס פלוצלינג?

ש מ ע ו ן — איך וויל מיך אַרויסציִען פון דאַנען... איך מוז מיך אַרויס־ציִען...

ג אָ ל ד ע — אפשר איבערן ענקאַרגאַרדע...

ש מ ע ו ן — ניין, גאָלדע... נאָר ווייל איך טאָר דאָ מער ניט וואוינען... איר פאַרשטייט מיך, גאָלדע? (ער נעמט דאָס רענצל, גייט צו צו איר) אַדיע!.. גאָלדע!.. עס קען זיין, אַז אונזער איצטיקעס באַגע־גענען זיך, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, איז געווען אַ דערמאַנונג פון אונדזער פאַרלוירענעם גליק... אַדיע!.. (ער נעמט איר האַנט, קושט אירע פינגער און לאָזט זיך גיין צו דער טיר).

ג אָ ל ד ע — (שטייט ביים וויגל אָנגעהאַלטן מיט איר האַנט אין אַ בענקל. זי ציטערט. פאַלט אויפן בענקל מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין וויגל. פּלאַצט אויס אין אַ שטילן שמערצלעכן געוויין, ציטערנדיק פון ווייטיקלעכער אויפרעגונג).

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

בוענאָס איירעסער קינדער

דראמע אין פיר אקטן פון יידיש - ארגענטינישן לעבן.

פּערזאָנען:

א ב ר ה ם ג ל א ס ק י ן. — אייגנטימער פון א מעבל געשעפט. אלט א יאר פופציק.

הי נ ד ע. — זיין פרוי, עטלעכע יאר יינגער; האלט זיך גאנץ יונג.

ס י מ ע. — (סאפיע) זייער עלטערע טאכטער, א מיידל פון אריבער צוואנציק יאר.

א נ י ט א. — זייער יינגערע טאכטער, א מיידל פון א יאר זיבעצן.

מ י ג ע ל. — זייער זון, א בחור פון עטלעכע און צוואנציק יאר.

ל ע א ן. — זייער עלטערער זון, א פארהייראטער קוענטעניק.

ס א מ ו ע ל. — סימעס חתן, כמעט אין איינע יארן מיט מיגעלן.

ע ל י א ס. — גלאסקינס א קרוב, א בחור פון א יאר דרייסיק (א שניצער).

נ ח מ ן. — הינדעס פעטער, ביי זיבעציק יאר.

ק ל א ר א. — סימעס א חברטע, אן אקושעריו.

י ע ק ב. — (כאקאבא), א פעאן ביי גלאסקינען, אלט א יאר צוויי און דרייסיק.

י ו ז ע פ א. — א דינסטמיידל, אן ארגענטינעריו.

א ל ב ע ר טא. — א קאנצערטיסט, א שפאניער.

די האנדלונג קומט פאר אין בוענאס איירעס. דער צווייטער אקט קומט פאר אין א זומער - וואוינונג אויסן שטאט. פון ערשטן ביזן צווייטן אקט — עטלעכע חדשים; פון דריטן ביזן לעצטן אקט — א קנאפער יאר. — צייט: די געגנווארט.

סצענע:

ביי גלאסקינען אין הויז. א גרויסע שיינע רייכע סאליע, געשניצטע לואים קינסע מעבל. אויף די ווענט גרויסע לאנדשאפטן און אייניקע אייל בילדער. אין מיטן סאלע — א האלב רונדיק טישל, אויף דעם א קרוג מיט בלומען, ארום — אייניקע ווייכע שטולן. אין הינטער - גרונט — א פיאנע, אין דער לינקער זייט א ווייכע זאפע, איבער וועלכער עס זעט זיך ביים וואנט א קליין עלעקטריש הענגלעמפל, די טירן פון רעכטס און לינקס, — פארהאנגען מיט רייכע גארדינען, אין מיטן — א גרויסער עלעקטרישער לאמפ.

א וו נ ט : אין סאלע איז האלב טונקל. דער גרויסער לאמפ איז נאך נים אנגעצונדן, ארויפצו איבער דער זאפע, ברענט דאס קליינע עלעקטרישע לעמפל און שלאגט אפ א שוואכע שיין אויף א קליינעם שטח, לאזנדיק די איבעריקע טיילן פון סאלע אין דער טונקלקייט.

אויף דער זאפע זיצט גלאסקין, קוקט איבער אייניקע בריוו. טראגט א בלאנד געשוירן בערדל, דער קאפ שוין אביסל גרוילעך, אין דער צייט פון לייענען אדער שרייבן באנוצט ער פענסנע, וואס איז כמעט תמיד ביי אים אין זשילעט - קעשענע איינגעשטעקט. הינדע באווייזט זיך אין טיר פון אנדערען צימער, אנגעטון אין א רייכן שטוב כאלאט.

הינדע: (גייט צו נענטער צום מאן) ביסט נאך פארנומען?

גלאסקין: (קוקט זיך אום) פארנומען, וואס איז? האסט עפעס באדארפט?

הינדע: כ'האב דיך געוואלט עפעס פרעגן.

גלאסקין: באלד, איך האב דא א פאר נויטיקע בריוו איבערצוקוקן.

(הויבט זיך אויף, גייט צום טישל מיט א פאפיר אין האנט).

ה י נ ד ע — ס'קען זיין, זיי זאלן אינגיכן קומען, זאל איך אפשר הייסן פאר זיי עפעס צוגרייטן?

ג ל א ס ק י ן — קענסט צוגרייטן, אבער ס'איז נאך דא צייט, זיי וועלן אזוי גיך ניט קומען. סאמועל האט מיר געזאגט, אז זיי דארפן איינ־קויפן אייניקע זאכן דא אין שטאט (זעצט זיך לעבן טישל, ווענדט זיך צום ווייב) הערסט, הינדע, דו קענסט דיר גאר ניט פארשטעלן, אויף וויפיל איך בין צופרידן, וואס דער חתן איז איצט געקומען און מען וועט קענען מאכן אן ענדע מיט דער חתונה, ס'איז גלייכער — וואס פריער, חתן כלה זאלן זיך ווייניקער ארומשלעפן... פארשטייסט.

ה י נ ד ע — געוויס איז גלייכער אזוי, זאל מען וויסן ווען, וועט מען קענען אנהויבן עפעס צוגרייטן, ניט ווארטן אויף דער לעצטער מינוט.

ג ל א ס ק י ן — (טראכטנדיק וועגן עפעס אנדערש) יא, אבער ניט דאס מיין איך, דו פארשטייסט, ס'גייט צום זומער, קען איך באשטיין, איך זאל זיי דינגען א זומער וואוינונג ארויס דער שטאט. אויס־קלויבן א שיינע כוועגע ' מעבל פון „לואיס קינסע" וואס מ'האט ערשט געבראכט איבערן זומער, פארשטייסט, ס'איז גלייכער אביסל ווייטער פון צענטער, וועט זיין אי פאר אונדז אי פאר זיי געזונטער. און... זאל זיין ווייניקער גערעדט...

ה י נ ד ע — טאקע גלייכער אזוי, קארג שונאים האבן מיר, ניט פארגי־נערס. וואס וואלטן דעם ביסן פון מויל ארויסגעריסן. (גייט אנגיסן מאטע.)

ג ל א ס ק י ן — כ'וואלט א בעלן זיין מיט איר אליין איבערצוריידן.

ה י נ ד ע — (ביי דער מאטע) וואס איז דא איבערצוריידן, טו ווי דו פאר־שטייסט, זי וועט ניט זיין דערקעגן.

ג ל א ס ק י ן — יא, אבער וואו איז זי, סימע? כ'האב זי באדארפט עפעס פרעגן. (זוכט עפעס צווישן זיינע פאפירן).

ה י נ ד ע — (דערלאנגט די מאטע) זי איז אין קאנסערוואטאריום, וועט מן הסתם באלד אנקומען. (הויבט זיך אויף און טוט א קוק אין טיר פון צווייטן צימער).

ג ל א ס ק י ן — נאך איז זי אין קאנסערוואטאריום?

הינדע — זי האָט דאָרט באַדאַרפט אויסלערנען די נאָטן, וואָס זי דאַרף היינט האָבן צום קאָנצערט.

גלאַסקין — אָבער וואָס וואָלט געווען, ווען זי זאָל היינט ניט געווען גיין? (קוקט אויף איר מיט פאַרדריסלעכע בליקן).

הינדע — וואָס דאַרפסטו זיך בייזערן? דו אַליין ווילסט דען ניט, אַז זי זאָל אויסנעמען מער פון די אַנדערע?

גלאַסקין — נו, יאָ! מאַלע וואָס איך וויל. הלמאי האָב איך געוואָלט זי זאָל שטודירען אויף ווייטער און איך האָב געמוזט זי אָפּרייסן. (גייט אום אויפגערעגט).

הינדע — ס'האָט דיך אימעצער געצוואונגען דערצו?

גלאַסקין — (מיט ביטערקייט) איך האָב מיך אַליין געצוואונגען! ווייל איך האָב פריער געזען דעם תכלית, וואָס קען אַרויסקומען פון איר שפּילן, נאָך די שיינע קלאַנגען, וואָס פלעגן זיך צו מיר דערטראָגן...

הינדע — (נאַיוו) די גרעסטע פּראָפעסאָרן זענען אַנטציקט געווען פון איר שפּילן, אַזעלכע פעיקייטן ווי זי פאַרמאָגט!

גלאַסקין — דו רעדסט, זיי מיר מוחל, ווי אַ נאַרישע יידינע. ניט פונם שפּילן מיין איך: אין קענטייל, געשפּילט האָט זי גראָדע ניט שלעכט, נאָר פון איר אויפפירונג, פאַרשטייסט, פון איר אויפפי־רונג... (שפּאַצירט אָפּ און אויף איבער דער סאַלע).

הינדע — מען זאָל זיך וועלן צו אַלצדינג צוהערן, וואָס מע רעדט... זאָל זיי די צינגער אָפּדאָרן! וואָס זיי זענען אַליין, דאָס זאָגן זיי אויף אַנדערע...

גלאַסקין — וואָס דאַרפסטו שעלטן יענעם! האָב בעסער אין זינען דיינע קינדער.

הינדע — איך האָב זיי געגוג אין זינען. מעגסט מיר גלויבן מער ווי זיך אַליין. (נעמט צו ביי אים די מאַטע און שטעלט זי אוועק).

גלאַסקין — דאָס איז אָבער נאָך וויניק, קינדער דאַרף מען היטן.

הינדע — איך היט זיי גענוג אָפּ... וואָס איז? ס'פעלט זיי חלילה, עפּס ביי מיר? אָדער עפּעס אַנצוטון?

גלאַסקין — מיט דעם גראָדע קענען זיי זיך אַליין אָפּהיטן. ניט דאָס מיין איך, קינדער באַדאַרף מען פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן ניט אַריינ־פאַלן אין ליטישע מיילער...

הינדע — פונדעסטוועגן, א דאנק גאט, מיטן שידוך האסטו זיך ניט וואס צו שעמען, ס'וואלטן זיך נאך אנדערע אזא חתן געוואונטשן.

גלאסקין — יא, יא, א גליק, א גליק. וואס דער חתן איז פון דער פראווינץ און מיר קענען זיך נאך פון קאמף, האט ער זיך ווייניק נאכגעפרעגט...

הינדע — (געערגערט) אפשר וואלסטו אויפגעהערט?! דערווייל האט מען נאך, דאנקן גאט, אויף מיינע קינדער קיין שלעכטס ניט געהערט, הלואי אויף ווייטער.

גלאסקין — דו האסט, ווייזט אויס פארשטאפטע אויערן, אדער דו מאכסט זיך ניט הערנדיק, לכל הפחות היינט האסטו געמעגט זיין פארשטענדלעכער אביסל און זי ניט לאזן גיין, (דרויעט מיטן פינגער) דו קענסט גוט דיינע קינדער... א דו קענסט זיי אפשר נאך בעסער פון מיר, און... (מען קלינגט).

הינדע — שא, אט קומט שוין, דאכט זיך, סימע, — האט זיך צעלאזט! טאמער איז דא אן אוונט, וואס די קינדער קענען אביסל פאר־פארברענגען, ווילסטו עס צעשטערן.

גלאסקין — (פאר זיך) איך וויל צעשטערן. (שפאצירט אום).

(ס'קומט אריין סימע. א יונג שלאנק מיידל מיט א טונקל חנעוודיק געזיכט און שטילע שעמעוודיקע אויגן. אין איין האנט האלט זי א האנט־רענצל, אין דער צווייטער — א צענויפגעראלטן נאטן־בוך).

סימע — בוענא נאטשע!

הינדע — בוענא נאטשע!

גלאסקין — אזוי שפעט פון קאנסערוואטאריום?

סימע — אזוי שפעט איז שוין דען? (טוט אויס דעם הוט, לייגט דאס רענצל און נאטן־בוך אויפן טיש).

גלאסקין — נו, יא, געדארפט נאך א פאר שעה דארטן זיין.

סימע — נא, פאפא, קלארע האט מיך באגעגנט, זי וויל אונדז אקאמפא־נירן אויף דער באילע.

הינדע — (טוט זי א שלעפ ביים ארבל) ווער פרעגט דיך?!

גלאסקין — (מיט איינגעהאלטענעם כעס) ווידער אקאמפאנירן! און וויפיל מאל כ'האב זיי געזאגט: זיי זאלן זיך ניט חברן מיט אט דער הולטאיקע, אויף אלע באילעס איז זי פול. גלויב מיר ס'וועט שוין דארטן זיין א פולער סאלאן מיט קאמפאדרעס*) צוליב איר. (מיט כעס) ניט אפצוגעוויינען!

סימע — (ווי אין פארלעגנהייט) וואס זאל איך טון, פאפא, איך האב זי דען איינגעלאדן? זי האט געזאגט, זי וויל גיין, זאל זי גיין, איך קען איר דעם וועג פארשטעלן?

הינדע — וואלסט בעסער געגאנגען זיך איבערטון (צום מאן) לאז זי אפ. געפונען א צייט זיך אויסצוטענהען. (סימע וויל אוועקגיין).

גלאסקין — ווארט נאר סימע, איך האב מיט דיר עפעס צו ריידן.

הינדע — אפשר וואלסטו עס געלאזט אויף שפעטער?

גלאסקין — ס'איז דא צייט, דאס איז בילכער. (הינדע אפ) קום אהער! זעץ דיך א ווײלע (זי טוט עס) הער אויס, סימע, סאמועל איז איצט גראדע דא אין בוענאס איירעס. ער איז געקומען וועגן גע־שעפט, אבער איך האב געוואלט מיט אים ריידן וועגן דער חתונה און אפשטימען א צייט. איך וואלט געוואלט וואס פריער, ס'איז גלייכער פאר ביידע צדדים, סיי פאר אים און סיי פאר דיר. ביז ווען איז דער שיער צו ווארטן?

סימע — וועגן מיר פאפא, וואלסטו דיך ניט באדארפט אזוי אײלן... ס'איז נאך דא צייט, כ'וועל שפעטער אויך ניט אנווערן...

גלאסקין — איך ווייס, דו האסט צייט, דארפסט דאך אבער ניט פאר־געסן, אז דו ביסט ביי אונדז ניט די איינציקע. ס'זענען א דאנק גאט דא נאך קינדער. איך האב נאך מיט סאמועלן ניט גערעדט, אבער איך רעכן, אז די חתונה זאל זיין אמהעכסטנס, אין א דריי מאנאט ארום. איז וואס זאגסטו?

סימע — (שעמעוודיק) איך האב ניט געדענקט אזוי גיך, פאפא. ס'איז געבליבן אזא קורצע צייט...

גלאסקין — (אומגעדולדיק) גענוג, גענוג. ארומגעשלעפט זיך, איך זע

שויז, וואס מען האט פון דעם... (ווייבער) און ווידער וואס איז דיר דער אונטערשיד, פריער אדער שפעטער?

סימע — (זיפצט שווער) ווען סאמועל וואלט געווען דא איז בוענאס איירעס, נים אין דער פראווינץ, וואלט פאר מיר געווען אלץ איינס. אבער אזוי... מיר זענען כמעט נאך ווי פרעמדע... (ווישט א טרער).

גלאסקין — דו רעדסט ווי א קינד, ס'איז גלייכער אזוי... וועט איך זיך דערנאך מער ליב האבן. איך האף צו גאט, אז דיר וועט זיין גוט ביי סאמועלן, הלואי וואלט איך שוין אזוי געהאלטן מיט אונדזער אניטן, ווי איך האלט מיט דיר, דו טראכסט? טראכט ווייניקער, וועט זיין פאר דיר געזינטער.

סימע — איך טראכט וועגן מיין צוקונפט... איך ווייס, אז דו און די מאמא, וואלטן מיך געוואלט גליקלעך זען. אבער ווער ווייסט? ס'קען זיין, אז מיר זאל אויסקומען זיך צו שיידן מיט אייך און מיט דער היים, וואו אלץ איז מיר אזוי ליב און טייער און אוועק־פארן ערגעץ ווייט אין א פרעמד ארט, וואו קיינער קען מיך ניט... עפעס ווייזט מיר אויס אזוי מוראדיק, אזוי שרעקלעך... (וויינט).

גלאסקין — ביסט נאך גאר א קינד. גלויב מיר, ס'איז גאר ניט אזוי שרעקלעך, ווי דיר דאכט זיך. אט זע, א וועלט מיט מענטשן האבן חתונה, וואס ביסטו עפעס ערגער פאר אנדערע, גאט העלפט. מען האט חתונה, מען האט קינדער, מען ווערט פאר זיך א באלעבאסטע און מע פירט א לעבן מיט לייטן גלייך. גענוג! גענוג וויינען! מיר דארפן זיך פרייען, אז גאט האט געהאלפן, מיר האבן דערלעבט...

סימע — סי, מע דארף זיך פרייען (ווישט א טרער, נעמט דעם הוט און די נאטן און לאזט איבער דאס רענצל אויפן טיש. אפ)

(עס קומט אריין נחמן. פרום געקליידעט, מיט א לאנגע גרויע בארד. אין איין האנט — א שטעקל; אין דער אנדערער — צוויי קליינע פעקלעך).

נחמן — גוטן אוונט! (לייגט אוועק די פעקלער).

גלאסקין — גוטן אוונט! איר ווייסט, שווער, סאמועל איז געקומען!

נחמן — א, דער חתן! כ'וואלט מיך טאקע געוואלט זען מיט אים.

גלאסקין — ער וועט דא זיין היינט, מיר האבן אים איינגעלאדן אויף א באילע. עס קען זיין, מיר זאלן היינט מאכן אן ענדע און באשטימען די חתונה. (באטראכט א פעקעלע) און איר, שווער, ווען וועט איר שוין אוועקווארפן אט די רויבערדיקע פרנסה מיט די

סיגאריזשעס? (אין שפּאס) איר נײלט אונדז, ווייזט אויס, פאר־
זארגן מיט ירושה אויף דער עלטער... (שמייכלט גוטמוטיק).

נחמן — (שמייכלט) אייך, ב"ה, האָב איך שוין פאַרזאָרגט. מע דאַרף אָבער זיך אויך פאַרזאָרגן. דו מיינסט אין אמת'ן, אַז אַז מיר אַלטע האָבן שוין גאָר ניט וואָס צו זאָרגן? אַז האָבן מיר ניט לאַנג גע־קויפט אַ ספר־תורה צו אונדז אין שול אַריין, נאָך גאָר אַ נייע, מע דאַרף עס נאָך איבערזען, און אַ פּאָר נייע מענטעלעך דאַרף מען אויך האָבן. אַז איר יונגע האָט עס ניט אין זינען, אייך ליגט אין קאָפּ אַנדערע זאַכן.

גלאָסקין — יאָ שווער, ווען מע דאַרף אַ קינד חתונה מאַכן און מע דאַרף אויך אין זינען האָבן די אַנדערע צו באַזאָרגן, איז דער קאָפּ געגנוג פאַרדרייט, בפרט נאָך איצט.

נחמן — אודאי, אודאי, אַז קלויב איך מיך טאַקע צו קויפן אַ שיינע מתנה צו סימעלעס חתונה; זאָל זי געדענקען, אַז דאָס האָט איר דער זיידע געשענקט. (קוקט אויפן זייגער) מע דאַרף אַריינגיין, כ'האָב נאָך קיין מעריב ניט געדאַוונט. (אָפּ).

(מיגעל קומט אַריין. געקליידעט רייך; אויף איינעם פון די פינגער—אַ גאָלדענער רינג; אין דער האַנט אַ שטעקל מיט וועלכן ער פּאַכט פון צייט צו צייט ווען ער רעדט).

מיגעל — בוענאַ נאָטשע!

גלאָסקין — בוענאַ נאָטשע! (קוקט אים אַן ברוגז) אַז איז ער דאָך דאָ! האָט זיך קוים געיאָוועט.

מיגעל — האָסט מיך דאָ באַדאַרפט?

גלאָסקין — וואָס איז דיר דער אונטערשייד? שוין מן הסתם זיך ווידער אַרומגעשלעפּט מיט דיינע קאַמפּאַניעראָס!

מיגעל — פון וואַנען ווייסטו, אַז כ'האָב מיך אַרומגעשלעפּט מיט קאַמ־פּאַניעראָס?

גלאָסקין — איך שטוים זיך שוין אַז... וואָס זשע עס איז אַ נייעס ביי מיר?

(הינדע קומט אַריין)

הינדע — גוט, וואָס דו ביסט געקומען, מיגעל. וועסט אונדז אַקאָמפּאַ־נירן אויף דער באַלע.

גלאָסקין — זעסטו, דאָס גראַדע וועט ער דיר צוליב טון. (נעמט אַרויס אַ ביכל, פאַרצייכנט עפּעס פון בריוו וואָס אויפן טיש.)

מיגעל — איך ווייס נאך גאר ניט, צי איך וועל גיין?

הינדע — פאַרוואָס, זון! דער חתן וועט אויך זיין. ער ווייט געווים פרעגן אויף דיר, פאַרוואָס זאָלסטו ניט גיין?

מיגעל — קע מע אימפּאָרטא דער חתן, אבי ער האָט די כלה לעבן זיך וואָס דאַרף ער מיך האָבן? ס׳פעלט אים ניט אוים מיט וועמען צו דיווערטירן.

הינדע — פאָלג מיך, מיגעל און קום, וועסט פאַרברענגען מיט אונדז. אָט וועל איך טאַקע גיין דיר צוגרייטן א טראַכע. וואָס פאַר א טראַכע ווילסטו אָנטון?

מיגעל — זאָל זיין אויף שפעטער, מאַמע. איך ווייס נאָך ניט צי איך וועל גיין. (הינדע אָפּ).

גלאַסקין — א וואונדער, דו זאָלסט זיך דאָס אָפּזאָגן פון א באַילע? ווי קומט עס?

מיגעל — (וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער ווייסט ניט פון וואָס אָנצוהייבן) ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט, איידער צו גיין ווי א שלעפּער, איז שוין גלייכער גאָר ניט צו גיין. (שפּאַצירט אום).

גלאַסקין — וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט? וואָס הייסט — ווי א שלעפּער?

מיגעל — איך וויל ניט גיין אויף א באַילע און אויסזען קעגן אַנדערע ווי א שלעפּער; סי, סעניאָר!

גלאַסקין — איך הויב דיר גאָר ניט אָן צו פאַרשטיין. וואָס־זשע, עס פעלן דיר טראַכעס? ווי לאַנג איז, אַז דו האָסט זיך געמאַכט א נייע?

מיגעל — יענע טראַכע איז ניט פאַר קיין באַילע. (ערנסטער) הער אוים, פּאַפּאַ, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז א קורצע צייט צו סאַפּיעס חתונה און אויף דער חתונה מוז איך האָבן א טראַכע „דע סמאָק־קינג”. דאָס איז ניט עפּעס א קוואַל קיערע באַילע, וואו מען קען מיך ניט, דאָ אויף דער שוועסטערס חתונה, דאַרף מען א פּנים האָבן פון א קאַוואַזשערא.

גלאַסקין — (אומגעדולדיק) א! לאָז מיך צורו מיט די טראַכעס דיינע: כ׳האָב נאָך עפּעס נויטיקערס צו באַזאָרגן. (זעצט פאַר זיין אַרבעט)

מיגעל — אָבער, אַז איך בעט דיך גאָר ניט, זאָלסט מיר מאַכן א טראַכע. גיב מיר נאָר געלט; איך קען מיר אַליין באַשטעלן.

גלאסקין — א, כ'וויס, כ'וויס, אַט דאָס מיינסטו. געלט! ס'האָט דיר שוין מז־הסתם אויסגעפעלט עטלעכע פּעזעס! נו, גיי, גיי, צו זיי, צו דיינע קאַמפּאַניעראָס, זאָלן זיי דיר אומקערן כאָטש א העלפט פון דעם, וואָס דו האָסט מיט זיי אויסגעבראַכט; גלויב מיר, וואָלסט געקענט האָבן א פיינעם אַנצוג...

מיגעל — (אויפגערעגט) דו שיקסט מיך צו זיי? בוענאַ! כ'גיי! נאַר געדענק! אַדיאָס פּאַפּאַ! (וויל אַוועקגיין).

גלאסקין — מיגעל! וואַרט א מינוט. וואָס איילסטו דיך אַזוי? האָסט קיין צייט ניט?

מיגעל — אויף וואָס וועל איך וואַרטן? כ'האָב דאָך שוין געהערט. און איידער צו גיין ווי א שלעפּער, וועל איך בעסער גיין אַהין, וואו דו שיקסט מיך...

גלאסקין — (ווייכער) איז ניט אַז־אַך־און־וויי צו דיין שכל! — האָב קיין מורא ניט, וועסט האָבן א טראַכע, וועסט האָבן!

מיגעל — (פאַר זיך) ווער ווייסט אויף ווען ס'וועט אַרויסקומען.

גלאסקין — וויפיל דאַרפסטו אויף א טראַכע?

מיגעל — דריטהאַלבן הונדערט פּעזעס.

גלאסקין — דריטהאַלבן הונדערט פּעזעס? אַזוי פיל!

מיגעל — ביי דעם יקרות איז עס גאָר ניט אַזוי פיל.

גלאסקין — אַז האָב איך מיר ערשט געמאַכט א טראַכע, קאָסט זי מיך הונדערט פופציק פּעזעס. גוט באַצאָלט און א פיינע טראַכע.

מיגעל — דאָס איז אָבער אַן אַנדערע. פאַרגעס ניט, פּאַפּאַ, אַז דאָס איז א טראַכע „דע סמאָקינג".

גלאסקין — נו מילאַ! דערפאַר וואָס דאָס איז א טראַכע ווי דו רופסט זי דאַרטן, דערפאַר דאַרף מען באַצאָלן פאַר איר אין דרייען?

מיגעל — א טראַכע „דע סמאָקינג" קאָסט טייער, פּאַפּאַ. קאָסי דאָבלע...

גלאסקין — נישקשה, ס'וועט דיר זיין גענוג צוויי הונדערט, איבער־גענוג.

מיגעל — זאָל זיין צווייהונדערט אי באַסטאַ. (שטילער) אַבי לאָמיך שוין זען!

גלאסקין — וואַרט א ווײַלע! (גייט אין צווייטן צימער).

מיגעל — (דערזעט דאָס רענצל) עפנט אויף, נעמט אַרויס א בריליאַנטן פינגערל, טוט אָן אויפן פינגער, שפיגלט זיך. דערהערט טריט, ער

דערשרעקט זיך און לייגט דאָס רינגל אין זשילעט קעשענע).
(ס'קומט אַריין גלאַסקין מיט אַ פּופּציקער אין האַנט.)

גלאַסקין — נאַ, דאָ האָסטו אַ פּופּציקער, אויף אָנ־אַדרויף.

מינעל — נו, און דאָס איבעריקע?

גלאַסקין — דאָס איבעריקע וועסטו קריגן, ווען מען וועט ברענגען די טראַכע. נאָר ברענג מיר אַ רעסיווע פון שניידער.

מינעל — בוענאַ, בוענאַ. מאַכט מיך גליקלעך מיט די עטלעכע פּעזעס: דו וואָלסט מיר שוין בעסער געגעבן מיט איינמאָל אינגאַנצן, וואָלט איך דיר פאַרשפּאָרט צו ברענגען אַלעמאָל קוענטאַס מיט רע־סיוועס...

גלאַסקין — קוק אים אָן. האָט מיר מורא צו געטרויען. (מען קלינגט).
(עס קומט אַריין עליאָס. פּראָסט געקליידט: אַלטע שיך, עטוואָס אָפּגעלאָזט, אַ העמד מיט אַ קאָלנער פון טונקעלן קאָליר, מיט אַ פּראָסטן קראַוואַט ביים האַלדז).

עליאָס — בוענאַ נאַטשע!

גלאַסקין — בוענאַ נאַטשע, עליאָס! וואָס מאַכסטו עפּעס? שוין אַזאַ צייט זיך ניט געזען (גריסן זיך).

עליאָס — גראַסיאַס, מע לעבט. וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, פּעטער?

גלאַסקין — אָט, מיר גרייטן זיך שוין צו סימעס חתונה. וועסט מן הסתם זיין, עליאָס?!

עליאָס — קאָמאָ נאָ! און דו מינעל, וואָס מאַכסטו עפּעס? ווי גייט עס דיר אין דיין קאַריערע?

גלאַסקין: — (איראָניש) פרעג אים בעסער, ווי גייט עס אים אין זיין קאַרערע...

מינעל — מאַי ביען, גראַסיאַס! (גריסט זיך מיט עליאָסן).

עליאָס — ניין, איך מיין באמת, ער האָט דאָך, מיר דאַכט, אויף עפּעס שטודירט? (ווענדט זיך פרעגנדיק צו גלאַסקינען)

גלאַסקין — ער האָט שוין אויסגעשטודירט... אַ פאַרמעגן אָפּגעקאָסט און ווי אין ים אַריין. ער וואַרט, דער טאַטע זאָל אים פאַרזאָרגן, שטעלן עפּעס אַ געשעפט פון זיינעטוועגן און ער זאָל קומען צום גרייטן...

מינעל — ער, לאָז מיך שוין צורו מיט דיינע געשעפטן, איך וויל בעסער גיין מיך פּרעפּאַרירן אויף דער באַילע. (גייט אַוועק).

ג ל א ס ק י ן — זיץ, עליאס! וואס זשע הערט זיך עפעס ביי דיר? ווי גייען עפעס דיינע געשעפטן? (שמייכלט).

ע ל י א ס — מיינע געשעפטן? דערוויילּ גייען זיי נאָך ניט...

ג ל א ס ק י ן — (ערנסטער) אָבער אזוי לאַנג אז דו ביסט ניט געווען ביי אונדז, וואו ביסטו עס געווען די גאַנצע צייט? האָסט געאַרבעט?

ע ל י א ס — ניין, שוין א צייט אז איך אַרבעט ניט.

ג ל א ס ק י ן — אַ, דו האָסט שוין אוודאי אויך געשטרייקט?

ע ל י א ס — וואס בין איך עפעס אַן אויסנאַם פון אַנדערע? א ברירה האָט מען... אז מען דאַרף, שטרייקט מען.

ג ל א ס ק י ן — נו, יאָ, א סך האָבן זיי פון די שטרייקן! פאַרגרעסערן נאָר דעם יקרות אויף יעדער זאַך. ביי מיר אין מעבלעריא קאָסט יעדעס שטיקל מעבל צוויי מאָל אזוי פיל, ווי ס'האָט געקאָסט פריער, און היינט דאָס דירה געלט? העכערט מען פון טאָג צו טאָג. א קלייניקייט די שפּייזן!

ע ל י א ס — זעט איר, פעטער, איך האָב נאָך דערווייל פאַר דער דירה ניט געשטרייקט, און דאָך האָט מען געהעכערט.

ג ל א ס ק י ן — כאַ, כאַ, כאַ, זיין דירה! דער הינער שטאָל דאָרטן, אויך מיר א דירה! כאַ־כאַ־כאַ...

(הינדע, סימע, אניטא קומען אריין אנגעטון צום באַל.

אניטא א חנעוודיקע מיט לעבהאַפטע באַוועגונגען איז עטוואָס דיקער פאַר סימען, גייט קינדעריש געקליידט.)

א נ י ט א — (דערזעט עליאסן, לויפט צו אים) אַ, עליאס! בוענאַ נאָטשע! קאָמאָ לע וואַ?

ע ל י א ס — ביען, גראַסיאַס. (גריסט זיך מיט זיי פריינטלעך.)

ה י נ ד ע — שוין טאָקע א גאַסט ביי אונדז, מיר האָבן שוין דאָ איבערגערעדט.

ג ל א ס ק י ן — (שפּאַסיק) געוואָלט געבן אַן אָוויסאָ אין צייטונג. האָסט אָבער שכל געהאַט און זיך אליין געיאַוועט.

ס י מ ע — דו ווייסט, עליאס, לעאָן איז דאָך געקומען פון טשילע.

ע ל י א ס — סי? וואו זשע איז ער? כ'האָב אים שוין אזא צייט ניט געזען!

ס י מ ע — ער איז אוועקגעגאַנגען מיט סאַמועלן, זיי וועלן געווים באַלד קומען.

הינדע — וועסט אים נאך זען. ער וועט דא זיין א פּאר וואכן.
עליאס — (באטראכט זייערע קליידער) איר האט אייך, ווייזט אויס, צוגעגרייט ערגעץ צו גיין?
סימע — מיר האבן היינט א קאנצערט און באילע. איך באטייליק מיך אויך אין קאנצערט.
אניטא — (שפּאסנדיק) דו ווייסט, עליאס, סאמועל איז אויך איינגע־לאדן, וועט שוין סימע האבן, ווער עס זאל איר אפּלאדירן... (ווינקט צו עליאסן און שמייכלט).
סימע — (גוטמוטיק) גיי שוין גיי, וויז ניט ארוים דעם נאר דיינעם פאר עליאסן...
עליאס — זארג דיך ניט, אניטא, ס'וועלן זיך שוין געפינען גענוג, וואס וועלן אפּלאדירן. א שאד וואס איך וועל ניט זיין... איך האב באמת דיך שוין לאנג ניט געהערט שפּילן, סימע.
הינדע — וואלסט אויך געקענט גיין, עליאס. מען וועט דיך ניט ארוים־טרייבן, אויב דו ווילסט, קום מיט אונדז.
עליאס — גראסיאס, מומע. היינט ניט, אפשר אן אנדער מאל.
סימע — פארוואס ניט היינט, עליאס?
עליאס — ווייל היינט, ווי איר זעט, בין איך גארניט פּרעפּארירט און איך בין אביסל מיד אויך.
גלאסקין — (צום ווייב) אז ער וויל ניט, וואס שלעפּסטו אים, מיינסט ער איז געראטן אין מיגעלן? (צו עליאסן) אנטשולדיק! איך קום באלד. (גייט אין צווייטן צימער).
מיגעל — (אונטער די קוליסן, שרייט) מאמא! וואו זענען די באטאנעס? ווער האט מיר צוגענומען מיינע באטאנעס?
אניטא — א, ער שרייט שוין דארטן, קומט צו דער לעצטער מינוט און מען דארף אים נאך אטענדירן.
הינדע — אט גיי איך, וועל איך זיי דיר אפּזוכן! (אפּ)
סימע — (צו עליאסן) איך בעט דיך, עליאס, בלייב דא מיט אונדזן היינטיקן אוונט. — דו קענסט דיך נאך ניט גוט מיט סאמועלן, דו האסט נאך מיט אים אפילו רעכט ניט גערעדט.
עליאס — יא, איך וואלט באדארפט זיך באקענען מיט סאמועלן נענ־טער... גלויב מיר, סימע, אז ס'אינטערעסירט מיך אליין אויך.
סימע — קום, עליאס, כ'האב דיר עפּעס צו זאגן. זיי קענען דא באלד

אנקומען... (ביידע אפ.) (פויזע.)

(פון דרויסן הערט מען זינגען א טאנגא. אניטא לויפט צו צום פענצ־טער.)

א שטימע פון דרויסן — אדיאָס, סימפאטיקא! — סי אדיאָס!

גלאסקין — (קומט אריין אין דעם מאמענט) מיט וועמען גריסטו זיך עס דארטן? (קוקט מיט כעס).

אניטא — ס'זענען דורכגעגאנגען צוויי באקענטע.

גלאסקין — דארפסט נויטיק שטיין ביים פענצטער, אז אלע קאמ־פאדרעס זאָלן צישקען צו דיר? אוועק פון פענצטער! שוין גיי אוועק, הערסטו! (דרויעט איר).

אניטא — בוענא! כ'גיי שוין אוועק, מען טאר ניט א קוק טון אין פענצטער... (גייט ברוגז'דיק אוועק פון פענצטער).

גלאסקין — איר קוקט דען? איר זוכט, מען זאָל אויף אייך קוקן, אט דאס זוכט איר, איך קען אייך דען ניט... הם. (מען קלינגט, אניטא לויפט צום טיר) אט דאס, דאכט מיר, גייען זיי שוין!

(סאמועל און לעאן קומען אריין)

(סאמועל מיט א טונקעלען סימפאטיש ־ שיינעם געזיכט, געקליידט אין פראק, ווייסע הענטשקעס און הארטן הוט. לעאן, אלט צוויי און דריי־סיק יאר. א בלאנדער קאפּ קורץ געשוירן, געקליידט איינפאך, אבער שיין, האלט זיך מיט דרך־ארץ צו סאמועלן און צו אנדערע, מיט א מילדער און איינפאכער באנעמונג).

סאמועל — בוענא נאטשע!

גלאסקין — בוענא נאטשע, סאמועל! (גייט אים אנטקעגן, גריסן זיך)

לעאן — בוענא נאטשע!

אניטא — בוענא נאטשע, לעאן! (גריסט זיך מיט סאמועלן).

(עס קומען אריין: הינדע, סימע, עליאס)

סאמועל — בוענא נאטשע!

אלע: בוענא נאטשע! (אלגעמיינע באגריסונג)

סאמועל — איר וועט מיר אנטשולדיקן, כ'האב, מיר דאכט, אביסל פאר־שפעטיקט.

סימע — נא אימפארטא, סאמועל. מיר ווען די באילע ניט אנווערן, זיץ! (רוקט צו א שטול).

סאמועל — (זעצט זיך אוועק, צו סימען) גראַסיאַס! כ'האָב געדענקט צו קומען פריער, ווייזט אויס איך האָב מיך שלעכט אויסגערעכנט און גראָדע אויף היינט האָב איך באַדאַרפט א סך אַרטיקלען פון כאַזשאַריע איינקויפן און דאָס האָט ביי מיר די צייט אָוועקגענומען. נאָך גוט, וואָס כ'האָב געהאַט מיט זיך לעאָנען און ער האָט מיר א פאָר גענג איינגעשפּאָרט.

לעאָן — כ'האָב עס דאָך ניט געטון פאַר קיין פרעמדן.

סאמועל — כ'האָב גאָר פאַרגעסן, פאַר איין־וועגס האָב איך שוין גע־קויפט א זאַך פאַר סאַפּיען אויך. (נעמט אַרויס א שאַכטל מיט א מעדאַליאָן, גיט עס סימען) איך האָב עס געקויפט נאָך מיין גוסט, נאָר איך מיין, ס'וועט דיר געפעלן, סאַפּיע.

סימע — (צופרידן, באַטראַכט דעם מעדאַליאָן). גראַסיאַס, סאַמועל! (צום פאָטער) פּאַפּאַ, זע וואָס פאַר א שיינע רעגאַלע!

אַניטאַ — אַ קע לינדאַ (רעדט די ווערטער, איידער זי זעט נאָך עפּעס).

עליאַס — (האָט עס נאָך רעכט ניט אָנגעקוקט און שרייט): קע לינדאַ.

גלאַסקין — (באַטראַכטנדיק) אַ, דאָס איז עפּעס גאָר גרויסאַרטיק; האָסט באַדאַרפט באַצאָלן א שלל מיט געלט דערפאַר! (גיט עס איבער דער פרוי).

סאמועל — מיך קאָסט עס פיל ביליקער פונם פּרייז, ווייל ס'איז געקויפט אין דעם גאָלד־געשעפט, וואו מיר קויפן די אַנדערע אַרטיקלען, פאַר מאַזשאַר.

הינדע — (גיט עס איבער דער טאָכטער) נאַ, טראָג עס געזונטערהייט, טאָכטער. קענסט עס שוין אָנטון. אַ, ווי שיין דאָס איז! עס פינקלט אזש אין די אויגן!

סימע—(טוט אָן דעם מעדאַליאָן) ווי געפעלט דיר דער מעדאַליאָן, עליאַס?

עליאַס — ער איז זייער שיין. איך ווינטש אייך גליק, סימע, דיר מיט סאַמועלן.

סימע — גראַסיאַס, עליאַס. אַז דו וועסט האָבן א כלה, ווינטש איך דיר צו קויפן פאַר איר נאָך רייכערע רעגאַלעס.

עליאַס — (שמייכלט) זי וואָלט געקענט אביסל וואַרטן...

לעאָן — א פיינע קוריאָזיטעט האָב איך היינט געזען, דאָרט אין דעם געשעפט, וואו מיר האָבן איינגעקויפט. איך ווייס ניט צי סאַמועל האָט עס באַמערקט, ער איז געווען פאַרנומען מיטן איינקויפן. עס

איז אריינגעקומען א יונג פּארל, ווייזט אויס פאַרליבטע, און זיך געהייסן געבן א צירונג פון דער וויטרינע. זי האָט באַטראַפן א פּופּצן טויזנט פּעזעס. איך האָב געזען ווי ער האָט זיך אַביסל גע־קנייטשט און זיך געלאָזן אוועקגיין... רופט זי זיך אַזוי אָן: — אַז דו קענסט געבן צוועלף טויזנט, וועט דיך דער טייוול ניט נעמען אויף נאָך דריי טויזנט, אויב די ליבע איז ביי דיר אַזוי טייער... קאַראַמבאַ! ווי טייער זיי באַצאָלן פאַר צירונג.

עליאס — און ווי ביליק פאַר ליבע...

גלאַסקין — (צו סאַמועלן) ווייסט סאַמועל, כ'האָב היינט דערהאַלטן א בריוו פונעם מחותן, דער פּאַפּאַ שרייבט מיר, אַז דאָס נייע גע־שעפט, וואָס איר האָט געשטעלט, גייט גאָר נישקשהדיק. ס'איז בלויז פון זייגערס? צי איר האַלט אַנדערע אַרטיקלען אויך?

סאַמועל — מיר האַנדלען מיט אַלאַכאַס אויך. דאָס געשעפט האָט דעם פאַריקן מאָנאַט געגעבן צען טויזנט פּעזעס.

גלאַסקין — אין ברוטאָ? —

סאַמועל — סי, מיר דענקען מיט דער צייט דאָס צו פאַרגרעסערן.

גלאַסקין — (סוחריש) צען טויזנט פּעזעס ברוטאָ, ווערליק אין דער ערשטער צייט, איז עס גאָר ניט שלעכט... און ווען מע נעמט אין אַנבעטראַכט, אַז...

הינדע — אַבראַם, סאַמועל איז געקומען פאַרברענגען מיט דער כלה און דו האָסט אים פאַרנומען מיט דיינע געשעפטן.

סאַמועל — נאַ אימפּאָרטאַ!.. דאָס איז אויך נויטיק...

גלאַסקין — יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט פרעגן, סאַמועל; אויף ווען דענקסטו, זאָלן מיר באַשטימען א חתונה.

סאַמועל — אויף ווען איר ווילט, מחותן. אייגנטלעך ווענדט עס זיך ניט נאָר אין מיר אַליין... (שמייכלט איינגעהאַלטן).

גלאַסקין — איך האָב געדענקט, אַז אין דריי מאָנאַט אַרום, דאָס קען אויסקומען פאַר ניי־יאָר. וואָס האָבן מיר איצט? אָקטובער, (ציילט אויף די פינגער) אָקטובער, נאָוועמבער, דעצעמבער. סי, פּונקט דריי מאָנאַטן.

הינדע — ס'איז גאַנץ גענוג. (מיט א זיפץ) מיר האָבן, א דאַנק גאָט, שוין אַלעם פּרעפּאַרירט פאַר אירעט וועגן, אַפילו א נייע פּיאַנע איר געקויפט; זאָל זי נאָר שפּילן אויף איר געזונטערהייט. סימעלע,

פאר וואס ווייזטו ניט סאמועלן די נייע פיאנע?

סימע — אך, איך האב גאר פארגעסן! קום, סאמועל, וועסט זען די נייע פיאנע, וואס דער פאפא האט מיר געקויפט. אט די, לאזט דער פאפא איבער פאר דער שטוב. ער האט זי געקויפט ווען איך בין נאך א קליין קינד געווען... קום, וועסטו זען די נייע. (גייט מיט סאמועלן אין צווייטן צימער).

גלאסקין — (צו הינדען) נו, וואס זאגסטו, האסט געהערט? צען טויזנט פעזעס א מאנאט, ברוטא! האסט געהערט? ברוטא!

הינדע — (לאכט) געהערט, געהערט, ברוטא, הער מיך אויף צו ברוטן! גיי טו דיך בעסער איבער, מע דארף באלד גיין.

גלאסקין — כ'וועל נאך אוספייען, מיינסט איך בין געראטן אין אייך? אין צוויי מינוט בין איך אנגעטון.

הינדע — (צו אניטאן) קום, טאכטער, וועסטו מיר העלפן אביסל צו־נויפלייגן די קליידער, מיגעל האט שוין דארט געקערט מאכן אן איבערקערעניש אין שאפע.

אניטא — קום, עליאס! כ'האב מיט דיר צו ריידן עפעס. (אפ מיט עליאסן און הינדען).

גלאסקין — איז וואס־זשע הערט זיך עפעס ביי דיר דארט אין טשילע, לעאן? וואס מאכט דיין פאמיליע און ווי גייט עס דיר אין דיין קליענטעלע?

לעאן — די פאמיליע, דאנקן גאט, זענען אלע געזונט. האבן איך געלאזט גריסן און געשיקט א פעליסיטאציאן. מיינע עלטערע קינדער לערנען אין נאציאנאל שולע, איך האב דיר, דאכט זיך מיר, געשריבן וועגן דעם.

גלאסקין — יא, וויפיל איז שוין אין דעם, ביסט דארט אזוי פארטיפט אין דער קוענטע, אז דו פארגעסט זיך גאר אין די עלטערן, שרייבסט אמאל אין א יובל א בריוול און מיט דעם פטרסטו אונדז אפ. איך וויים, דו ביסט פארנומען, איך בין אויך אמאל א קווענטעניק גע־ווען, פונדעסטוועגן.

לעאן — (שמייכלט) א שיינער צו־גלייך! — אויך מיר א קוענטא! ביי דיר האבן מיט אמאל געארבעט א פאר קארעדארן, און אפשר נאך איינער, ווען ביי מיר ארבעטן איצט דרייצן קארעדארן, צוויי קאווראדאן און צוויי טענעדארן דע ליברא און א פעאן צום אינ־

טריגירן.

גלאסקין — א, יא דרייצן קארעדארן?! דרייצן, איז אפילו א שלעכטער ציפער... אבער ווערליק איך הער, דארף עס זיין גאר א היבשע קליענטעלע. דו דארפסט דאך האבן א וועלט מיט סחורה פאר זייערטוועגן! א קלייניקייט, אזוי פיל קלאפערס! (שמייכלט) זיי זאלן דיר גאר קיין קלאוועס ניט אנקלאפן...

לעאן — אן דעם קען דאך ניט זיין — אבער סחורה, ב"ה, פעלט מיר ניט, איך זאל נאר וועלן אזוי פיל, מע גיט, מע פרעגט אפילו ניט אויף קיין טערמין... נעם וויפיל דו דארפסט, אן א טערמין...

גלאסקין — (גלעט זיך דאס בערדל) אזוי, למשל, וויפיל רעכנסטו קען באטרעפן דיין קליענטעלע, היינט צו טאג? אזוי אויף טרייף צו רעכענען, ווען דו זאלסט זי א שטייגער וועלן איבערגעבן. —

לעאן — היינט צו טאג, אויף טרייף צו רעכענען, קען זי באטרעפן ביי די זעכציק טויזנט, און ווען איך זאל זי וועלן איבערגעבן אויף אבציק פאר סיען, וואלטן זיך געפונען אן א שיעור בעלנים. אבער ווער דארף זי דען איבערגעבן? די קאבראנסעס זענען גוטע און די קליענטן זיכערע. און מיט יעדן טאג קומען צו נייע, טאמער פאלן אריין א פאר קלאוועס, ווערן זיי אויסגעצאלט דורך די אנדערע... און די גאנצע קליענטעלע ביי מיר, פירט זיך נאך אן אייגענער סיסטעם.

גלאסקין — ס'איז אודאי גוט, אז דאס געשעפט גייט און מען קען אויספירן צו פירן מיט א סיסטעם, אבער וואס זאל טון א שטייגער אזא קוענטעניק ווי דער סעניאר גלאנצמאן? ווען מע האט דא ניט לאנג עמבארגירט און אים ערקלערט אין קיעברא, און האט גראדע די קליענטעלע אויך געפירט מיט א סיסטעם. האסט געוויס געהערט וועגן דעם?

לעאן — סי, אבער מן הסתם איז געווען א שלעכטע סיסטעם. ווייטער מעגסטו זיין זיכער, אז ער וואלט זיך געוועז ארויסגערדרייט פון קיעברע. ער איז ניט דער איינציקער וואס פאלט אריין אומגע־ריכט...

גלאסקין — נו, יא, אודאי קען מען קיין חכם ניט זיין! ווען דאס רעדל טוט זיך א דריי ניט אהין וואו מען וויל... ווער קען זיך עס ריכטן.

(סקומט אריין יאקוב. א פעסטער בחור מיט גרויסע וואנצעס. אנגעטון אין אן ארבעטס אנצוג. שטייט ביים טיר).

יאקוב — בוענא נאטשע!

גלאסקין — בוענא נאטשע! נו, יאקוב, האסט אפגעפירט די בוענא מעבל צום דאקטאר?

יאקוב — סי. ער האט געשיקט א טשעק. (גיט דעם טשעק גלאסקינען).

גלאסקין —ווארט צו א ווײלע, יאקוב, כ'האב דיר צו געבן א דירעקציאן אויף נאך א בוענא צו־צופירן. (צו לעאנען) קום לעאן! (גייען אין צווייטן צימער).

(עס קומט אריין מיגל איבערגעטון)

מיגעל — א, באקאווא! קאמא לע וואַ? ווי קומסטו אהער?

יאקוב — כ'האב געבראכט א טשעק פאר א בוענא מעבל.

מיגעל — וואו איז דער טשעק? נו, גיב אים אהער!

יאקוב — כ'האב אים שוין אוועקגעגעבן דעם פאפא.

מיגעל — קאראמבא! (שפאצירט אום אויפגערעגט פון יאקובס ענטפער. פייפט).

יאקוב — (קרומט אים נאך) וואו איז דער טשעק? גיב אים אהער! מען קען אייך ברודערל!.. אהא! (לייגט דעם צייגפינגער צום אויג).

(עס קומט אריין אניטא און עליאס)

עליאס — (דערזעט יאקובן, פריינטלעך) א, יאקוב! בוענא נאטשע! ווי גייטס? דו האסט דאך, מיר דאכט, אויך וואלגירט?

יאקוב — סי, אבער מיר האבן גארניט אויסגעפירט און דערווייל עסן דארף מען, נו מוז מען ארבעטן.

מיגעל — (צו עליאסן און אניטען) איר ווייסט, באקאבא איז דאך שוין א חתן! און א כלה האט ער אלגא עספעציאל! שוין איינמאל אן אנטיקל!

עליאס — סי, איז אמת, יאקוב? קומט דאך דיר טאקע א מזל־טוב!

יאקוב — אודאי איז אמת. מיט מזל זאלסטו לעבן! עליאס, זאל דיר אויך גאט העלפן...

עליאס — גראסיאס, אזוי הייסט עס, גייסטו שוין חתונה האבן!

יאקוב — פארוואס זאל איך ניט חתונה האבן? וואס מיינסטו בין איך, עפעס א קאמפאדרע? א קארטן־שפילער? אדער א קארערע־שפילער? איך ווייס ווי אזוי צו פארדינען א פעזע! (טייט אן עליאסן אויף

מיגעלן).

עליאס — נאַ, ווער זאָגט דעןִ, אַז דו ביסט אַ קאָמפּאַדרע? אַ שיינער קאָמפּאַדרע! (לאַכט).

אַניטאַ — (צו עליאַסן) כּאַקאַבאַ האָט מיר אויך געוויזן זיין כּלה. זי איז טאַקע אַ שיינע! כּאַקאַבאַ איז גאָר ניט אַזאַ נאַר. ער האָט געוואוסט, וואָס אויסצוקלייבן...

יאַקוב — איר מעגט מיך האַלטן פאַר אַ נאַר, אָדער פאַר וואָס איר ווילט, אַבי מיין כּלה בין איך געפעלן און זי מיר, — איז נאָך מער געפעלן. אָבער, מען האָט אויף איר אַביסל אָנגערעדט... זאָל מען רעדן. איך גלויב ניט און איר שווער איך, אַז קוים וועט זי זיין אַ אָרנטלעכע, וועל איך זי נאָך מער ליב האָבן, איך וועל זי אָפּהיטן, איך וועל זי אויף די הענט אַרומטראָגן, כ'וועל זי... אָבער טאָמער ניט, — דאַמאָלסט ווייס איך ניט, וואָס ס'וועט זיין... אָדער מיין טויט, אָדער איר טויט! איינס פון די ביידע...

מיגעל — בראַוואָ כּאַקאַבאַ, בראַוואָ! אַ מיידל דאַרף זיין אַ מיידל... אַ מיידל איז ניט קיין אַלמנה... (אַניטאַ, ווי פאַרשעמט גייט אַוועק).

עליאַס — (טוט אים אַ צי צו זיך) דו, יאַקוב, הער אים ניט. פאָלג מיך דיין כּלה איז אַ שיינע און אַ בריה אויך, נעם און האָב חתונה. וועסט זיך וועלן צוהערן צו די אַלע ריידעניש, וועסטו אַזוי ווי איך, פאַרזיצן אַ בחור און קיין מיידל וועט זיך אויף דיר ניט וועלן אומקוקן. (גייט אין צווייטן צימער)

מיגעל — נאַ אימפּאַרטאַ, כּאַקאַבאַ ווייסט אַליין וואָס ער האָט צו טון. (קלאַפּט אים אין פּלייצע און שמייכלט שעלמיש) אַ מיידל, דאַרף זיין אַ מיידל, (שווייגט אַ רגע) אָבער זאָג מיר נאָר כּאַקאַבאַ, וויפיל איז אַלט דיין כּלה?

יאַקוב — (קוקט אים אַן אַביסל צעטומלט) מיין כּלה? זי זאָגט, אַז זי איז אַלט אַכצן יאָר, אויף וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

מיגעל — האָב קיין מורא ניט, כ'וועל דיין כּלה ניט אויסכאַפּן, כּאַקאַבאַ. אַז איך פרעג דיך מסתמא דאַרף איך וויסן... (פאַר זיך) אַכצן, אַ מזלדיקער נומער... (נעמט אַרויס אַ נאָטיץ־ביכל און פאַרשרייבט).

יאַקוב — (פאַרוואונדערט) צו־וואָס פאַרשרייבט איר?

מיגעל — (לאַכט) כע, כע, צו־וואָס איך פאַרשרייב? ס'געפעלט מיר

דער נומער 18, אפשר איז דיין כלה א מולדיקע. כ'וויל שפּילן אויף איר א קינעלע...

יאקוב — (מיט כעס) א קינעלע אויף מיין כלה! זוכט אייך אפּ אנדערע אויף צו שפּילן קינעלעס, ניט אויף מיין כלה.

מיגעל — סאַנסאַ! וואָס קען עס דיך אַרן? (גייט צו נענטער) הערסט, כאַקאַבאַ, געווין איך נאָר אויף דעם נומער, קויף איך פאַר דיין כלה א שיינע רעגאַלע. פאַלאַברא דע אָנאָר.

יאקוב — מוחל, מיין כלה קען איך אליין קויפן א רעגאַלע.

מיגעל — אָבער וואָס אַרט עס דיך.

יאקוב — כ'וויל ניט. מע האָט שוין אַזוי אויך אויף איר אַביסל אָנגע־רעדט... קומט מיר נאָך.

(עס קומען אריין פון אנדערן צימער: סימע מיט סאַמועלן. נאָך זיי לעאָן מיט א קאַרטל אין האַנט).

לעאָן — (ווענדט זיך צו יאקובן) נאָ, יאקוב, דאָ האָסטו די דירעקציאָן, וועסט עמבאַלירן די אנדערע כוועגאַ מעבל און צופירן אויף דעם אַדרעס. נאָר זע, פאַרגעס ניט, דאָס דאַרף מען צו־פירן מאָרגן פאַר־מיטאָג.

יאקוב — גוט, כ'וועל ניט פאַרגעסן. (נעמט ס'קאַרטל און גייט אַוועק).

לעאָן — (צו מיגעלן, ניט זייער הויך) מיגעל, קום אריין אויף א מאָמענט אין קאַנטאָר. איך האָב דיר עפּעס צו פרעגן. (גייט אַוועק מיט מיגעלן).

סאַמועל — (זעצט זיך אַוועק לעבן סימען) דו ווייסט, סאַפיע, איך פיל מיך עפּעס היינט ווי א פאַרשולדיקטער קעגן דיר...

סימע — קעגן מיר? מיט וואָס, סאַמועל?

סאַמועל — נו, אַט בין איך געקומען נאָך אַזאַ לאַנגע צייט קיין בוענאָס איירעס אַביסל צו פאַרברענגען מיט דיר, סאַפיע. איך שטעל מיר פאָר, ווי דו האָסט דאָ געוואַרט. — נו אין דעם ערשטן טאָג, אויף וועלכן דו האָסט אַזוי פיל געהאָפט, בין איך אַוועקגעגאַנגען און געקומען ערשט אין אָוונט.

סימע — אָבער דו האָסט דאָך געמוזט אַוועקגיין, סאַמועל, דו דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן.

סאַמועל — אַז איך האָב געמוזט אַוועקגיין, דאָס איז אמת, אָבער צו דיר האָב איך אויך באַדאַרפט קומען פריער אַביסל און ניט דיך

לאזן איבערטראכטן, — וועגן... (שמייכלט) נו, וואס א כלה קען טראכטן...

סימע — (אביסל ווי צעטומעלט) נא, נא, סאמועל, דו דארפסט זיך ניט באאומרויקן. כ'האב קיין שלעכטס ניט געטראכט (מיט א שמייכל) וועגן עפעס האב איך יא געטראכט... אבער איך וועל עס דיר ניט זאגן אצינד... זאל זיין אויף אן אנדער מאל, סאמועל.

סאמועל — ווי דו ווילסט טייערע, (נעמט איר האנט מיט א צופרידע-ניט שמייכל) ווייסט סאפיא, ס'זענען פאראן זאכן, וואס לאזן זיך ניט אפליינגן אויף אן אנדער מאל... (נעמט ארום איר קאפ, קושט זי. פויזע).

(עס קומט אריין עליאס. באמערקט סאמועלן מיט סימען).

עליאס — (צוקומענדיק נענטער) אנטשולדיקט, שטער איך אייך ניט?

סימע — נא, אויב דו ווילסט, עליאס, נעם א בענקל און זיץ דא מיט אונדז אביסל.

עליאס — גראסיאס, ס'מאכט ניט אויס אזוי אויך.

סאמועל — וואס־זשע מאכט איר עפעס, עליאס? דאס פאריקע מאל, ווען איך בין דא געווען, האב איך געפרעגט אויף אייך, האט מען מיר געזאגט: איר זענט נישטא אין דער היים.

עליאס — סי, איך בין כמעט קיינמאל ניט אין דער היים...

סאמועל — אזוי פארנומען זענט איר? (מיט א גוטמוטיקן שמייכל) אה, אנטשולדיקט! כ'האב פארגעסן, אז פראלעטאריער האבן קיין היים ניט...

סימע — (ווי זי וואלט אים וועלן פארריכטן) דעסקולפא, וועגן עליאסן וואלט גיכער געפאסט צו זאגן, — אז קינסטלער האבן קיין היים ניט. ווייל עליאסעס ארבעט איז א קונסט־ארבעט, ער איז א שניי-צער. האסט געזען, סאמועל, די געשניצטע ראם פון מיין גרויסן בילד, — דאס איז זיין ארבעט, ס'האט מיר עליאס געשענקט, דער-מאלט ווען מיר זענען פארלאבט געווארן.

סאמועל — סי, דאס איז טאקע א גרויסארטיקע ראם. (ווענדט זיך צו עליאסן) איר ארבעט שטענדיק ביי ראמען, צי ביידע אנדערע זאכן אויך?

עליאס — איך שניץ בילדער אויך, ווען ס'קומט אויס...

סאמועל — (פארוואונדערט) בילדער? וואס פאר א בילדער?

עליאס — פארשיידענע... פון אנפאנג, ווען איך בין געקומען אין אר־
גענטינע, נאָך אלס גרינער, פלעג איך שניצן, שווארצע גלאנציקע
נעגערן... אָט די, וואס ווערן באנוצט צו די קאטשע פונעבערעס...
זיי ווערן געמאכט פון אזא ווייכן מאטעריאל און זענען זייער גרינג
צום ארבעטן, אָט די הילצערנע נעגערס. אָבער איך קען אויך שניצן
אין הארטן גראניט, וואס ווערט באנוצט אין קארניזן צו טורימ־
דיקע געביידעס.

סאמועל — (פארוואונדערט) זענט איר, עליאס, ווייזט אויס טאקע א
קינסטלער אין אייער פאך?

סימע — זעסטו, סאמועל, און דו האסט אים גערעכנט פאר א פשוטן
פראָלעטאריער.

עליאס — נו, סימע, דו טרייב נאר ניט איבער. דו ווייסט דאָך, אז
כ׳האָב עס ניט ליב. וואס־זשע, די קינסטלער, כ׳מיין די שניצער,
זענען דען ניט קיין פראָלעטאריער ניט?..

סימע — ס׳איז דאָך אָבער אן אונטערשיד...

עליאס — נאָ, קיין אונטערשיד. (דערמאָנט זיך וועגן עפעס) יאָ, וואס
האָב איך דיך געוואלט פרעגן, סימע. געפינט זיך ניט ביי דיר א
פראגראם פון היינטיקן אוונט?

סימע — סי, ס׳דאַרף זיין, אָבער וואס טויג זי דיר, עליאס? דו וועסט
דאָך סיי־ווי ניט גיין צום קאָנצערט.

עליאס — ניין. לײדער וועט מיר ניט אויסקומען צו זיין און הערן דיך
שפילן וועל איך ניט קענען. נו, האָב איך כאָטש געוואלט זען, וואס
דו שפילסט. איך ווייס, אז אויף היינטיקן אוונט האסטו אויסגע־
לערנט א פאר נייע סאָנאטן.

סימע — סי, דאס זענען גאנץ געוויינלעכע זאכן. (צו סאמועלן) אבער
ווייסט, סאמועל, איך שרעק מיך עפעס פארן היינטיקן אוונט...
איך ווייס ניט פאר וואס. ס׳איז דאָך ניט דאס ערשטע מאל, וואס
איך שפיל אויף א קאָנצערט, אבער היינט... איך ווייס ניט, וואס
מיט מיר איז... צי זאל עס זיין דערפאר, וואס איך פיל, אז דו
וועסט דאס ערשטע מאל מיך הערן שפילן פאר א פובליקום... און
ס׳איז נאָך מעגלעך, אז איך זאל האָבן א דורכפאל... כאָטש ביי
מיר האָט זיך עס נאָך ניט געטראָפן, אבער ס׳קען טרעפן אמאל...

עליאס — נא, סימע. איך בין זיכער, אז דאס וועט ניט געשען.
סימע — מיט וואס ביסטו אזוי זיכער?
עליאס — מיט וואס? — אט דערפאר, ווייל דארט וועלן געווים ניט זיין קיין גרעסערע מבינים, ווי די פראפעסארן פון קאנסערוואטאריום, און אז דו וועסט אויסנעמען, אין דעם איז קיין צווייפל ניט, און ווען ניט, — איז א סימן, אז זיי האבן דיך ניט פארשטאנען... קענסט מיר אפשר געבן די פראגראם, סימע?
סימע — אז דו ווילסט זיין אזוי גוט, זאג אניטען, זי האט זי, דאכט מיר, געהאלטן... זי האט דארט געזוכט די קאמיסיאן פון די סעניאריטאס.
עליאס — קאן סו פערמיסא (אפּ).
סאמועל — אן ארבעטער, אבער זעט אויס אן אינטעליגענטנער יונגערמאן און פארשטייט זיך אויף מוזיק. (רעדן שטיל).

(פּויזע)

(אניטא מיט עליאסן קומען אריין).

אניטא — די פראגראמע דארפסטו? אט וועל איך זי דיר געבן (גייט צום טואלעט־טישל, נעמט, גיט א קוק און גיט עס עליאסן. גייט צו צו סימען) דו ווייסט, סאפיא? דיין נומער איז דער צווייטער.
סימע — נא אימפארטא! אז איך וועל קומען צום דריטן, וועל איך אויך ניט אנווערן. (כאפט זיך אויף) קום סאמועל, כ׳וועל דערווייל עפעס איבערשפילן. (צו עליאסן) קום, עליאס, וועסטו הערן וואס איך שפּיל אויפן קאנצערט. (גייט געארעמט מיט סאמועלן; נאך זיי, עליאס מיט אנטען. פויזע).
(מען הערט קלינגען, עס קומט אריין קלארע מיט א בוקעט בלומען, אנגעטון אין א באל־קלייד און אין טייערע צירונג. איר פּנים איז שטארק אנגעפודערט, אין האנט א רענצל, וועלכע זי עפנט אלע ווײַלע, נעמט ארויס א פודערל און א שפּיגעלע, אבער פארזיכטיק, מען זאל ניט באמערקן.)
קלארע — (קוקט זיך ארום) נישטא קיינער? (הינטער די קוליסן הערט מען שפּילן פּיאנא).

(עס קומט אריין מיגעל).

מיגעל — א, קלארע! וואס טוסטו דא? פון וואנען קומסטו?
קלארע — (מיט גיפט) בוענא נאטשע, סעניאר! איך קום פון דער היים.

אזוי האסטו געהאלטן ווארט? מען מעג זיך אויף דיר פארלאזן...
(קוקט אויף אים מיט כעס).

מיגעל — אט האב איך מיך נאר וואס געלאזט גיין צו דיר, כ'האב דאך מיך באדארפט איבערטון. זעסט ניט, אז ס'איז אן אנדער טראכט?
(דערנענטערט זיך צו איר).

קלארע — אזוי פיל דארף געדויערן זיך איבערטון? גיי, וועמען דער ציילסטו. מאקאנאס... (שטויסט אים אפ פון זיך).

מיגעל — פאלאברא דע אנאר! כ'האב מיך געלאזט גיין צו דיר.

קלארע — דיין פאלאברא! זע, אויף וועז דו האסט מיר צו־געזאגט צו קומען! ווייזט איר האנט־זייגערל) זע, ווי שפעט ס'איז שוין.
(שטופט אים די האנט צו די אויגן).

מיגעל — (קושט איר האנט) דעסקולפע, קלארע! און אז אן אייגענער מאן זאגט צו און קומט ניט... (שמייכלט שעלמיש).

קלארע — אן אייגענער איז עפעס אנדערש... ער דארף אין זינען האבן נאך זאכן, אבער דו, אויב דו האסט אנדערע, קענסטו דיך גיין צו זיי, כ'וועל דיך ניט שלעפן מיט גוואלט נאר, אז דו האסט צוגע־זאגט, האסטו באדארפט קומען, סעניאר.

מיגעל — אבער זאג דו אליין, קלארע. כ'האב דען מיט דיר חתונה געהאט?.. נו זאג אליין...

קלארע — מאי ביען! געדענק, געדענק, מיגעל, ווען דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיר אויך אזוי ענטפערן: — „כ'האב דען מיט דיר חתונה געהאט?" (פודערט זיך).

מיגעל — (צערטלט זי) באסטא, קלארא, באסטא! לאמיר אוועקגיין פון דאנען, דא קען נאך אימיצער אנקומען...

קלארע — וואו איז סאפיע מיט אניטען? כ'דארף זיי האבן.

מיגעל — זיי זענען אין סאלע, דער חתן איז דארטן. (עס הערט זיך שפילן א וואלס).

קלארע — אוי, א שיינער וואלס! דער חתן איז דארט, איך וויל איב טאקע זען! (פודערט זיך) אוי, א שיינער וואלס!

מיגעל — ווארט, קלארע, גיי ניט איצט, איך וועל א קוק טון, קען זיין דער פאפא איז דארטן... (קוקט אריין) ניין, ער איז נישטא דארטן.

קלארע — אוי, א שיינער וואלס. ס'ווילט זיך מיר שוין טאנצן, (כאפט

ארום מיגעלן, טאנצט מיט אים, רעדט שטיל) און דאס, וואס דו
האסט מיר צוגעזאגט, מיגעל, וועט זיין? אַ?..

מיגעל — סי... נאר וואס געגומען א הונדערטער ביים פאפא. אבער גיי
אריין, קלארע, ס׳קען נאך אימיצער אנקומען. גיי, איך קום באלד.

קלארע — אסטאלועגא! געדענק, מיגעל, כ׳זאל ניט דארפןווארטן אויף
דיר, ווי פריער... (אפ אין צווייטן צימער).

מיגעל — אסטאלועגא! (א מאך מיט דער האנט און אפ).

(עליאס פון א זייטן־טיר, קומט אריין).

עליאס — (מיט א קאנווערט, נעמט ארויס פארזיכטיק א בילד, קוקט
עס אן און זעצט זיך אויף דער סאפע.)

(סימע קומט אריין. ניט באמערקנדיק עליאסן, גייט זי צום טישל,
עפנט דאס רענצל, זוכט עפעס, טראכט און זוכט ווידער, בלייבט שטיין).

סימע — (פאר זיך) וואס הייסט עס, וואו האט עס געקענט אהינקומען?
(זוכט אין רענצל).

עליאס — (פון ווייטנס) וואס זוכסטו עס דארטן, סימע? (קוקט אמאל
צום בילד און אמאל צו סימען).

סימע — (ווי זי וואלט אים ניט האבן באמערקט) א, עליאס?! ביסט גאר
דא? וואס זאגסטו ניט צו דעם, כ׳געדענק אליין, כ׳האב אריינגע־
לייגט דאס רינגל אין דער קארטערא — און ס׳איז נישטא. כ׳ווייס
ניט, וואו ס׳האט געקענט אהינקומען.

עליאס — מן הסתם פארלוירן, קארג גוטע זאכן גייען פארלוירן?
ערגערן וועגן דעם דארפסטו זיך ניט, סימע. און אפשר קען זיין,
וועסטו עס נאך געפינען.

סימע — ס׳ארט מיך ניט אזוי דאס רינגל,נאר ס׳איז א רעגאלע פון סאַ־
מועלן. (שמייכלט) ער קען מיך גראדע א פרעג טון וועגן דעם...

עליאס — נו, וועסטו אים זאגן, דו האסט עס פארלוירן, דו ביסט דען
שולדיק אין דעם?

סימע — שא נאר, ווען האסטו דא געטראפן, ווען דו ביסט געקומען,
עליאס?

עליאס — ווען איך בין געקומען איז דא געווען דער פאפא, ער האט
גערעדט מיט מיגעלן, אבער ער איז באלד אוועקגעגאנגען.

סימע — א, מיגעל איז דא געווען! ווי באלד אזוי איז אדיאס מיטן רינגל!

(זעט, ווי עליאס קוקט אין בילד).

עליאס — ערגער דיך ניט, סימע, וועסט קריגן אן אנדערס, א דאגה א גרויסע!

סימע — (מיט נייגיר) ווי געפעלט דיר מיין בילד, עליאס?

עליאס — יא, דאס בילד איז זייער שיין... אבער ווען איך האב געבעטן, דו זאלסט מיר שענקען דיינס א בילד, סימע, האב איך געמיינט, אט פון יענע, וואו דו ביסט פאטאגראפירט אליין, אן סאמועלן...

סימע — (אין פארלעגנהייט) פון יענע? — דאס, עליאס, איז א קאמפראמיס פאר מיר... (שמייכלט).

עליאס — א קאמפראמיס? אייגנטלעך זע איך ניט אין דעם קיין באזונדערס, וואס זאל קענען אימיצן קאמפראמיטירן.

סימע — נו גענוג, וועסט האבן א בילד. (מונטערער) אבער זאג מיר, עליאס, ווי געפעלט דיר סאמועל? ניט אלס געשעפטסמאן, נאר אזוי אלס מענטש?

עליאס — כ'האב דיר שוין געזאגט, סימע. ער זעט אויס צו זיין א פיינער יונגערמאן, אדער, ווי ער אליין האט זיך דא פריער אויסגעדריקט וועגן מיר: אפילו אן ארבעטער, אבער זעט אויס אן אינטעליגענט, יא אפילו א געשעפטסמאן, אבער זעט אויס צו זיין א פיינער מאן... נאר די הויפטזאך, ער איז א מענטש, אן ערנסטער און ניט מיט קיין קרעמערישער נשמה, דאס איז שוין גענוג.

סימע — (שמייכלט) כ'האב געוואוסט, אז ער וועט דיר געפעלן.

(הינדע אין טיר)

הינדע — סימעלע, דער פאפא, רופט דיך (אפ)

סימע — דעסקולפא, עליאס! אויב דו ווילסט, קום אויך אריין. (לאזט זיך אוועקגיין).

עליאס — נא. (נעמט דעם קאנווערט, לייגט אריין דאס בילד, באהאלט עס איז בוזעם־טאש, פארדרויכערט, שפאצירט ארום).

(גלאסקין קומט ארוים פון צווייטן צימער).

גלאסקין — (דערזעט עליאסן) א, טאקע גוט וואס דו ביסט דא, עליאס, כ'האב געמיינט, דו ביסט שוין אוועקגעגאנגען.

עליאס — ס'האט זיך מיר פארוואלט א סיגאר — און מיינע סיגארעטן זענען ניט פון אזא פיינעם סארט... בין איך אביסל אהער אריינ־

געגאנגען.

גלאסקין — איך האָב דיר געוואָלט בעטן א טובה, עליאַס.

עליאַס — אויב עס איז נאָר מעגלעך. (שפּאַסיק) אפשר אפאר טויזנט פּעזעס אויסלייען?

גלאסקין — כאַ, כאַ, כאַ, ניין, א דאנק. אבער הער,, עליאַס, מיר גייען אלע אוועק, די שטוב בלייבט דאָ נאָר אויפן פּעאָן מיט דער דינסט. זיי זענען אפילו ארנטלעכע מענטשן, נאָר אויב דו זאָלסט וועלן, דו גייסט דאָך סיי ווי ניט אויף דער באַילע, וואָלסטו דאָ געקענט נעכטיקן.

עליאַס — מאַי ביען, כ'קען נעכטיקן, יאָ. אויב איר ווילט, הייסט דאָרט די דינסט אריינטראָגן א קישן אהער, איך וועל מיך צושפּאַרן טאַקע דאָ אויף דער סאָפע.

גלאסקין — ניין, צו־וואָס? קענסט אריינגיין צו מיגעלן אין צימער און זיך דאָרט לייגן אויף זיין בעטל.

עליאַס — גוט, איך וועל מיך שוין דאָ איינאָרדענען (עס דערהערט זיך א סיגנאַל פון אן אויטאָמאָביל).

יאַקוב — (קומט אריין צו גלאסקינען) שוין דאָ דער אויטאָמאָביל.

(עס קומען ארוים: סאַמועל, סימע, אניטאַ, לעאָן, הינדע און קלאַרע)

אלע: — (צו עליאַסן) בוענאַ נאַטשע!

עליאַס — בוענאַ נאַטשע! פאַרברענגט זיך גוט!

גלאסקין — (צו יאַקובן) וועסט זיך דאָ צוהערן. עליאַס בלייבט אויך דאָ.

יאַקוב — גוט! (גלאסקין גייט אוועק, יאַקוב פאַרמאַכט די טיר).

(עליאַס פאַרדרייט דעם לאָמפּ, צינדט אָן דאָס קליינע לעמפּל, גייט אין צווייטן צימער און קומט צוריק מיט א בוך אין האַנט. לייגט זיך אוועק אויף דער סאָפע, פאַרטיפט זיך אין לעזן. עס דערהערט זיך א קלונג פון גאַסן־טיר, מיגל קומט אריין, א ביסל צעטומלט.

עליאַס — (ליגנדיק) דאָס ביזטו, מיגעל?

מיגעל — סי, כ'האָב דאָ עפּעס פאַרגעסן מיטצונעמען... (אַפּ אין צווייטן צימער, עס דערהערט זיך דאָס רוקן פון שופלאַדן, עס דויערט א קורצע ווײַלע, ער קומט צוריק ארוים איבערגעטען, גייט שנעל אוועק).

יאקוב — (לויפט שנעל אריין) סעניאר עליאס! כ'האב געהערט, מיגעל האט זיך עפעס געפארעט אין קאנטאר. (קוקן זיך איבער צעשראקן).

(גלאסקין אויפגערעגט קומט אריין, גייט שנעל אין צווייטן צימער).

עליאס — (שטיל) יאקוב! איך האב מורא, אז דו האסט געטראפן...

גלאסקין — (קומט צוריק ארוים) ווער איז דא געווען אין דער עסקריטאריע?

עליאס — מיגעל איז נאר וואס געווען און באלד אוועקגעגאנגען.

גלאסקין — (אין פארצווייפלונג) אה, דער יונג וועט מיך נאך טרייבן צום באנקראט... א טשעק אויף טויזנט פעזעס ארויסגענומען! וואס טוט מען מיט אים, וואס טוט מען מיט אים? — איך וואלט געמאלדן אין באנק, ווען דאס זאל זיין א פרעמדער... אבער אן אייגענער! אן אייגענער! (פאלט אויף א שטול אין טיפער פארצווייפלונג, מיט קאפ אויפן טיש אנגעשפארט) וואס זאל איך טון? וואס זאל איך טון?

(עליאס באטראכט אים מיט באדויערנדיקע בליקן).

פארהאנג

צווייטער אקט.

(א ברייטע טעראסע ארומבאפלאנצט מיט אקאציעס און אנדערע בוי־מער. ערטערווייז זעען זיך בלומען פון פארשידענע פארבן; לינקס פון דער טעראסע זעט זיך די פראנט־וואנט פון א קליינער זומער־וואוינונג מיט א באלקאן און אייניקע שטיגן. אינמיטן דער טעראסע — א קיילעכדיק גרין טישל, עטלעכע שטולן און אויך א וויג־שטול; אויפן טישל — א קרוג מיט לעבעדיקע בלומען; אין הינטער־גרונט — א נידעריקער פלויט מיט גרינע שטאכעטן; אין מיטן — א טירל. פון יענער זייט פלויט — א גרויסער פלאץ. נאכמיטאג־שעה, אין וויג־שטול זיצט סימע, זומערדיק אנגעטון, ענדיקט אויסנייען א שארף, זינגט זיך אן ארגענטיניש פאלקס־לידל; פון שטוב קומט ארוים סאמועל, אין א ווייסן אנצוג, אן הוט, גייט שטיל אראפ די שטיגן, גייט צו צום בלומענטאפ, אז סימע זאל ניט באמערקן, רייסט אראפ א בלום, גייט לאנגזאם צו צו סימען און ווארפט די בלום צו איר אויפן שוים).

ס י מ ע — (דערזעענדיק אים) א, סאמועל! (נעמט די בלום) גראסיאס!

ס א מ ו ע ל — (שמייכלט) האסט זיך דערשראקן, סאפיע?

ס י מ ע — נא! אך, ס'איז אזוי גוט דא צו זיצן, אזוי קיל, א פארגעניגן! (זעצט פאר איר ארבעט).

ס א מ ו ע ל — היינט אינדערפרי האט מען דא ניט געקענט איינשטיין. אזוי היים איז געווען.

ס י מ ע — דארט אין שטאט, אין צענטער, דארף זיין נאך הייסער

ס א מ ו ע ל — איך שטעל מיר פאר, איצט אין שטאט, די שמאלע גאסן מיט די אנגעגליטע טראטוארן און די ענגע צימערן — ס'איז א איינפאכער גיהינם (זעצט זיך אוועק).

ס י מ ע — (שטעקט אריין די בלום אין בלוזע) דו ווילסט עפעס טרינקען, סאמועל? מען האט היינט געבראכט גוטע רעפרעסקעס, אט וועל איך הייסן ארויסברענגען. (רופט) יוזעפא!

סאמועל — וואלסט באדארפט הייסן ברענגען נאך א פאר פלעשער, ס'וועט מעגלעך אימיצער היינט קומען צו אונדז.

יוזעפא — (אין פענצטער) איר רופט מיך, סעניארא?

סימע — סי, ברענג ארויף א פאר רעפרעסקאס! (יוזעפא אפּ).

סאמועל — דו זיצסט דא, סאפיע, און מאטערסט דיך אויסנייען אט די טויטע בלומען; וואלסט גאר גענומען עטלעכע פון אט די לעבעדיקע און זיי איינגעשטעקט אין שארף... כ'לעבן, זיי זענען אויך גענוג שיין! און דערצו שמעקן זיי נאך!

סימע — סי, שיין זענען זיי גענוג, אבער האלטן אזוי פיל ווי די, קענען זיי ניט. זיי פארוועלקן באלד. (הייבט זיך אויף) און מיינע בלומען זענען שוין פארטיק. איצט וועל איך אנטון די שארף און גיין, צו עס געפעלט דיר. (ווארפט אריבער די שארף איבערן האלדז, שמייכלט צו סאמועלן).

סאמועל — אך, דיין ארבעט איז ווירקלעך שיין, סאפיע, און איז ווערט געקושט צו ווערן. אבער נאך מער — דו אליין...

(סאמועל נעמט אן ביידע ברעגעס פונם שארף, ציט סאפיען צו צו זיך און קושט זי).

יוזעפא — (ברענגט ארויס צוויי רעפרעסקעס שטעלט אויפן טישל, גייט אפּ).

סימע — קען זיין, דער פאפא און מאמא זאלן באלד קומען.

סאמועל — זיי האבן שוין באדארפט זיין, זיי האבן צוגעזאגט צו קומען נאך מיטאג, און ס'איז שוין באלד נאכט.

סימע — סי, שוין באלד נאכט און זע נאר, ווי ליכטיק דא איז נאך!

סאמועל — דא ווערט שפעטער נאכט ווי אין שטאט.

סימע — און טאג ווערט דא אויך פריער.

סאמועל — (דערמאנט זיך) יא, כ'האב פארגעסן, היינט גאנץ פרי, ווען איך האב מיך אויפגעכאפט און א קוק געטון אין פענצטער, האב איך דיך שוין געזען ארומשפאצירן אויף דער טעראסע. ס'איז נאך געווען אזוי פרי, די זון איז נאך ניט געווען אויפגעגאנגען.

סימע — איך האב באגאסן די בלומען. ס'האט שוין אזוי לאנג ניט גערעגנט און דאס איז גוט צו טון פארטאג, איידער די זון גייט אויף.

סאמועל — אבער די ארבעט וואלט דאך יוזעפא אויך געקענט טון.

סימע — נא, סאמועל, דאס ליב איך אליין צו טון. עס וואונדערט מיך אליין, ווען איך דערמאן מיך, אז אין שטאט פלעג איך קענען שלאפן ביז שפעט אויפן טאג, און דא — ס'הויבט נאר אן צו טאגן, ציט עס מיך שוין אין דרויסן.

סאמועל — אבער בארוועס גייז דארפסטו ניט.

סימע — אך, דו פילסט גאר ניט, ווי גוט עס איז ארומצוגיין מיט די בארוועסע פיס אויף דעם פרישן ווייכן גראז! עס דאכט זיך, ווי מען שפאצירט ארום אויף סאמעטענע טיכער... איך געדענק, ווען מיר האבן געוואוינט אויפן קאמפ, פלעג איך כמעט אלע גאנצפרי ארומגיין בארוועס און ס'האט מיר קיינמאל ניט געשאדט.

סאמועל — דו ווייסט, סאפיע, איך טראכט, אז אויף דעם קומענדיקן זומער, זאלן מיר ווידער דינגען די וואוינונג.

סימע — אויב דו ווילסט, פארוואס ניט! מיר איז אויך אנגענעם דא צו זיין.

סאמועל — (שפאסנדיק) מיט דעם באדינג, אז מער זאלסטו עס ניט טון... כ'האב מורא, אז דו זאלסט זיך ניט צוקילן.

סימע — נא. — בין אין קומענדיקן סעזאן וויים איך גאר ניט, צי איך וועל קענען ארומלויפן בארוועס, ווייל... (רוימט אים איין א סוד אין אויער).

סאמועל — (פריילאך) סי?! איז נאך בעסער! איז נאך בעסער, סאפיע! וועל איך פארשפארן מורא צו האבן פאר צו־קילן דיך...

סימע — (ווי שעמעוודיק) נו, גענוג! איר מענער, אז איר כאפט א ווארט...

סאמועל — הערסט, סאפיע, אט דא פריער, ווען איך בין געלעגן אויפן בעטל לעבן פענצטער און דיך געהערט זינגען, איז מיר געקומען אויפן זינען מיין סאלטערא־לעבן... דאכט זיך, ווי לאנג בין איך גע־ווען א סאלטערא און ווי גיך די צייט איז איבערגעלאפן!

סימע — טוט דיר באנג, סאמועל?

סאמועל — נא, פארקערט...

(מען זעט אנקומען עליאסן. זומערדיק אנגעטון. מיט א צייטונג און עטלעכע בלומען אין האנט).

ס א מ ו ע ל — אט קומט עליאס!

ע ל י א ס — בוענאס טארדעס!

ס א מ ו ע ל — בוענאס טארדעס! וואס הערט זיך, עליאס?

ע ל י א ס — און וואס הערט זיך עפעס דא ביי אייך? כ׳בין שוין דא אזוי לאנג ניט געוועז!

ס א מ ו ע ל — וואס זאל זיך הערן? צו וואוינען דא איז געווים בעסער ווי אין שטאט, אבער אפטמאל לאנגווייליקן מיר זיך אביסל, מיר האבן דא ניט קיין באקאנטע.

ס י מ ע — וואלסט געמעגט קומען צו אונדז אפטער אביסל, עליאס.

ס א מ ו ע ל — דו ווייסט, עליאס, סימע איז דאך שוין געוועז ברוגז אויף דיר, פארוואס דו קומסט ניט. — וואו ביסטו עס געוועזן די גאנצע צייט?

ע ל י א ס — (שמייכלט) ווען סימע וואלט וויסן, וואו איך בין געוועזן, וואלט זי שוין ניט געוועזן ברוגז... מען האט דאך מיך ארעסטירט.

ס י מ ע — ארעסטירט? פארוואס?

ע ל י א ס — זייט ניט איבערראשט! חלילה, ניט פאר גנבה...

ס י מ ע — וואס הייסט? אזוי גאר אן א מאטיוו?

ע ל י א ס — נאר וואס פאר א מאטיוו! א ווידזשעלאנט האט מיך דערזען ארויסגיין פון ביבליאטעק, מיט א ביכעל און האט מיך צוגענומען פון גאס. ס׳אקארגער מאטיוו?

ס א מ ו ע ל — פארוואס האסטו באלד ניט אנגעזאגט ביי דיר אויף דער קווארטיר? ס׳וואלט אימיצער געוועז צוגעקומען.

ע ל י א ס — אויף קווארטיר? מען האט דאך דארט אן אבלאווע געמאכט, ביי מיר אין הינערשטייג, א גאנצען חורבן אנגעמאכט! צעבראכן, צעריסן, וואס מען האט דערטאפט. געדענקסט, סימע, מיין שאפ-קעלע מיט ביכער? האבן זיי דאס אויף שטיקלאך צעבראכן און די ביכער צעריסן און צעווארפן. מענדעלען און פרצן האב איך גע-טראפן זיך וואלגערן אויפן פאל... און שלום עליכם איז געלעגן א צעפליקטער אין א ווינקל... דעם מאטראץ אפילו האבן זיי צע-ריסן...

ס א מ ו ע ל — זיי האבן מן הסתם געמיינט, אז דו האסט דארט געלט באהאלטן... (לאכן).

ס י מ ע — דו ביסט אפשר געווען ביי אונדזערע, עליאס? (גיסט אן רע־
פרעסקא) נעם, עליאס, טרינק אביסל רעפרעסקא.
ע ל י א ס — סי, ערשט היינט האב איך זיי געזאגט, אז איך פאר
אהער. זיי וועלן דא געווים זיין באלד.
ס א מ ו ע ל — ווען זיי זאלן אנקומען באלד! איך דארף דא נאך צופארן
אויף אן ארט, איידער ס׳ווערט נאכט. אנו, איך וועל א קוק טון,
אפשר קומען זיי שוין. (גייט צום פלויט, קוקט אריבער.)
ע ל י א ס — (שטיל צו סימען) ווייסטו, סימע, איבער וועמען מען האט
מיך ארעסטירט?
ס י מ ע — איבער וועמען?
ע ל י א ס — איבער דיין ברודער מיגעל! איך האב מיך מיט אים אביסל
צעווערטלט, איז ער געגאנגען און האט אנגעגעבן אויף מיר, אז
איך בין אן אגיטאטאר.
ס י מ ע — אך, וויפיל מען ליידט זיך דאס אן פון אים! סי, ער איז פע־
איק אויף דעם...
ע ל י א ס — ער קומט אמאל אהער, מיגעל?
ס י מ ע — סי, קלארע קומט אויך אפט מיט אים. דו ווייסט דאך, עליאס,
איך האלט פון זיי ביידן זייער וויניק... אבער וואס קען מען העל־
פן? — מען מוז אמאל אזעלכע מענטשן אויך אויפנעמען...
ס א מ ו ע ל — (פון ווייטן) אט קומען זיי שוין! דער פאפא און די מא־
מא! אניטא אויך!
ס י מ ע — א, אניטא איך! (גייט צום טירל מיט עליאסן.)
(ס׳קומען אריין: גלאסקין, הינדע, אניטא.)
ד י ג ע ס ט : — בוענאס טארדעס!
ס י מ ע — בוענאס טארדעס! (קושט זיך מיט דער מוטער און אניטען.)
ג ל א ס ק י ן — (ווישט זיך דעם שווייס) א, דא איז גאר עפעס אן אנ־
דער וועלט! קיל — א מחיה, א גן עדן, כ׳לעבן!
ס י מ ע — זיצט! זיץ, מאמא! וואס הערט זיך עפעס ביי אייך? — וואס
טוען עפעס אונדזערע באקאנטע דארט אין שטאט?
זיי קערן פרעגן אויף אונדזן?
ה י נ ד ע — דאנקן גאט, דאס לעבן איז ווי פריער. נאר ס׳איז אונדזן
אביסל אומעטיק אן דיר, סימעלע. כ׳האב דאך דיר שוין ניט

איינמאל דערציילט: יעדעס מאל, ווען איך טו א קוק אויף דער פיאנע, דערמאן איך מיך אן דיר... (זי זיפצט) ס'איז געווען א פרייד דיך צו הערן שפילן... — אבער דאנקן גאט, ס'טוט ניט באנג. אבי דו ביסט צופרידן.

ס י מ ע — סי, מאמא. זייער צופרידן. (לאזט זיך גיין אין שטוב אריין.)

ג ל א ס ק י ן — (מיט א שפאסיקן טאן צו עליאסן) און דו, עליאס, וואס מאכסטו עפעס? גייסט נאך אלץ אויף מיטינגען? וואו מען פאר־זייט דיך ניט, דארטן וואקסטו אויס...

ע ל י א ס — איך זאל ווארטן ביז איר וועט מיך פארזייען, וואלט איך ארויס א לייט...

ס א מ ו ע ל — (מיט א שמייכל) איר ווייסט? ער איז דאך געווען ארעס־טירט, עליאס.

ג ל א ס ק י ן — יא, איך האב שוין די זכיה געהאט צו הערן... געמיינט, מען האט שוין פארשיקט אין „טיערא דעל פועגא", און ער איז גאר געקומען אהער זיך אפקילן.

ס א מ ו ע ל — (מיט א צופרידענעם שמייכל) און בעסער אזוי!

(סימע קומט ארוים מיט עטלעכע סערוועטלאך, לייגט זיי אויפן טישל.)

ג ל א ס ק י ן — (עטוואס ערנסטער צו עליאסן) מילא, א שפאס אהין, א שפאס אהער: הערסט, עליאס, וואלסט שוין באמת געמעגט אויפהערן זיך ארומצושלעפן און אנהויבן טראכטן וועגן א תכלית. ביז וואן איז דער שיעור?

ע ל י א ס — פאראן א סך תכליתים אויף דער וועלט, פעטער. און, איי־גנטלעך, אין וואס באשטייט אייער תכלית? איך מיין, — מיין תכלית?

ג ל א ס ק י ן — נו, וואס־זשע, דו ביסט עפעס א יינגעלע, עליאס, וואס, מע דארף דיר ארייגלייגן א פינגער אין מויל?.. דו קענסט שוין אליין פארשטיין... מע נעמט און מען זוכט זיך אפ עפעס א פיינע סענאריטא, מע ווערט א חתן און מע האט חתונה — און אזוי קומט מען צו א תכלית.

ע ל י א ס — (מיט א גוטמוטיקן שמייכל) סי, אמת, פעטער, מע קען ניט לייקענען, דאס איז אויך ניט קיין שלעכטער תכלית — נאר ווי

פאר איינעם... אבער אזא תכלית ווי איר, פעטער, שלאגט מיר פאר, דארף זיין זייער א לאנגווייליקע זאך... און אזוי ווי איך האב ניט ליב זיך צו לאנגווייליקן, האב איך שטארק מורא, אז פון מיר וועט שוין קיין תכלית ניט זיין...

(אלע לאכן)

(די דינסט ברענגט ארויס א פאר פלעשער „רעפרעסקעס", מיט א סיפאן און גלעזער מיט שטרויעלעך, שטעלט אויפן טיש, גייט אוועק).

סימע — (אנגיסנדיק די גלעזער) סערווירט אייך! (טראגט צו דער מו־טער א גלאז רעפרעסקא) טרינק, מאמא, דאס איז זייער גוטע רעפ־רעסקעס. אויב ס'וועט דיר געפעלן, קען איך דיר געבן א פאר פלעשער. מיר האבן געקויפט א גאנץ טוץ. (צו די איבעריקע) טרינקט.

גלאסקין — דו ווייסט, סאמועל, איך האב פאר דיר א נייס.

סאמועל — א נייס?

גלאסקין — סי, כ'האב היינט געפונען א גרויסן לאקאל אויף א קלייט צוזאמען מיט א וואוינונג, אין אזא פונקט, וואו פאר דיר וועט עס זיין אויסגעצייכנט! כ'האב אנגעפרעגט, און מיר דאכט, אז ס'איז ניט טייער.

סאמועל — מאי ביען. מיר האבן דא נאך אפילו אפצוואוינען א שטיקל צייט, נאר אויב מע זאל דינגען, קען מען דערווייל איינארד־נען דעם לאקאל און דערנאך זיך איבערציען. כ'וועל זיין אין שטאט וועל איך אנקוקן.

גלאסקין — און נאך א זאך האב איך אין זינען געהאט דיך צו פרעגן... (רופט אים אפ אין א זייט און זיי שמועסן).

סימע — וואס הערט זיך מיט דיין עקזאמען, אניטא? ביסט אריבער?

אניטא — ווי דען! אריבער! נאר דער פאפא וויל ניט איך זאל שטודירן ווייטער. (מיט פארדראס) בוענא. ער וויל ניט, דארף מען ניט, דארף מען ניט. וואס קען איך מיר העלפן?

הינדע — (צו סימען) איך בין מיך ממש מחיה, וואס זי האט שוין געענדיקט די שולע, ס'איז ניט געווען, וועד עס זאל אין שטוב אכטונג געבן. זי האט געלערנט און דו, א דאנק גאט ביסט געווארן

פאר זיך א באַלעבאַסטע. ווי זע איך זי שוין אזוי פאַרזאָרגט!

אַ נ י ט אַ — אַ, די מאַמאַ וויל אַלץ אינאייינעם: אי די שטוב זאָל מען איר אָטענדירן, אי אונדז חתונה מאַכן, פאַסענסיאַ!

הי נ ד ע — מע דאַרף צו אייך האָבן אַ אייזערנע פאַסיענסיע.

אַ נ י ט אַ — און מיר צו אייך שוין גאָרניט? מע לאָזט קיין איבריקן טריט ניט טון, ווייל מען איז אַ יידישע סעניאָריטאַ... אַפילו שטיין אויפן טויער טאָר מען אויך ניט.

ע ל י א ס — (מיט אַ איראָנישן זשעסט) אַ רחמנות, נעבעך!..

ג ל אַ ס ק י ן — (קומט נענטער מיט סאַמועל) נו, ווי פילסטו דיך דאָ, טאָכטער? בעסער ווי אין שטאָט, האַ? ביסט צופרידן? זאָג דעם אמת, ביסט באַטש צופרידן?..

ס י מ ע — סי, פּאַפּאַ. איך האָב מיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן (קוקט צו סאַמועלן און שמייכלט).

ג ל אַ ס ק י ן — יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן! און די פּיאַנע דיינע? ווי אַזוי שפּילט זי עפּעס? ביסט דאָך עפּעס אַ מבין! (צו סאַמועלן) זי האָט דאָך אַ דיפּלאָם, „פּראָפעסאָראַ דע פּיאַנאָ!"

ס י מ ע — זי שפּילט זייער גוט. דאָ גראָדע קומט דאָס מיר צונויץ מער ווי אין שטאָט. מענטשן קומען צו אונדז וויניק, פאַרברענג איך מיך מיטן שפּילן.

ג ל אַ ס ק י ן — (צו סאַמועלן) דו קענסט דיר גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי זי האָט ליב געהאַט דאָס שפּילן! זי האָט דאָך פאַנטאַזירט צו ווערן אַ קאָנצערטיסטן! אַ קאָנצערטיסטן! (ציינט אויף עליאַסן) און ער פלעגט זי איינריידן — ער מיט זיינע אידייען!

ס י מ ע — (שמייכלט גוטמוטיק) סי, יעדעס מאָל, ווען עליאַס האָט מיך געטראָפן שפּילן, האָט ער מיך שטענדיק מיט לויב־לידער באַשאָטן. גאַנצע אילוזיעס פלעגט ער זיך וועגן מיר פאָרשטעלן.

ע ל י אַ ס — (שמייכלט) אמת... און ווען איר, סאַמועל, וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ קעגנער איך בין געווען וועגן סימעס חתונה, וואָלט איר באַדאַרפט מיך אַננעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אויף יענער זייט פּלויט... (אַלע לאַכן).

ס אַ מ ו ע ל — (קלויבט זיך אוועקגיין) איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך מוז דאָ צופאַרן אויף אַן אָרט. איך האָב געדענקט, איר וועט אַנקו־

מען פריער. עס טוט מיר זייער לייד אייך איבערצולאזן, אבער איך וועל באלד זיין צוריק. איר וועט דא פארברענגען אביסל מיט סאפיען, (נעמט זיין הוט) אסטא־לועגא!

די געסט — אסטא־לועגא! (באגלייטן אים).

גלאסקין — געדענקסט, סימעלע, ביי אונדז אויפן קאמפ, פארנאכט, פלעגט אויך זיין אזוי קיל.

סימע — סי, פאפא. קומט אריין אביסל כ׳וועל דערווייל הייסן גרייטן צום טיש.

הינדע — מיר זענען נאך ניט הונגעריק, טאכטער.

סימע — קומט, וועט איר זען אונדזער גארטן! אזעלכע גרויסע דוראס־נעס!.. (מאכט א פויסט און ווייזט ווי גרויס) קום אויך, עליאס!

עליאס — גייט, איך קום באלד אריין; כ׳וועל נאר אנקוקן אביסל די לאנדשאפט.

(אלע, אויסער עליאסן, גייען אוועק דורך א זייטן־טיר, וואס פירט אין גארטן. מיגעל, קלארע, ראבערטא, קומען פון דרויסן. ראבערטא, א יונ־גער קריסט, געקליידט אין א שיינעם זומער־אנצוג, טראגט א שאכטל מיט א פידל און נאטן. קלארע גייט געארעמט מיט מיגעלן, וועלכער זעט אויס ניט אויסגעשלאפן און אביסל אויסגעטרונקען).

די געסט — בוענאס טארדעס!

עליאס — בוענאס טארדעס! (קוקט אויף זיי מיט פאראכטונג).

מיגעל — אלא, עליאס! ווי גייט עס עפעס? אזוי לאנג...

עליאס — אט, איך בין געקומען אביסל צו סימען.

מיגעל — וואו זענען סאפיע און סאמועל? זענען אוועקגעגאנגען? גע־קומען מיט א „וויזיט״ און זיי זענען ניטא! קע בארבאריעדאד!

עליאס — סאמועל איז דא צוגעפארן אויף אן ארט, און סימע איז אין גארטן מיט די עלטערן. אויב דו דארפסט זי שטארק נויטיק, קען איך זי ארויסשיקן. (קוקט מיט באהאלטענער פאראכטונג אין זייער זייט).

קלארע — סי, פאר פאוואר! אז איר ווילט, שיקט זי ארויס.

מיגעל — זעסטו, עליאס, דאס האסטו מיר צו פארדאנקען... איך האב אביסל צוגעארבעט פאר דיר אין קאמיסאריע, ווען ניט איך, וואל־סטו נאך געוועזן געלעגן דארטן אין קאלאבאס...

עליאס — סי, גראסיאס. פארט גוט, אז מען האט א פריינטל, וואס איז באקאנט אין אלע קאמיסאריעס...

מיגעל — וואס דען? דיך וועט מען קענען? אבער גיי, עליאס, שיק ארויס סאפיען, זאג איר, איך דארף זי נויטיק האבן. סי, זאג איר, אז קלארע איז אויך דא מיט מיר.

עליאס — מאי ביען (אומצופרידן אפ אין שטוב)

קלארע — (שפאצירט אום, באטראכט די וואוינונג) א גאנץ שיינע וואוינונג דא. וואס פארא פלאנטעס!

(ס'קומט ארויס סימע, בלייבט שטיין צעטומלט, באהערשט זיך באלד).

געסט — בוענאס טארדעס!

סימע — בוענאס טארדעס! (גריסט זיך מיט זיי ווי ניט ווילנדיקער).

קלארא — (שפאסיק) אלא, ווי גייט עס, מאדאם?

סימע — ביען, גראסיאס! (קושן זיך, דרייט זיך אוועק נערוועז).

ראבערטא — (גיט סאפיען די האנט, מיט א היימישן טאן) ווי גייט עס עפעס, סאפיע!

סימע — מאי ביען. גראסיאס!

ראבערטא — אנטשולדיקט, סאפיע. איך וואלט געוויס אהער ניט געקומען, נאר מיגעל מיט קלארע זענען צוגעשטאנען צו מיר און מיך געבעטן, איך זאל זיי אקאמפאנירן.

סימע — נא אימפארטא, זיצט! איר זענט געקומען אזוי אומגעריכט... (שטרענגט זיך אן צו באהאלטן איר אויפרעגונג).

קלארע — (דערזעט די רעפרעסקעס) א, דו האסט רעפרעסקא, סאפיע? טאקע גוט, איך וויל אזוי א טרונק! עס איז מיר אזש פארטריקנט דער האלדז.

סימע — סערווירט אייך (צו ראבערטאן) טרינקט, סעניאר!

ראבערטא — א דאנק, סאפיע (טרינקען).

מיגעל — אך, קאראמבא, סאמועל איז נישטא! א שאד, כ'האב אים באדארפט האבן...

סימע — אזוי נויטיק האסטו אים באדארפט?

מיגעל — סי, זער נויטיק... (פארדרייכערט).

ראבערטא — וואס זשע הערט זיך עפעס, סאפיע? פארוואס זעט מען

אייך ניט? איר זייט געוואָרן עפּעס אזוי אפּגעזונדערט, ווי איר וואָלט זיך באַהאַלטן פון מענטשן. גאָר ניט די פריערדיקע סאָפיע...

סימע — איך קום ווייניק אין שטאָט. און אז איך קום אַמאָל, איז גאָר אויף א ווײַלע.

ראַבערטאַ — די באַקאַנטע האָבן שוין געפרעגט וועגן אייך און דער מייסטער פון קאָנסערוואַטאָריע, האָט אייך געשיקט א גרוס...

סימע — גראַסיאַס! איר קענט אים איבערגעבן א גרוס פון מיר.

ראַבערטאַ — מיט גרוים פאַרגעניגן! איר געדענקט, סאָפיע, ווען ער האָט אונדז ביידען עקזאַמענירט? איך האָב געשפּילט א נאָקטיורן, און איר האָט מיר אַקאָמפּאַנירט. מיר זענען דאַמאָלס ווי צונויפגעוואַקסן געוואָרן אין איין מעלאָדיע... (קוקט איר טיף אין די אויגן און שמייכלט).

סימע — כ'האָב שוין באַלד פאַרגעסן (אַפּאַרט ווייזט זי ארויס אַן אומצופרידנקייט).

קלאַרע — (האָט אויסגעלייענט איר גלאָז, הויבט זיך אויף) גראַסיאַס, סאָפיע!

סימע — (גייט צו צו קלאַרען) קלאַרע, ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט רופן אהער ראַבערטאָן?

קלאַרע — נו, וואָס איז אַזוינס? ער איז עפּעס א פרעמדער?.. א גאַנץ יונג, וואָס מען קען אים ניט?.. מעגסט זיך שעמען, סאָפיע! ער האַלט דיך פאַר א פריינט, און דו... נישטאָ וואָס צו ריידן, א פיינער פריינט!

סימע — מען קען זיין א פריינט פון ווייטן... ער האָט ניט באַדאַרפט קומען אהער, ווען מען האָט אים ניט איינגעלאַדן...

קלאַרע — ער איז דאָך ניט געקומען אַליין — ער איז געקומען מיט אונדז. (קרימט נאָך) איינגעלאַדן! ער האַלט דיך פאַר א פריינט און דו, — ווי קיינמאָל גאָרניט...

סימע — (ציטערנדיק) אָבער באַרעכן נאַר! וואָס קענען זאָגן וועגן דעם די עלטערן, ווען זיי וועלן אים דאָ טרעפן? און סאַמועל? (בייסט זיך די ליפּן פון אויפרעגונג).

קלאַרע — א טייערע מעשה! האָסט מורא, ראַבערטאַ וועט זיך פאַרשטעלן פאַר זיי פאַר דיינעם א געליבטן?.. מעגסט זיין זיכער, אז

ער פארמאגט נאך אויף אזוי פיל איינגליבע, און וועט עס ניט טון...

סימע — נאך דאס וואלט געפעלט... אבער צו וואס האסטו אים געבראכט אהער? צו וואס?

קלארע — קוק זי אן, ווי זי ציטערט אזוי!.. מיינסט אין אמתן, אז דו דארפסט פארגעסן אלע פריינט און נאר אין זינען האבן סאמועלן? וואס איז אזוינס!

סימע — ווען דען זאל איך אין זינען האבן, אז ניט אים?

קלארע — גלויב מיר, אז ער גייט נאר ארום פון שטוב, געפינט ער אנדערע צען אנשטאט דיר... איך קען זיי שוין, אט די געצערטלטע!

סימע — וואס איז דאס פאר א רייד?

קלארע — וואס איז? ס׳איז אפשר ליגן? איך האב פיינט צו פאר־לייקענען דעם אמת, מעג עס זיין אן אייגענער מאן.

סימע — אט דעם אמת, קענסטו האלטן פאר זיך...

קלארע — (איראניש) אנטשולדיק, סאפיע, כ׳האב פארגעסן, אז דו ביסט שוין פאר זיך א באלעבאסטע, און איך וועל נאך אין א יאר ארום, קען זיין, האבן א גוטע קליענטן... סי, דו ווייסט, סאפיע, כ׳האב שוין געקריגן מיין דיפלאם אויף אקושערקע, כ׳האב שוין אויפגע־האנגען א שילדל ביי דער טיר.

סימע — איך גראטוליר דיך (אומגעדולדיק אויפגערעגט).

קלארע — גראסיאס! נא, דא האסטו מיין וויזיטקארטל, טאמער וועט זיך אימיצער פון דיינע באקאנטע נויטיקן אין א אקושערקע. (גיט איר וויזיטקארטל.)

מיגעל — (צו סימען) איך האב מיט דיר עפעס צו ריידן, סאפיע. איך בין כמעט צוליב דעם געקומען.

סימע — וועגן וואס איז?

(קלארע און ראבערטא גייען ארויס פון הויף שפאצירן פון יענער זייט).

מיגעל — איך האב דיר געוואלט בעטן א טובה.

סימע — אויב ס׳איז נאר אין מיר געווענדט.

מיגעל — איך וויל, דו זאלסט מיר בארגן א פופציקער. כ׳דארף נויטיק האבן. כ׳וועל שפעטער נעמען ביים פאפא, וועל איך דיר אומ־קערן.

סימע — דער פאפא איז איצט גראדע דא, קענסט זיך מיט אים זען, אויב דו באדארפסט נויטיק.

מיגעל — איך ווייס, אז ער איז דא, — נאר איך וויל מיך מיט אים ניט זען, כ'האב מיך ערשט היינט מיט אים געקריגט...

סימע — דו ווייסט דאך, קיין אייגן געלט האב איך ניט, און נעמען ביי סאמועלן פאר דיר, וויל איך ניט. כ'האב דיר איינמאל געגעבן און מער קען איך ניט.

מיגעל — אבער, אז איך וויל ניט, דו זאלסט מיר שענקען! איך וועל נעמען ביים פאפא און דיר אפגעבן אין א פאר טעג ארום.

סימע — דו האסט שוין גענוג גענומען...

מיגעל — (מיט כעס) וואס גייט עס דיר אן? און אז דו פלעגסט נעמען געלט אויף צו גאסטירן? שוויג בעסער, וועט זיין גלייכער פאר דיר!.. זעסט נאר אויף יענעם די חסרונות, און אויף זיך גארניט.

סימע — אויב נאר אויף צו קריגן זיך, ביסטו געקומען, בין איך דיר מוחל דעם וויזיט...

מיגעל — קענסט ביי מיר פועלן, איך זאל מער ניט קומען. ליי מיר נאר אויס א פופציקער, גיי איך מיר שוין אוועק. (פויזע) שא, ווייסט וואס... (גייט צו נאענט צו איר און נעמט ארויס א רעוואלווער פון דער אונטערשטער קעשענע. היט זיך, מע זאל ניט באמערקן).

סימע — (דערשרעקט זיך, טרעט אפ אויף צוריק, מיט א פארשטיקטן געשריי) אוי! גיי אוועק פון מיר! איך וועל אריינרופן דעם טאטען...

מיגעל — שא! האב קיין מורא ניט, כ'וועל דיך ניט שיסן! נא דיר דעם רעוואלווער און בארג מיר א פופציקער. (וויל אים איר געבן).

סימע — כ'האב דאך דיר געזאגט, אז איך האב ניט. וואס ווילסטו פון מיר?! (דרייט זיך אוים צו אים מיט דער פלייצע).

מיגעל — בוענא, ס'איז גוט צו וויסן, מיר וועלן שוין זען (קלארע און ראבערטא, קומען צוריק אריין, ריידן צווישן זיך).

קלארע — (טייטנדיק אויף מיגעלן) א, ער קריגט זיך שוין ווידער.

ראבערטא — ברודער און שוועסטער, זאלן זיי זיך קריגן, א דאגה דיינע.

קלארע — (צו ראבערטאן) לאמיר גאר אוועקגיין און אים דא איבער־
לאזן. געקומען זיך קריגן!

ראבערטא — קענסט אים פרעגן, אויב ער וויל גיין מיט אונדז.

קלארע — טשע! מיגעל! דו ווילסט גיין מיט אונדז? צי דו וועסט דו
בלייבן?

מיגעל — איר קענט גיין אליין. איך וועל דערנאך קומען.

קלארע — פון מיינעטוועגן — קענסטו גיין צום טייוול! ווער דארף
דיך? ראבערטא קען מיך אויך אקאמפאנירן.

ראבערטא — (צו סימען) אויב איר ווילט, כאפיע, קענען מיר עפעס
איבערשפילן צוזאמען, איידער איך גיי אוועק. איך האב גראדע
מיט זיך די פידל און א פאר נייע פיעסן: פאר פיאנע זענען זיי
זער אויסגעצייכנט...

סימע — ניין, אנטשולדיקט, איך בין איצט פארנומען.

(אניטא לויפט ארוים).

אניטא — אלא, ראבערטא! ווי גייטס? אזוי לאנג ניט געזען זיך!
(גריסן זיך).

קלארע — און מיך זעסטו ניט, אניטא?

אניטא — אנטשולדיקט, קלארע. (קושן זיך) וואס הערט זיך עפעס?

קלארע — גראסיאס! (קלויבט זיך אוועקגיין מיט ראבערטאן).

סימע — (ציט אניטען ביים ארבל) לאז זיי גיין!

ראבערטא — (געזעגנט זיך מיט סימען) אדיאס, סאפיע! (האלט איר
האנט לאנג אין זיינער)

סימע — אדיאס!

(עם קומט אן סאמועל. פון ווייטנס זעט ער, ווי זיי געזעגענען זיך).

ראבערטא — אדיאס, אניטא! (געזעגנט זיך מיט איר, זאגט איר עפעס
שטילערהייט).

אניטא — אדיאס! זאל אייך גוט גיין!

קלארע — אדיאס, סאפיע! אדיאס, אניטע! (אפ מיט ראבערטאן, גריסן
זיך מיט סאמועלן, וועלעבר קומט אריין און גייט צו מיגעלן. אניטא
גייט אריין אין שטוב.)

סאמועל — בוענאס טארדעס, מיגעל!

מיגעל — בוענאס טארדעס, סאמועל! כ'האב גאר ניט באמערקט, ווי דו
ביסט געקומען...

סאמועל — (צו סימען) וואו איז דער פאפא און די מאמא?
סימע — זיי זענען דארט אין גארטן. דא איז אנגעקומען מיגעל מיט זיינע קאמפאניעראס, האב איך זיי געמוזט לאזן אליין.
סאמועל — (צו מיגעלן) ווער איז דער יונגערמאן?
מיגעל — דאס איז מיינער א קאלעגע, א שפילער.
סאמועל — (אין שפאס) אין וואס שפילט ער? אין קארטן? צי אין עפעס אנדערש?
מיגעל — אין קארטן אויך. נאר שפילן שפילט ער פידל.
סאמועל — דעסקולפא, דו האסט געזאגט א שפילער און דיינער א קאלעגע — האב איך געמיינט...
מיגעל — ער איז נים נאר מיינער א קאלעגע, נאר פאפיעס אויך. זיי האבן אינאיינעם אין קאנסערוואטאריום געלערנט. שוין איינמאל א שפילער! א קאנצערטיסט!
סאמועל — (צו סימען) סי? א קאנצערטיסט? איך וואלט אים אויך געוואלט הערן שפילן...
מיגעל — איך קען אים אמאל איינלאדן אהער, אז איר ווילט.
סימע — מע בעט פון דיר קיין טובות... אז מיר וועלן וועלן הערן א קאנצערט, קענען מיר גיין אין א טעאטער און הערן בעסערע פאר אים...
סאמועל — וואס ארט עס דיך? איך קענט זיך דאך מיט אים. (קוקט זי אן מיט חשד).
סימע — סי, אבער איך האלט ווייניק פון זיינע באקאנטע. סאמועל, ד קענסט זיין הונגעריק, זאל איך הייסן גרייטן צום טיש?
סאמועל — סי, קענסט גרייטן צום טיש. איך קום באלד אריין.
סימע — זע, פארדרייד דיך נים. (אפ, ביין אויף מיגעלן).
סאמועל — דו ווייסט, מיגעל? מיר דאכט, איך קען אים, דיין קאמפאניערא...
מיגעל — ווענעו? ראבערטאן? פון וואנען קענסטו אים?
סאמועל — (גלייכגילטיק) ראבערטא הייסט ער? כ'האב גאר נים געוואוסט... מיר האבן זיך מיט אים אמאל דא באגעגנט, האט ער אונדז געגריסט...
מיגעל — סי, זיי וואוינען נים ווייט פון דאנען, זיי האבן דא אן איינגע-

נעם טשאלע. ער איז דא קיינמאל ניט געווען ביי אייך?

סאמועל — ניין, וואס איז דען?

מיגעל — זעט נאר, ער זאל נים ווערן אן אפטער גאסט ביי אייך... ווארום דאס איז, פארשטייסטו מיך, א „גיניא דע ביען", א הול־טיי. איך האב אים ערשט נעכטן געוואלט געבן מיט אט דעם א... (ציט ארויס דעם רעוואלווער און ווייזט סאמועלן).

סאמועל — (ווי איבערראשט) א, א! (מיט געמאכטער גלייכגילטיקייט) פאר וואס איז? אן אינטימען גוטן ברודער!

מיגעל — אזוי, גוטברודערשאפט... ער האט געגעבן פאר מיר א גאראנטיע אויף א פופציקער און איך האב אים איבערגעלאזט מיין זייגער, און איצט וויל ער אים מיר ניט צוריקגעבן, ביז איך וועל אים ניט געבן דעם פופציקער. דאס איז א זייגער פאר אריבער א הונדערטער. הער, סאמועל, ווען דו ווילסט מיר טון א טובה און מיר בארגן א פופציקער! צו וואס דארף דער זייגער זיין ביי יענעם? בעסער וועט ער זיין ביי דיר. אפשר ווילסטו א משכון, נא! (שטופט אים דעם רעוואלווער) ער האט די ווערט מער...

סאמועל — נא, האלט אים ביי זיך... כ'וועל דיר אזוי אויך בארגן א פופציקער אויף אויסצולייזן דעם זייגער. אט האסטו (גיט אים געלט).

מיגעל — מוטשא גראסיאס! איך וועל איב נאך היינט אפנעמען.

סאמועל — אזוי? זייט איר ווייסט אוים מיט אים נאך נאנטע גוטע פריינט, מיטן קאנצערטיסט? שוין לאנג קענט איר אייך?

מיגעל — סי, שוין עטלעכע יאר. ווען סאפיע האט נאך איז קאנסערוואטאריום געלערנט.

סאמועל — ער קומט אפט צו אייך?

מיגעלס — נא, איצט קומט ער ניט אזוי אפט; נאר פריער פלעגט ער ביי אונדז זיין כמעט יעדן אוונט. זעסטו, סאמועל, איך קריג מיך אמאל מיט סאפיען: נאר דאס קען מען ניט לייקענען, — א טאלאנט צום שפילן האט זי און וואלט געקענט זיין א גוטע קאנצערטיסטין.

סאמועל — גאנץ מעגלעך. נאר אויף דיינע מבינות, מיגעל, איז שווער צו שטעלן...

מיגעל — נאָ, דאָס האָט מיר ראָבערטאָ אַליין געזאָגט. מיר זענען אַמאָל געזעסן צוזאַמען, ווען זי האָט געשפּילט, רופט ער זיך אָן: — ווייסט, מיגעל, איך בין פאַרליבט אין דיין שוועסטערס שפּילן! (לאַכט) דער טייוול ווייסט אים, אין וועמען ער איז פאַרליבט געווען... כאַ־כאַ־כאַ, מע דאַרף שוין גיין. ס'ווערט שפּעט. (וויל אַרויסנעמען דעם זייגער) ע, קאַראַמבאַ, איך פאַרגעס אַליץ, אַז איך האָב נישט דעם זייגער... אַדיאָס, סאַמועל! דעסקולפּאַ! כאַ־כאַ־כאַ, אַדיאָס! (אָפּ. סאַמועל שפּאַצירט אויפגערעגט)

(עס קומט אַרויס סימע)

סימע — שוין אַוועקגעגאַנגען מיגעל? קום סאַמועל אַריין אין שטוב.

סאַמועל — וואַרט צו, סאַפּיע, איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידן. זיץ אַ ווײַלע.

סימע — וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?

סאַמועל — הער אויס, סאַפּיע, דו מוזט מיר עפּעס דערקלערן...

סימע — אָבער, איך ווייס דאָך גאָר ניט, וועגן וואָס?

סאַמועל — אויב דאָס זאָל ווייטער אַזוי גיין, וועט עס מיך פון זינען אַראָפּפירן! (צו סימען) הער אויס, סאַפּיע, דו מוזט מיר אַליץ דערקלערן, וואָס דאָ קומט פאָר!

סימע — (אין פאַרצווייפלונג) אָבער איך פאַרשטיי דיך ניט, רייד דייטלעכער!

סאַמועל — סאַפּיע, שוין עטלעכע מאָל האָב איך עס באַמערקט... ווען איך גיי פאַרביי אַט דאָ אויף דער אַנדערער קוואַדרע, זע איך שטיין צוויי שפּאַנישע יונגעלייט און צישקען מיר נאָך, און לאַכן, עפּעס ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון מיר חוזק מאַכן.

סימע — דאָס איז אַ נייעס ביי דיר? וויפיל מאָל צישקעט מען מיר נאָך? ווער מאַכט זיך עס פון דעם?

סאַמועל — אָבער ניין, ניין, ניט דאָס... דו געדענקסט, סאַפּיע? אַט דאָ צוריק מיט אַ פּאָר טעג, ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט אונדז באַגעגנט איינער מיט אַ פידל אין האַנט און האָט אונדז געגריסט. איך האָב דיך געפרעגט וועגן אים, האָסטו געזאָגט, אַז דאָס איז מיגעלס אַ באַקאַנטער.

סימע — סי, איך געדענק.

סאמועל — און דא ערשט ניט לאנג — האב איך זיי ווידער באגעגנט... איך האב מיך אפגעשטעלט און זיך איינגעקוקט אין איינעם פון זיי, און שטעל דיר פאר, אז דאס איז געווען דער זעלבער. וואס איך האב נאר וואס דא געטראפן... (באטראכט זי מיט פארשנדיקע בליקן).

סימע — קען זיין... איך האב דאך דיר געזאגט, אז דאס איז מיגלעך א באקאנטער. ער האט אים מן הסתם באגעגנט און האט אים מיט זיך מיטגערופן. איך האב אים געוויס ניט איינגעלאדן.

סאמועל — סי, דאס ווייס איך, אבער וואס פאר אן אינטערעס קען ער האבן זיך דא ארומצודרייען?

סימע — פון וואנען זאל איך עס וויסן?

סאמועל — הם... עפעס אן אינטערעס האט ער דאך... ווארום איך געדענק גוט, אז דאמאלסט, ווען ער האט דיך געגריסט, האט ער דערביי אזא היימישן ביטרען שמייכל געהאט. ווי דו מיט אים וואלטן זיין נאנטע גוטע פריינט...

סימע — (מיט ווייטיק) וואס מיינסטו מיט דעם?

סאמועל — איך מיין, אזוי ווי איר האט אינאיינעם שטודירט, האט איר אויך אינאיינעם פארבראכט... דאס איז דאך גאנץ נאטירלעך! און ביי אים זענען געוויס געבליבן איינגעקריצט אין זכרון די אלע גליקלעכע מינוטן, וואס איר האט ביידע איבערגעלעבט... און איצט ציט עס אים אהער... ווען ניט, ווי קומט ער אהער, וואלט איך געוואלט וויסן?

סימע — עפעס שטעלסטו מיר היינט אזעלכע מאדנע פראגן? איך זע דו באהאלסט עפעס פון מיר, סאמועל.

סאמועל — איך האב ניט וואס צו באהאלטן, אבער פארוואס, זאג מיר, האסטו ניט געוואלט, מיר זאלן דינגען יענע וואוינונג, וואס מיר האבן אנגעקוקט פריער? זי איז געווען א בעסערע און א ביליקערע, פארוואס איז דיר געפעלן געווארן גראדע דא? סי, פארוואס איז דיר עפעס נאר דא געפעלן?

סימע — דו האסט דאך אליין אויך געוואלט דא, ווייל דאס הויז שטייט אין א בעסערן געגנט ווי יענע און האט פלאנטעס מיט בלומען ארום און ארום.

ס א מ ו ע ל — (פויזע) המ! א, סי! ניט אומזיסט שטייסטו אויף אזוי פרי... און לויפסט ארוים בארוועסערהייט... איך זאל ניט הערן!.. (איראָ־ניש) באגיסן די בלומען! איצט פארשטיי איך... איצט איז מיר שוין אביסל קלאר געווארן.

ס י מ ע — (קוקט אים אן) אבער אום גאטעס ווילן, סאמועל! וואס איז דאס פאר א רייד? זאג, וואס האסטו אויף מיר אזוינס דערזען? (וויינענדיק) זאג! וואס איז דיר קלאר געווארן? וואס ווייסטו פון מיר, רייד!

ס א מ ו ע ל — ס'איז גענוג דאס, וואס איך ווייס... און דערצו אט דאס אינטימע בריוועלע... (נעמט ארוים א פאפיר) אט דאס אלעס קען דאך יעדער באמערקן, אז די ביסט געווען אין גאר נאנטע באציאונ־גען מיט דעם, ווער עס האט עס געשריבן...

ס י מ ע — (דערשטוינט) פון וואנען איז עס? (וויל עס אנקוקן).

ס א מ ו ע ל — ווארט! — אט וואס מען שרייבט דיר: (לייענט) פריינדין סאפיא! אויב דו ווילסט, זיי היינט אוונט אין קאנסערוואטאריום, ס'ווערט געגעבן א זעלטן רייכער קאנצערט: איך דערווארטע דיך...

ס א פ י ע — ווען האסטו דאס געקריגן? (קוקט אין פאפיר און ציטערט).

ס א מ ו ע ל — וואס איז דיר די נפקא מינה? אבי עס איז דא! שטעל דיר פאר, אז דאס ליגט שוין ביי מיר אריבער צוויי וואכן... איך האב אלץ געצווייפלט... אבער דער היינטיקער וויזיט, האט דאך אלץ באשטעטיקט... דאס איז געשריבן אויף דיין אדרעס... (לייגט דאס פאפיר אויפן טישל).

ס א פ י ע — (נעמט דאס פאפיר, ציטערנדיק, דורך טרערן) אבער אום גאטעס ווילן! וואס זעסטו אין דעם? אויב מען זאל וועלן גלויבן אזעלכע בריוועלעך. נא, איך וויל מיך גאר ניט פארענטפערן, ווייל איך פיל מיך אין גארניט שולדיק.

ס א מ ו ע ל — (זעצט זיך) ווען דאס זאל טאקע אזוי זיין... זעסטו, איך בין ניט געקומען צו דיר פאדערן איבערגעוואלט, דו זאלסט מיר דערציילן דיין פארגאנגנהייט; נאר דאס אלץ איז עפעס אזוי צור־פעליק, ווי פון זיך אליין, ארויסגעשוואומען...

ס י מ ע — (נערוועז) זאג, וואס ווילסטו פון מיר? איך זאל דיר דער־ווייזן אז דאס אלץ איז פאלש? איך וועל מיך אויף אזוי פיל ניט דערנידעריקן!..

סאמועל — (מיט כעס) אבער אז איך זאל דערנידעריקט ווערן — דאר ארט דיך ניט?.. (שפאצירט אום אויפגערעגט).

סימע — מיין גאט! פארוואס קומט מיר אזוי זיך צו פייניקן? פאר־וואס?! (וויינט שטיל. עליאס קומט ארויס פון שטוב).

עליאס — מיינע הערן און דאמען! איך האב די ערע אייך צו מעלדן, אז דער טיש איז געגרייט, און איר קענט גיין עסן! (באמערקט ווי סימע וויינט) וואס איז דאס עפעס? וויינסט גאר? וואס איז פלוצים — וויינען? סאמועל, וואס איז דא געשען צווישן אייך? אנטשול־דיקט! אפשר טאר איך ניט וויסן?.. קען איך מיר באגיין אזוי אויך... אבער זען סימען פלוצים וויינען, איז א רעטעניש!

סאמועל — איר ווילט וויסן דאס רעטעניש? נאט, לייענט, וועט איר פארשפארן צו פרעגן... (גיט אים דעם בריון).

עליאס — (נעמט דאס פאפיר, קוקט א ווײַלע, לאכט). כא־כא־כא, אך, ווי נאיוו איר זענט נאך, סאמועל! אנטשולדיקט, וואס איך דריק מיך אזוי אויס. אבער איך האב אייך געהאלטן פאר פיל ערנס־טער... באטראכט נאך, פון וואס איר מאכט דא א גאנצן וועזן, און איבער וואס איר געפינט זיך צו קריגן!

סאמועל — וואס זשע, עס איז נאך ווייניק, הייסט עס? פארוואס האט זי מיר ניט געזאגט באלד, ווען איך האב געפרעגט וועגן מוזיקאנט, אז דאס איז ניט נאר מיגעלס א באקאנטער, נאר אויך אירער א באקאנטער? פארוואס האט זי פארלייקנט?

סימע — און אז יא, איז וואס? — דעסקולפע! כ'האב ניט געוואוסט, אז ס'איז א פארברעכן צו האבן באקאנטע... (קוקט אויף אים מיט צארנדיקע בליקן).

סאמועל — (ברויזט אויף) אט איז עס! הייסט עס, דו האסט מיך גענארט! דו האסט די גאנצע צייט מיך געשמייכלט און גענארט! פאר מיר האסטו בלומען צוגעגרייט און אנדערע האסטו דיין הארץ אוועקגעגעבן... אט דא האסטו דיינע בלומען! איך דארף זיי ניט מער! (ווארפט אראפ די בלומען פון טישל צו איר זייט).

סימע — (דערשרעקט זיך, מיט א היסטערישן קוויטש) אוי! (כאפט זיך פארן הארץ).

(עס לויפן אריין: גלאסקין, הינדע, אניטא)

גלאסקין — וואס איז דא געשען?
סאמועל — פרעגט ביי אייער טאכטער, זי וועט אייך זאגן!.. (פראלט אויף מיט כעס דאס טירל און גייט אוועק.)
סימע — (פאלט אויף א שטול לעבן טישל און ברעכט אויס אין א געוויין).
גלאסקין — (גייט געשווינד צו צו איר, לייגט זיינע הענט אויף אירע אקסלען, רעדט מיט ווייטיק) וואס איז געשען? זאג, וואס איז געשען צווישן אייך? (טרייסלט זי) נו, רייד! (בלייבט פלוצלינג שטיין, ווי איבּ וואלט עפּעס קלאר געווארן, רעדט פארצווייפלט ארויס). אוי, איך האב געוואוסט! איך האב פריער געוואוסט! איך האב פריער געוואוסט, אז סוף כל סוף... (קען ניט דעררעדן, שווערט און שטאמלט) אוי, טאכטער מיינע! טאכטער מיינע!..

3-טער אקט

א גרויס צימער ביי גלאסקינען, שיין געמעבּלירט, אינמיטן א גרויסער עסטיש. ארויף צו אין א זייט — א שרייבטיש, וועלכער הארמאנירט ניט מיט דעם איבעריקן מעבּל. א שאפקעלע מיט געשעפטס־ביכער, א בריוונהאלטער. אוונט.

פון דרויסן הערט מען, פון צייט צו צייט, אויסגעשרייען: „אולטימא הארא"! „לא ראסאן־קינטא"! ביים טישל שטייט הינדע, אביסל דערשלאגן, מיט א שערל. זי שניידט עפּעס צו. אויפן טיש ליגן איינציקע שטיקלעך שטאף און א פּאר אויסשניטן, וועלכע זי לייגט אויפן שטאף און דרייט זיי אויף אלע זייטן. ביי א זייט ליגט א מאס און א קרייטל צום צייכענען.

הינדע — אניטא! קום נאר אהער אויף א מינוט! (אניטא קומט אריין).
אניטא — וואס איז, מאמא?
הינדע — זע נאר, אניטא, אפשר וועסטו בעסער קענען, — איך מוטשע מיך שוין פון א האלבע שעה מיטן קאפטל צושניידן. דער סטאניק איז ארויס גוט, נאר אויף קיין ארבל סטייעט מיר ניט. איך האב שוין געפּרואווט אויף אלע זייטן — און ס'גייט ניט ארויס.
אניטא — אנו, גיב נאר אהער דעם מאדעל, מאמא. (מעסט איינציקע

מאל) מאמא, אט פון דאנען, דאכט זיך, קענען ארויס בײדע ארבל.

ה י נ ד ע — (שמייכלט) גיי שוין, דו נאר איינער! אזעלכע קורצע ארבל װעל איך מאכן צו מײן קאפטל? דו מײנסט, איך בין דו, איך זאל אנטון אזוינע קורצע ארבעלעך? (װײזט מיט דער האנט העכער דעם עלנבויגן).

א נ י ט א — מע װעט מוזן דערקויפן נאך א האלבן מעטער באמבאזי.

ה י נ ד ע — א ברירה װעט מען האבן? אין דרויסן װערט שוין קילער, און דאס קאפטל װעל איך באלד דארפן האבן. פארװאס האסטו ניט אויסגערעכנט, װען דו ביסט געגאנגען קויפן?

א נ י ט א — כ'האב פארגעסן, אז דו טראגסט לאנגע ארבל. שא, װײסטו װאס, מאמא? איך קען צוגיין, דיר נעמען א האלבן מעטער באמבאזי, ס'איז ניט װייט פון דאנען.

ה י נ ד ע — מע דארף ניט. דו װייסט דאך, אז דער פאפא װיל ניט לײדן, זאלסט ארומגיין בײנאכט. װעסט שוין גיין מארגן. איך װיל ניט האבן צו טון מיט אים.

א נ י ט א — דער פאפא איז געװאוינט, אלצדינג אנצונעמען פאר שלעכט (פויזע) װייסט װאס, מאמא? איך דארף סיי־װי צוגיין צו קלארען — װעל איך שוין ברענגען אין אײנװעגס.

ה י נ ד ע — (בייז) נא, איך װיל ניט, זאלסט גיין צו קלארען, נאך בײנאכט... גרויסע צרות האב איך פון אייער גיין... (ארבעט).

א נ י ט א — איך גיי ניט צוליב מיר! סאפיע האט מיך געבעטן, כ'זאל זי צורופן. זי דארף זי האבן. זי פילט זיך עפעס ניט מיט אלעמען.

ה י נ ד ע — איך װײס שוין, אז דו גייסט אװעק, פארגעסטו צו קומען...

א נ י ט א — נא, מאמא, איך װעל באלד זײן צוריק.

ה י נ ד ע — גיי, אבער זע, אז דער פאפא זאל זיך ניט דערװיסן... נאר זוים דיך ניט, קום באלד צוריק. הערסטו?

א נ י ט א — סי, װעסט זאגן דעם פאפא, אז איך בין צוגעגאנגען קויפן א האלבן מעטער באמבאזי. (גייט אװעק. עס קומט אריין גלאסקין. פארעלטערט, שפאצירט ארום, זיפצט.)

ג ל א ס ק י ן — ניט געװען נאך דער קארטערא?

ה י נ ד ע — נײן, ס'קען זײן, ס'זאל מאכן זיין א בריװ. האסט באפוילן

צו אים?

גלאסקין — כ'האב באפוילן, נאר איך ווייס ניט, צי ער וועט ענט־ פערן... ווארום נאך אלעמען איז ער דאך גערעכט... ווער וואלט עס בעסער געוועזן?

הינדע — דו גיסט אים נאך גערעכט?.. נעמט און מאכט אומגליקלעך א קינד... וואס איז? אימיצער האט אים אנדערציילט עפעס א מעשה!.. מען זאל זיך וועלן צוהערן צו אזוינע זאכן...

גלאסקין — און דו מיינסט, אז איב איז גוט (זיפצט) איי, איי, איי!..

הינדע — ס'איז אים נאך בעסער ווי אונדזער סימעלען. ער איז א פרייער פויגל! האסט מורא, ער וועט ניט געפינען אן אנדערע? אויב ער האט שוין ניט געפונען. ס'זענען דא גענוג כלות אין בוענאס איירעס!

גלאסקין — רייד נישט קיין נארישקייטן! דו מיינסט אודאי, אז ער האט אונדזער סימען פיינט נעהאט?

הינדע — ווען ער זאל זי ליב האבן, וואלט ער עס ניט געוועזן געטון...

גלאסקין — אט, טאקע — ווייל אזוי... דאס איז דאך דער בעסטער באווייז, אז ער האט זי ליב! הם... ווען איר וואלט פארשטיין!

הינדע — ווייסטו וואס, אברהם? אפשר וואלסטו זי געבעטן, זי זאל אים אליין שרייבן?

גלאסקין — כ'האב איר שוין געזאגט וועגן דעם. (שפאצירט אום)

הינדע — נו, וואס האט זי דיר געענטפערט?

גלאסקין — זי האט מיר געענטפערט, אז ער וועט וועלן קומען, זאל ער קומען, נאר בעטן אים וויל זי פאר קיין פאל ניט... (פאר זיך) זי וויל נים! און צו ווען גיים עם אוים?..

הינדע — זי איז, נעבעך, גערעכט, סימעלע? א קליינעם בזיון האט ער אונדז אנגעטון?!

גלאסקין — דו ווייסט ניט, וואס דו רעדסט. — ער האט אונדז אנגעטון? צי זי האט אים דעם בזיון אנגעטון? וויפיל איך האב מיך געבעטן מיט גוטן און מיט שלעכטן, זי זאל זיך ניט ארומ־ שלעפן מיט אט די קאמפאניערן אירע! דאס האט זי זיי צו פארדאנקען... דאס האבן זיי איר א טובה געטון. פריער האט מען זיך געחברט מיט איר, געוועזן קוצעניר־מוצעניו. און דערנאך האבן

זיי אנגעערדט כל־ערליי צרות... איך האב פריער געוואוסט, אז דאס וועט אזוי זיין, ס׳וועט אויסגיין צו אונדזער קאפ. א קליי־ניקייט! באלד נאך דער חתונה אזא חרפה, אזא שאנדע! ווי קען מען דאס אזוי אריבערטראגן?

הינדע — דו דארפסט זיך נאר אזוי צום הארצן ניט נעמען. אויב סאמועל האט זי אין אמתן ליב, וועט ער זיך באדענקען און זיך ווידער צונויפגיין מיט איר.

גלאסקין — (פאר זיך) צונויפגיין? אזוי מיינסטו! (זיפצט) אך, ס׳איז נאר שווער דער ערשטער רוגז. און וויפיל איך האב דיר געזאגט: היט אפ די קינדער, היט אפ! (אפ).

(עס קומט אריין סימע, זי זעט אויס בלאס און אביסל אפגעצערט)

סימע — האסט דו עפעס גערעדט מיטן פאפא? וואס האט ער דיר געזאגט? (קוקט אויף איר מיט פרעגנדיקע בליקן)

הינדע — כ׳האב נאך ניט גערעדט. לאז מיך צורו. קיין טאג און קיין נאכט האט מען ניט דורך אייך... (נעמט צוזאמען די שטיקלעך שטאף. סימע בלייבט שטיין פארטראכט).

(עס קומט אריין עליאס, אין א נייעם אנצוג און אין א נייעם הוט)

עליאס — בוענא נאטשע!

הינדע — א עליאס, בוענא נאטשע! (שטיל צו אים) נו, וואס הערט זיך, עליאס? ביסט געווען?

עליאס — ניין. (קוקט אויף איר פון זייט, מיט פאראכטונג).

הינדע — (מיט פארוואונדערונג) פארוואס?

עליאס — ווייל כ׳האב פארשטאנען, ס׳איז גלייכער ניט צו גיין. (ענדערט דעם טאן) מומע, מיר דאכט, אז דער שרייבטיש איז דא פריער ניט געווען?

הינדע — אודאי ניט. דאס האבן מיר אים אריינגעשטעלט אהער, ווייל מיר האבן פארדונגען א צימער. מען האט אונדז געהעכערט דירה־געלט, און די געשעפטן גייען אויך ניט אזוי גוט, האבן מיר אפ־געלאזט איין צימער. און פון דער קאנטאר האבן מיר געמאכט א שלאפצימער. א ברירה האט מען? (צו דער טאכטער) סימעלע, אפשר וואלסטו אריינגעגאנגען זיך צולייגן אביסל?

סימע — נא, מאמא. כ׳בין שוין היינט גענוג געלעגן...

הינדע — נו זיץ דא, אויב דו פילסט, אז אזוי איז דיר בעסער. (לאזט זיך אוועקגיין, אומקוקנדיק זיך צו סימען מיט טרויעריקע בליקן).

עליאס — עס דארף דיך ניט פארדריסן, סימע, פארוואס איך האב אזוי געטון... דו באגרייפ נאר, וואס דאס הייסט! גיין צו סאמועלן דיך פארענטפערן... דאס הייסט איינפאך, דיך דערנידעריקן און נאך פארגרעסערן דעם חשד. צו־וואס זאל איך יענעם געבן א מאטיוו צו דעם?..

סימע — איך בין אליין אויך געווען מיט דער מיינונג... אבער כ׳האב ניט געוואלט גיין קעגן די עלטערן... זיי האבן גערעכנט, אפשר וועט ער זיך באדענקען. (שפארט אן דעם קאפ אויף די הענט און זיפצט פארצווייפלט).

עליאס — (שפאצירט ארום, ווי ער וואלט עפעס באשלאסן) הער אוים, סימע! עס טוט מיר לייד, אבער איך מוז דיר עס זאגן. ווען אפילו דאס וואלט געשען, דו זאלסט זיך פארייניקן ווידער מיט סאמועלן, גלויב איך ניט, צי אייער צוזאמענלעבן וואלט געקענט ווען עס איז גליק ברענגען פאר אייך ביידע... ווארום אויב ס׳איז שוין איינמאל געקומען צו קריג, וועט זיך שוין דערנאך זיכער געפינען עפעס א סיבה, וואס וועט אייער צוזאמענזיין אונטערגראבן און אייער גליק צעשטערן.

סימע — און אזוי איז דען בעסער?..

עליאס — אמת... גוט איז עס ניט, אבער ס׳איז פאראן א מיטל, נאר דאס ווענדט זיך אין דיר...

סימע — אין מיר? וואס פאר א מיטל? (קוקט אים אין די אויגן).

עליאס — ס׳איז דאס איינציקע מיטל, וואס וואלט געקענט ראטעווען דיך און אויך די עלטערן... ווען דו זאלסט נאר וועלן.

סימע — אויב ס׳איז נאר מעגלעך? — נו, זאג, עליאס, וואס פאר א מיטל?

עליאס — געוויס איז עס מעגלעך. הער אוים, סימע. דא צוריק מיט אייניקע טעג בין איך געווען ביי דיין פראפעסאר, וואס דו האסט מיך אמאל באקענט מיט אים אויף א קאנצערט.

סימע — ביי מיין מאעסטרא פון קאנסערוואטאריום? ווי קומסטו פלוצלינג צו אים?

עליאס — שטעל דיר פאר, סימע, איך בין עקסטרע צו אים געגאנגען. איך האב מיט אים גערעדט א שעה צייט וועגן דיר. איך האב געוואלט וויסן זיין ערנסטע מיינונג וועגן דיינע פעיקייטן. אמת, מיר געפעלט זייער דיין שפילן, אבער קיין מוזיקער בין איך ניט, און שטעלן אויף מיין מבינות וואלט איך דיך קיינמאל ניט גע־ראטן. נאר איצט בין איך איבערצייגט אין דיין טאלאנט. שטעל דיר פאר, סימע, דיין לערער איז אנטציקט פון דיינע פעיקייטן, ער זאגט מיר, אז דו וואלסט געקענט זיין א זעלטענע קאנצערטיסטין, ווען דו זאלסט וועלן פארזעצן דיין שטודיום, און ער איז גרייט דיר מיטצוהעלפן מיט אלע מעגלעכקייטן, אפילו ווען דיר וועט אויס־קומען אוועקצופארן פון דאנען, וויל ער דיר געבן א רעקאמענ־דאציע.

סימע — איך דאנק דיר, עליאס, פאר דעם וואס דו אינטערעסירסט זיך אזוי וועגן מיר. אבער איך וועל דיר זאגן דעם אמת: אז ווען איך וואלט מיך שוין אויף דעם באשלאסן, איז נאך א פראגע, צי דער פאפא וועט עס מיר דערלויבן.

עליאס — אויב דו וועסט קענען אויספירן, מעגסטו ריידן מיטן פאפא אפילו היינט נאך. אלענפאלס קען איך אויך פרואוון מיט אים ריידן וועגן דיר. נאר דאס, סימע, מוזטו געדענקען: דו מוזט זיין אנטשלאסן! די איינציקע האפנונג וועגן דיין צוקונפט... דאס איז פאר דיר א נויטווענדיקייט (קוקט אויפן זייגער) א, איך דארף נאך היינט צוגיין ערגעץ! קען זיין איך זאל שפעטער צוקומען, אסטאלוועגא! (נעמט זיין הוט).

סימע — אסטאלועגא. (עליאס אפ).

(עס קומט אריין גלאסקין)

גלאסקין — ס'איז דא אימיצער געוועזן?

סימע — סי, עליאס איז דא געוועזן. ער איז נאר וואס אוועקגעגאנגען.

גלאסקין — עליאס? כ'האב איסבאדארפט עפעס פרעגן.

סימע — ער האט נויטיק באדארפט אוועקגיין. ס'קען זיין, ער זאל נאך דא זיין היינט. (פויזע) פאפא, אויב דו האסט צייט אויף א פאר מינוט, כ'האב געוואלט מיט דיר עפעס ריידן.

גלאסקין — (מיט באהאלטענעם כעס) דו האסט מיט מיר איצטער

ניט וואס צו ריידן... האסט געזאלט זיך פריער באדענקען און זיך בעסער אויספירן, וואלסטו צו דעם ניט געקומען...

ס י מ ע — (ווי בעטנדיק) פאפא, דאס וואס איך וויל מיט דיר ריידן, איז ניט נאר וועגן מיר, נאר וועגן אונדז אלע...

נ ל א ס ק י ן — (פארוואונדערט) וועגן אונדז אלע? נו, רייד! לאמיך הערן.

ס י מ ע — איך פיל, אז אויב איך וועל נאך ארומגיין אזוי א שטיקל צייט און טראכטן, וועל איך קראנק ווערן פון ערגערניש.

נ ל א ס ק י ן — וואס־זשע רעכנסטו צו טון?

ס י מ ע — איך וועל אנפאנגען ווידער שטודירן פיאנע.

נ ל א ס ק י ן — וואס־זשע, דו ווילסט ווערן א פיאנע־לערערין? ס'פעלן, ווייזט אויס, פיאנע־לערערינס אין ב. איירעס?

ס י מ ע — נא, פאפא, איך וויל שטודירן אויף קאנצערטיסטין.

נ ל א ס ק י ן — הם... קאנצערטיסטין... וואס־זשע וועסטו האבן דערפון? וועסט נאך מער באליידיקט ווערן! אט דאס וועט זיין, נאך האבן נייע בזיונות. נאך דאס פעלט מיר.

ס י מ ע — איך קען אויספירן צו שטודירן ערגעץ אנדערש, ניט אין בוענאס איירעס.

נ ל א ס ק י ן — (דערשטוינט) ווילסט, הייסט עס, אוועקפארן?

ס י מ ע — סי, פאפא. מע גיט מיר א גוטע רעקאמענדאציע, וואו איך וועל קענען שטודירן אומזיסט.

נ ל א ס ק י ן — ווער איז? (באטראכט זי מיט פרעגנדיקע בליקן).

ס י מ ע — מיין מאעסטרא. עליאם האט מיט אים גערעדט וועגן מיר. אויב דו ווילסט, קען איך אים בעטן צו־קומען אהער, וועסטו אליין מיט אים ריידן.

נ ל א ס ק י ן — מוחל, מוחל, מען קען איך דא אין דער היים ניט איינהיטן, נאך אוועקפארן אין דער פרעמד...

ס י מ ע — פאפא, איך זאג דיר גאנץ ערנסט! — איך קען דא ביי דיר אזוי ניט בלייבן זיצן אויף יארן. גיב מיר נאר אויף הוצאות, מער בעט איך ביי דיר ניט. און איך וויל ניט, אז דו זאלסט מיר שענקען. איך קען דיר דאס געלט שפעטער אומקערן.

נ ל א ס ק י ן — (ווייכער) דו רעדסט ווי א קינד! מיינסט אין אמתן, אז

דער גאנצער אפהאלט איז אין די רייזע־מאסטן? איך טראכט, צי איז גאר איינגאנצן כדאי דאס לערנען? ווער שמועסט נאך דארט אין דער פרעמד... ווער ווייסט, מיט וועמען דיר וועט אויסקומען זיך צונויפצוגייין...

ס י מ ע — גלויב מיר, פאפא, אז ס׳לערנען אין קאנסערוואטאריום אזעלכע ליטישע קינדער ווי דיינע, און נאך פיינערע.

ג ל א ס ק י ן — וואס־זשע מיינסטו? ווערן זיי טאקע פארדארבן!

ס י מ ע — וואס קען זיין דער צוועק פון מיין זיצן דא? איך קען דא אזוי ניט פארבלייבן!

ג ל א ס ק י ן — איך האב געטון פאר דיר אלץ, וואס איך האב נאר געקענט. האסט זיך געוואלט בעסער אויספירן, וואלסטו ניט געליטן. איצט טו ווי דו פארשטייסט. ווילסטו בלייבן, בלייב! ווילסטו פארן, פאר! — נאר אויף רייזע־הוצאות וועל איך דיר קיין געלט ניט געבן. פשוט, ווייל איך האב ניט איצט, און אפילו, איך זאל האבן, וועל איך עס אויך ניט טון... ס׳איז אומזיסט דיין בעטן.

ס י מ ע — (פארצווייפלט) וואס־זשע זאל איך טון?!.. וואס זאל איך טון? (וויינענדיק).

(עס קומט אריין מיגעל אין א טונקעלן אנצוג מיט געלע שיך).

מ י ג ע ל — בוענא נאטשע!

ג ל א ס ק י ן — בוענא נאטשע! וואו גייסטו עס ארום דורך די טעג?

מ י ג ע ל — כ׳האב געדארפט צוגיין אויף א פלאץ וועגן ארבעט (גייט אום, ווי וועלנדיק אויסמיידן דעם פאטערס בליקן).

ג ל א ס ק י ן — הם... וועגן ארבעט... נו, וואס האט מען דיר געענטפערט? (באטראכט אים מיט פארדאכט).

מ י ג ע ל — מען וועט מיר געבן מארגן אן ענטפער. (פויזע) פאפא, כ׳האב געוואלט דיר זאגן נאך היינט אינדערפרי: אן עבירה די געלע שיך אויפן רעגן. איך דארף סיי־ווי האבן א פאר אנדערע...

ג ל א ס ק י ן — אזוי! דו דארפסט? — דו ווילסט גאר ניט וויסן, צי האב איך יא, צי האב איך ניט. — אבי דו דארפסט! הלמאי דארף איך אויך האבן אויף וויכטיקערע זאכן און האב ניט. דו ווילסט גאר ניט וויסן?

מ י ג ע ל — אבער מיט די געלע זומערדיקע שיך, קען מען ווינטער ניט

גיין, זיי זענען שוין אפגעטראגן.

גלאסקין — פארוואס קען מען ניט? דו ווייסט ניט, וואס מען טוט? — גאנץ זענען זיי. טראגט זיי אריין צום שוסטער, וועט דיך קאס־טן א פעזא, וועט מען זיי דיר אפשווארצן. נישקשה, ס'מעג דיר אנשטיין...

מיגעל — גראסיאס פאר דער עצה! קענסט דיר אפשווארצן דיינע. איך קען באשטיין מיר צו קויפן נייע.

גלאסקין — מהיכא תיתי. קויף דיר, ווער לאזט דיך ניט? דו מיינסט, ס'איז דיר אמאליקע יארן, וואס דו פלעגסט פארשאלאטאנעווען גאנצע הונדערטער. ס'האבן זיך געענדיקט יענע צייטן... ביסט ניט קליין צו הארעווען און אויסגעריסן ווערן, ווי איך אין דיינע יארן.

מיגעל — נו, געפין מיר ארבעט, וועל איך פארשפארן קומען צו דיר.

גלאסקין — איך זאל דיר געפינען? ביסט ניט קראנק אליין צו זוכן. דו ווייסט בעסער פון מיר אלע גאסן פון בוענאס איירעס. אז מען זוכט — געפינט מען. (פאר זיך) גיב זיי אלצדינג גרייט! מע וויל פון גארניט וויסן... ריים פון זיך די הויט אראפ און גיב זיי אוועק... דערנאך קומען זיי נאך מיט פרעטענזיעס. א, גענוג, גענוג! (גייט געשווינד אוועק).

(ס'קומט אריין נחמן מיט א פאר פעקלעך)

נחמן — גוטן אוונט! (לייגט אוועק די פעקלעך).

מיגעל — בוענא נאטשע, זיידע!

נחמן — וואו איז דער טאטע און די מאמע? זיי זענען נישטא אין דער היים? (קוקט זיך ארום).

מיגעל — זיי זענען דארטן מיט די קינדער אין יענעם צימער. (דערזעט די פעקלעך) זיידע, איר האט אפשר דא אין די פעקלעך סיגארי־זשעס „קוארענטא־אי טרעס"? גיט מיר א פעקל סיגאריזשעס!

נחמן — איך קען דיר געבן אפילו צוויי, אבי דו זאלסט מיר נאר באַ־צאלן פאר זיי...

מיגעל — וואס־זשע? איר האלט מיך ניט פאר קיין בטוח, זיידע? איר האט מיר מורא צו בארגן?

נחמן — דו האסט דאך מיר נאך פאר יענע סיגארן ניט באצאלט... מילא, דעם אלטן חוב שענק איך דיר, אבער פאר די מעגסטו מיר דאך באצאלן!

מ י ג ע ל — איך וועל איך שוין באצאלן אינאיינעם, זיידע. מארגן נעם איך געלט ביים פאפא.

נ ח מ ן — ס'וואלט שוין צייט געווען, זאלסט אליין פארדינען, ניט נעמען ביים פאפא. (גיט אים א פעקל סיגאריזשעס). נאר אזא גביר ווי דו, וואלט דיר געמעגט אנשטיין, צו רויכערן אביסל ביליקערע פא־פּיראסן, ניט „קוארענטא־אי־טרעס".

מ י ג ע ל — (נעמט א סיגארעט, זוכט אין די קעשענעס) גיט מיר שוין אויך א פעקל שוועבעלעך, זיידע. כ'האב מיינע ערגעץ איבערגע־לאזט... און כ'קען ניט געדענקען וואו. מארקע „וויקטאריא", גיט מיר.

נ ח מ ן — לאז מיך שוין צו־רו מיט דיינע מארקעס, נא! (גיט אים).

מ י ג ע ל — (פאררויכערט) גראסיאס, זיידע!

נ ח מ ן — איך דארף ניט דיין גראסיע, דו זע בעסער, זאלסט מיר באצאלן מארגן: ווען ניט וועל איך דיר מער ניט בארגן. (אפ מיט די פעקלעך.

מ י ג ע ל — רעכט, אז ניט מארגן, וועט זיין איבערמארגן.

(עס קומען אריין קלארע און אניטא. אניטא גייט אפ אין צימער)

ק ל א ר ע — בוענא נאטשע, מיגעל! וואס הערט זיך?

מ י ג ע ל — ביען, גראסיאס, און דו? ווי גייט עס דיר אין דיין קליענטעלע, קלארע?

ק ל א ר ע — מאי־ביען! מיינע קליענטקעס מערן זיך... אבער דו? פארוואס קומסטו ניט צו א מאל? האסט גאר מורא צו קומען?

מ י ג ע ל — איך בין געווען א פאר־מאל, האב איך דיך ניט געטראפן אין דער היים, — וואס איז, איך פעל דיר אזוי שטארק?..

ק ל א ר ע — הם... דו האסט געווים מורא, איך זאל ניט בעטן ביי דיר עטלעכע פעזעס... איך פארדין איצט אליין און האב גענוג אויף אלץ, וואס איך דארף.

מ י ג ע ל — א, סי!? אפשר וואלסטו מיר אויסגעבארגט א פאר הונדער־טער? קוקט צו איר און שמייכלט שעלמיש).

ק ל א ר ע — אויף צו בארגן, האב איך ניט דערוויל, אבער פאר מיר אליין האב איך גענוג.

(עס קומט אריין סימע פון צווייטן צימער)

ק ל א ר ע — בוענאָ נאָטשע, סאָפּיע! נו, ווי גייט'ס?

ס י מ ע — ביען, גראַסיאַס! גוט. וואָס דו ביסט געקומען, קלאַרע, כ'האָב דיך עפּעס צו פרעגן. (ווינקט צו איר, טייטנדיק אויף מיגעלן, ווי ער וואָלט געשטערט).

ק ל א ר ע — מיגעל, איך וויל דיר עפּעס בעטן, אפשר וואָלסטו מיר טון אַ געפעליקייט און אונדז לאָזן אויף אַ מאָמענט אַליין. מיר דאַרפן עפּעס ריידן, וואָס דו טאָרסט ניט הערן... זיי אַ קאַוואַזשעראָ, מיגעל און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען...

מ י ג ע ל — וואָס איז? ס'איז אַ סעקרעט פאַר מיר? פאַר אַזאַ קינד ווי איר איז שוין קיין סעקרעט ניט...

ק ל א ר ע — (שטויסט אים) נו, רייד ווייניקער, טראָג זיך אָפּ, גיכער!

מ י ג ע ל — בוענאָ, אַז איר באַהאַלט אײַך אַזוי מיט אײַערע סעקרעטן... אַדיאָס! אַסטאַ־לאַ־וויסטאַ, קלאַריטאַ! (גייט אָפּ).

ק ל א ר ע — אַדיאָס! מיגעל, שטעל דיך ניט דאָרט אונטער דער טיר: מען קען דיך נאָך דעם אויער אָפּקלעמען. (מיגעל אָפּ).

ס י מ ע — (זעצט זיך מיט קלאַרען) דו ווייסט, קלאַרע, איך דענק אָפּצופאָרן פון דאַנען.

ס י מ ע — איך וועל פאָרן קיין איראָפּע שטודירן ווייטער אויף קאָנצערטיסטין.

ק ל ר ע — סי? אָבער ווי קענסטו פאָרן, סאָפּיע? אין אַזאַ צושטאַנד? (זאָגט איר עפּעס אויפן אויער).

ס י מ ע — וועגן דעם טאָקע האָב איך געוואָלט ריידן מיט דיר. איך דענק אָפּצופאָרן, אַזוי גיך ווי איך וועל מיך נאָר באַפרייען... אָבער איך טראַכט איבער, טאָמער...

ק ל א ר ע — איך זאָג דיר, אַ גרויסע זאַך! ס'איז היינט אין דער מאָדע... וואָס זאָגט דער פּאַפּאַ? ער דערלויבט דיר צו פאָרן?

ס י מ ע — דערווייל דערלויבט ער נאָך ניט, נאָר איך וועל אויף דעם ניט קוקן, אַז איך וועל נאָר האָבן די מעגלעכקייט, וועל איך סיי ווי פאָרן, — סי, וואָס האָב איך דיר געוואָלט פרעגן, קלאַרע? דער סטודענט, וואָס כ'האָב דאָמאָלסט געטראָפן, ווען כ'בין ביי דיר געווען, ער קומט נאָך אַלץ צו דיר?

ק ל א ר ע — וואָס פאַר אַ סטודענט? ראַדריגעז, מיינסטו? סי. וועגן וואָס פרעגסטו?

ס י מ ע — איך האָב אַ אינטערעס צו וויסן...

ק ל אַ ר ע — וואָס פאַר אַ אינטערעס?

ס י מ ע — איך טראַכט איבער. אַניטאַ גייט אַזוי אָפּט צו דיר... איך האָב מורא, אויב ער קומט ניט צוליב איר... זאָג מיר דעם אמת, קלאַרע.

ק ל אַ ר ע — דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן, סאַפּיע. ערשטנס, איז ער נישט שטענדיק דאָ. ווען זי קומט, און אפילו ווען יאָ, איז פאַר מיר אין די אויגן וועט זיך קיינער ניט דערלויבן צו באַליידיקן אַ סעניאָריטאַ און נאָך מיינע אַ קאַמפּאַניעראַ.

ס י מ ע — געוויס, פאַר דיר אין די אויגן וועט ער ניט וואַגן, אָבער אונטער דיינע אויגן... איך וויל דיך בעטן, קלאַרע, אַכטונג צו געבן אויף אַניטאַן...

ק ל אַ ר ע — בוענאַ, בוענאַ, — פאַרשפּאַרסט מיך צו בעטן... איך וויים עס אַליין. (קוקט אויפן זייגערל) איך דאַרף נאָך צופאָרן צו מיינער אַ קליענטין. איך וועל נאָך צוקומען שפּעטער צו דיר. דערווייל אַדיאָס! (לאָזט זיך אוועקגיין).

ס י מ ע — אַדיאָס.

(אין דעם מאָמענט, ווען קלאַרע עפנט די טיר, באַגעגנט זי זיך מיט עליאַסן. ער קומט אַריין, קוקט מיט פאַראַכטונג נאָך קלאַרען)

ע ל י אַ ס — זי איז שוין פון לאַנג דאָ?

ס י מ ע — נאַ, וואָס איז דען?

ע ל י אַ ס — גאָר ניט... (פּויזע) דו הערסט, סימע, ס'וואָלט שוין צייט געווען, דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז קלאַרע דאַרף ניט קומען אַהער אין שטוב... איר פּלאַץ איז אויף מאַיפּו, ניט דאָ...

ס י מ ע — זי איז ניט געקומען צו מיר אַלס חברטע... כ'האָב זי באַדאַרפט האָבן...

ע ל י אַ ס — זי האָט זיך שוין דאָ געוויס ווידער געטראָפן מיט מיגעלן אין דיין נעגנוואָרט...

ס י מ ע — פי, אָבער אין מיין געגנוואָרט האָבן זיי גאָר ניט גערעדט...

ע ל י אַ ס — סימע, דו מיינסט אין אמת'ן, אַז מיך גייט אַ סך אָן, וואָס זי חברט זיך מיט מיגעלן? ווען זי וואָלט נאָר ניט קומען אַהער... זי האָט זיך ווי אַ מיאוסער וואָרעם איינגעגעסן אין אייך ביידן... פריער האָט זי זיך מיט דיר געחברט און איצט מיט אַניטען. ווער

ווייסט, צו וואס זי וועט זי נאך ברענגען! דו הערסט, סימע, איך זאג עס דיר גאנץ אפן: קלארע איז א פעסטע פאר אייער שטוב, און מיר איז אט די שטוב נמאס געווארן. און אויב איך קום נאך אהער, איז עס נאר צוליב דיר, סימע. איך וואלט מיט אלע מיינע מעגלעכקייטן געוואלט דיר העלפן, זאלסט זיך קענען ארויסרייסן פון דאנען, כדי צו פארזארגן דיין צוקונפט.

ס י מ ע — (געערגערט) נו, גענוג, גענוג, עליאס. כ'גלויב עס דיר; אבער דו דארפסט דיך אומזיסט ניט אויפרעגן.

ע ל י א ס — וואס הערט זיך? האסט גערעדט מיטן פאפא?

ס י מ ע — כ'האב גערעדט. — דערווייל האלט עס נאך גאנץ ווייט.

ע ל י א ס — איך האב עס פריער געוואוסט, אז ער וועט ניט דערלויבן. אבער, הער מיך אויס, סימע, דו טארסט ניט פארגעסן, אז דאס איז די איינציקע רעטונג פאר דיר. איך אלנפאלס זע ניט קיין אנ־דער אויסוועג...

ס י מ ע — ווען עס זאל זיך נאר וועגדן אין מיר! דער פאפא ווארט פון מינוט צו מינוט אויף א בריוו פון סאמועלן. ער האפט נאך, אז ער זאל זיך באדענקען און זיך איבערבעטן...

ע ל י א ס — נו, און וואס ד ע נ ק ס ט ו וועגן דעם, סימע?

ס י מ ע — דערווייל איז נאך קיין בריוו נישטא! וואס קען איך וויסן, וואס שפעטער וועט זיין?

ע ל י א ס — אזוי? קען זיין, דו ביסט אויך מיט דער זעלבער מיינונג... (איראניש) מילא, וועגן פאפא, פארשטיי איך נאך, וואס עס באַ־טייט פאר אים אייער צוזאמענלעבן... ער וויל אין אייך נחת דער־לעבן... ער וויל דערלעבן אן אייניקל... אויב אין דעם באשטייט דער גאנצער נחת?.. הער אויס, סימע! אלץ קען געשען! — עס קען אויך געשען, אז איר זאלט אייך ווידער צוזאמענקומען, און לעבן, ווי א סך אנדערע אין אייביקער נארעריי, אין פאלשקייט. אבער אין איין זאך בין איך זיכער: אז דו וועסט ניט קענען דיינע געפילן אין דיר אפשטויסן, ווארום סאמועל איז ניט דער, מיט וועמען דו זאלסט זיך קענען איינפארשטיין. לעבן וועט איר צוזאמען, אבער מיט אייערע הערצער, מיט אייערע געפילן וועט איר אייביק זיין ווייט און פרעמד איינער פון אנדערן...

ס י מ ע — דערווייל האלט עס נאָך ניט דערביי... און ווידער, — איך ליג ווייניק האפענונג אויף דעם בריוו פון סאמועלן... און איך וואלט געוואלט אפפארן נאָך איידער ער וועט אָנקומען... אָבער דער פאָפּאָ וועט מיר קיין געלט ניט געבן און אייגנס האָב איך ניט.

ע ל י א ס — וועגן דעם, סימע, האָב איך שוין אליין אויך געטראכט. דו וועסט האבן אויף הוצאות, ווען דו וועסט נאָר וועלן פארן.

ס י מ ע — ווי אזוי? (קוקט אויף אים פארוואונדערט).

ע ל י א ס — איך וועל דיר אויסלייען.

ס י מ ע — דו? — גראסיאס, עליאס, דאָס קען איך פאַר קיין פאַל ניט טון. דיין פארהארעוועט געלט? נאָ, דאָס קען איך ניט!

ע ל י א ס — אָבער הער מיך נאָר אויס, סימע. דאָס געלט שענק איך דיר ניט. דו וועסט זיכער פארדינען מיט איין קאָנצערט מער ווי איך אין א גאנצן חודש, וואָס־זשע פאַר א באדייטונג קען ביי דיר האָבן די עטלעכע פעזעס אומצוקערן?

ס י מ ע — וואס ס׳וועט זיין שפעטער קען איך ניט וויסן, אָבער דערווייל?

ע ל י א ס — דערווייל פעלט מיר ניט אוים צום לעבן. איך ארבעט און פארדין. איך האָב פאַר דער צייט אפגעשפּארט א ביסל געלט און אויסער דער שיפסקארטע וועט מיר נאָך בלייבן גענוג פאַר מיינעט־וועגן. (נעמט איר האנט) סימע! דו טארסט עס מיר ניט אפזאגן... דו הערסט? דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך בין אויפריכטיק מיט דעם וואס איך זאג דיר.

ס י מ ע — (נאָכדענקנדיק) בוענאָ! וועסט איבעררעדן מיטן פאפא, און אויב איך וועל אנדערש ניט קענען, וועל איך מוזן אזוי טון... אנטשולדיק, עליאס! (גייט אין צווייטן צימער).

(עס קומט אריין יאקוב, מיט א שטעקן אין האנט, הינקט צו, זיין לינקער פוס איז פארבונדן מיט א באנדאזש).

י א ק ו ב — בוענאָ נאָטשע, עליאס!

ע ל י א ס — בוענאָ נאָטשע! וואס איז דיר, יאקוב? ביסט געווען אין מלחמה? (קוקט פארוואונדערט אויף זיין באנדאזשירטן פוס און מיט מיטגעפיל).

י א ק ו ב — מען מוז דען זיין אין מלחמה? מען קען אזוי אויך בלייבן אָן א פוס...

ע ל י א ס — אבער וואס איז דיר אויפן פוס, וואס דו גייסט ארומגעבונדן?
י א ק ו ב — ס'איז גרויסע צרות. מיר האבן עקספעדירט אן אייזערנע קאסע, איז ביים ארויפלעגן אויפן וואגן, האט זי זיך א גליטש געטון און מיר פארטשעפעט דעם פוס. האט מיר אים שוער ניט איבערגעבראכן! נאך א גליק, וואס זי האט מיר געטראפן אין טראט... ווען דאס טרעפט אין ביין, איז אדיאס מיטן פוס! איצט וועל איך מיך שוין מוזן אפרוען א שטיקל צייט.
ע ל י א ס — דו וואלסט בעדארפט זיצן אויף אן ארט, ניט ארומגיין. קום אהער, זיץ! (שטעלט אים א בענקל, העלפט אים זיך אוועקזעצן).
י א ק ו ב — מען מוז אבער גיין, א ברירה האט מען, דאס בין איך טאקע געקומען אנזאגן דעם באלעבאס. כ'וועל מוזן גיין אין שפיטאל אויף א פאר וואכן. אז איר וועט ווערן, עליאס, וועט איר א מאל קומען צו מיר...
ע ל י א ס — פארוואס דען ניט? (ווי ער וואלט זיך אין עפעס דערמאנט) יא, וואס הערט זיך עפעס? האסט דאכט זיך, חתונה געהאט? וואס מאכט עפעס דיין יונג ווייבל, דיין קאמפאניערא?
י א ק ו ב — שוין אוים ווייבל, אוים קאמפאניערא. איך בין שוין ווידער א סאלטערא... אוים! (מאכט אוועק מיט דער האנט).
ע ל י א ס — וואס איז? האסט זיך געגנט מיט איר?
י א ק ו ב — זי האט זיך אליין געגנט, — אן מיין וויסן. זי האט מיך איי־בערגעלאזט און איז אוועק אפילו אן א זיי געזונט... (האלט זיך ביים פוס און זיפצט).
ע ל י א ס — וואס הייסט? זי איז אנטלאפן?
י א ק ו ב — נו, וואס וואונדערט אייך אזוי, אז זי איז אנטלאפן? א שיין ווייבל איז זי, און אויף שיינע ווייבלעך, דארפט איר וויסן, סעניאר עליאס, זענען דא א סך בעלנים אין ב. איירעס... נו, האט זיך אויף איר אויך איינער געפונען, און זי אפגערעדט. צי אפשר האבן זיי זיךביידע אפגערעדט. דער טייוול ווייסט זיי ביידע!..
ע ל י א ס — (אין שפאס) ס'וואונדערט מיך אויף דיר, יאקוב. אזא גע־זונטער יונג ווי דו, ווי אזוי האסטו עס דערלאזט?
י א ק ו ב — א קלוגער זענט איר, סעניאר עליאס, אז איר האט קיין ווייב ניט... ווען איר זאלט אבער אליין פרואוון נעמען א ווייב, און אט

די צרות אויף אייערע אייגענע פּלייצעס, וואלט עס אייך שוין ניט געוואונדערט... דעמאלט וואלט איר שוין געוואוסט...

ע ל י א ס — מן הסתם איז צווישן אייך עפּעס פאָרגעקומען. אומזיסט וואלט זי ניט אַנטלאָפן.

י א ק ו ב — איך מיינט אודאי, אז איך האָב זי געשלאָגן? כאַ-כאַ! איך זעט, סעניאָר עליאַס, אַט די הענט מיינע, פול מיט מאַזאָליעס, האָבן גענוג שווערע אַרבעט איבערגעטראָגן, און איך וואלט אייך קיינמאָל ניט ווינטשן דעם טעם פון זייערן א קלאַפּ צו פאַרזוכן... נאָר איך האָב זי קיינמאָל ניט געשלאָגן. ניין, כ'האָב אַלץ פאַר־שוויגן. און ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז זי וועט מיר אַזוי אָפּטון?.. איר גליק איז, וואָס איך האָב מיר צעקלאַפּט א פוס, און קען ניט אַרומלויפן זי זוכן. ווייטער וואָלט איך זי שוין אָפּ־געזוכט, די ליאַלקע מיינע... ע, ווען איך וואלט זי נאָר געפינען...

(עס קומט אריין גלאַסקין)

ג ל א ס ק י ן — אַ, עליאַס!

ע ל י א ס — בוענאָ נאָטשע! (הויבט זיך אויף, יאַקוב גייט אָפּ אין א זייט).

ג ל א ס ק י ן — בוענאָ נאָטשע! סימע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט דאָ פריער געווען

ע ל י א ס — סי, כ'האָב געוואלט מיט אייך עפּעס ריידן.

ג ל א ס ק י ן — נו, זיך. וואַרט צו א ווײַלע. איך וועל נאָר אַטענדירן יאַקובן. (גייט צו צו יאַקובן) נו, יאַקוב, וואָס מאַכט דיין פוס? (זעצט זיך אוועק ביים שרייבטיש).

י א ק ו ב — מיט מיין פוס איז גאָר ניט אַמבעסטן. מיר דאַכט, איך וועל מוזן אוועקגיין אין שפּיטאָל, דערפאַר האָב איך געוואלט אייך אָנזאָגן.

ג ל א ס ק י ן — נו, מילא. אַז דו מוזט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן.

י א ק ו ב — טאַקע וועגן דעם האָב איך אייך געוואלט בעטן. איך ווייס ניט, וויפיל מיר וועט אויסקומען צו זיין דאָרטן. קיין אַנדערן אויף מיין פּלאַץ זאָלט איר דערווייל ניט צונעמען.

ג ל א ס ק י ן — דאָס מעגסטו זיין זיכער, יאַקוב. דיין שטעלע איז שטענ־דיק אַ שטעלע. כל זמן איך האַלט די מעבלעריע. גיי און קוריר

דיך אויס. ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו צוריק קומען. טאַמער פעלט דיר עטלעכע פעזעס, נאַ, דאָ האָסטו אַ פינפאונצוואַנציקער. (גיט אים געלט).

יאַקוב — אַ דאַנק. בוענאַ נאַטשע! (אַפּ).

גלאַסקין — איצט, עליאַס, קענען מיר רעדן. אפשר וועגן געשעפט?

עליאַס — נאַ, איר ווייסט דאָך, פעטער, אַז איך בין ניט קיין געשעפטסמאַן. אַזוי, וועגן היימישע אינטערעסן...

גלאַסקין — נו, לאָמיך הערן, וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?

עליאַס — עס האַנדלט זיך וועגן באַזאָרגן סימעס צוקונפט.

גלאַסקין — (שטרענג) וועגן סימעס צוקונפט באַזאָרגן — בין אַ פאָטער. (קוקט אויף אים פאַרדעכטיק).

עליאַס — אמת, איר האָט פולקום רעכט, פעטער. און איך וואָלט פאַר קיין פאַל ניט וואַגן פון אייך אייער פאָטער־רעכט צו צונעמען... אָבער ניט אין דעם גייט עס. סימע איז פאַר אַלע מיין שוועסטערקינד, און איך קען ניט צוזען, ווי זי ליידט. איך וויל איר העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן. איר ווייסט גאַנץ גוט, פעטער, אַז איך האָב ניט פאַר סימען קיין באַזונדערע אינטערעסן, מיט וועלכע איך זאָל זיך דאַרפן פאַר אייך באַהאַלטן. איר קענט מיך שוין ניט פון היינט.

גלאַסקין — (שמייכלט גוטמוטיק) סי, אָבער דו רעדסט ווי אַ נאַר, זאָלסט מיר מוחל זיין, מיט וואָס דו קענסט מיר, אָדער איר העלפן! די גרויסע געלטן, וואָס דו פאַרמאָגסט... זע בעסער, דו זאָלסט האָבן פון דיינעטוועגן, אויף וואָס דו באַדאַרפסט.

עליאַס — מען קען אַמאָל אָן געלט אויך העלפן... הערט, פעטער, דאָ צוריק מיט אייניקע טעג בין איך געווען ביים פראָפעסאָר, ביי וועמען סימע האָט געלערנט. איך האָב מיך צערעדט מיט אים וועגן איר און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען זי זאָל וועלן פאַרזעצן איר שטודיום, וואָלט זי אין אַ קורצע צייט געקענט זיין איינע פון די גרעסטע קאָנצערטיסטינס. זי פאַרמאָגט זעלטענע פעיקייטן!

גלאַסקין — ווי איך זע, עליאַס, ווילסטו מיך מאַכן פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, אַזוי ווי דו... אָבער אומזיסט! דו וועסט מיך שוין ניט

איבעראנדערשן. און לאז דיך בעסער אפּ פון די נארישקייטן... סימע וועט קיין קאנצערטיסטקע ניט זיין, דאס איז פאר איר קיין תכלית ניט, און פאר מיר אודאי ניט.

ע ל י א ס — ווען איך וואלט פארשטאנען, אז דאס איז קיין תכלית ניט, וואלט איך, מיגעלע, גאר ניט גערעדט וועגן דעם, — אבער, קען זיין, אפשר איז אומפּאסנדיק פאר אייך, אז סימע זאל שטודירן דא איז ב. איירעס? וואלט זי געקענט אפּפארן פון דאנען. דער פּראפעסאר וויל איר געבן א גוטע רעקאמענדאציע און זי וועט זיין באזארגט אויף אן ארנטלעכן אופן מיט איר שטודיום. און דאס לערנען וואלט איר אויך ניט געקאסט.

ג ל א ס ק י ן — אה, וואס טויג ריידן אומזיסט? איך וועל איר קיין געלט ניט געבן, אז זי זאל אוועקפארן אין דער פרעמד...

ע ל י א ס — הערט, פעטער. איך זע דאך, אז איר ווילט ניט, סימע זאל פארן אליין... וועל איך זי באגלייטן! כ'גיב אייך מיין ווארט, אז איך וועל זיין לעבן איר די גאנצע צייט, ביז זי וועט ענדיקן איר שטודיום. איר ווייסט דאך, אז איך בין אן ארבעטער און מיין פאר וועל איך אומעטום געפינען. פאר מיר איז אלץ איינס, צי אר־בעטן דא אין בוענאס איירעס, אדער אין אן אנדער ארט. די הויפט זאך איז, סימע זאל זיין באזארגט.

ג ל א ס ק י ן — ווער בעט עס פון אייך אזעלכע טובות? (אין אויפרעגונג) דו און דער פּראפעסאר ווילט איר מיך פארזארגן? איר ווילט זיין די פארזארגער פון מיין קינד! ס'איז נאך ווייניק די בזיונות, וואס איך האב געליטן ביז אהער, וואס מיין כבוד און דער כבוד פון דער גאנצער פאמיליע איז אזוי צו שאנד און צו שפּאט געווארן, ווילט איר מיך נאך אינגאנצן דערשלאגן! איך האב אלע יארן געהארעוועט, כדי די קינדער צו א תכלית צו ברענגען, און וואס איז פון דעם געווארן? וואס איז געווארן פון מיין פאמיליע!
(האלט זיך מיט די הענט ביים קאפּ).

(הינדע, סימע, אניטע קומען אריין)

ג ל א ס ק י ן — מיגעל גייט ארום דער רוח ווייסט אים וואו... אין אלע שמוציקע ערטער... און אניטע וואקסט אויך קיין לייט ניט... און זי, סימע, די איינציקע, אויף וועלכע עס איז מיין גאנצע האפ־

נונג געוועז. — זי האט מיך איינגאנצן דערשלאגן! (מיט ווייטיק) צו וואס האט איר מיך דערפירט? צו וואס האט איר מיך דערפירט? (פאלט צום טיש מיט פארצווייפלונג).

(פ א ר ה א נ ג)

4-טער אקט.

דאס זעלבע צימער פון דריטן אקט.

פארטאג. אין א ווינקל ברענט א קליין עלעקטריש לעמפל. לעבן טיש זיצט דער אלטער נחמן און זאגט תהילים).

נ ח מ ן — כי יודע ה׳ דרך צדיקים ודרך רשעים תאבד...

(עס קומט ארויס הינדע, מיד, ווי ניט דערשלאפן)

ה י נ ד ע — גוט מארגן, טאטע!

נ ח מ ן — גוט־מארגן! אזוי פרי אויפגעשטאנען?!.

ה י נ ד ע — ס׳שלאפט זיך ניט, טאטע... די יסורים לאזן ניט שלאפן... זינט אניטא איז ניט געזונט, שלאף איך שוין גאר ניט. (קוקט אין פענצטער) שוין טאג! אז דו ווילסט, טאטע, זיי אזוי גוט, גיי אריבער דא אין אלמאסען, ס׳מוז שוין זיין אפן, וועסט מיר ברענגען א פעקל טיי. וועסט אויסלייגן, איך וועל דיר שפעטער אפגעבן.

נ ח מ ן — (שטייט אויף, גייט צו דער טיר) אוי, שוין טאקע טאג! מען דארף שוין באלד ארויסניין מיטן קעסטל. (טוט א קוש דעם תהילים, גייט אוועק).

(עס קומט אריין גלאסקין. זעט אויס שטארק דערשלאגן)

ג ל א ס ק י ן — נו, וואס הערט זיך? נאך ניט געקומען סימע?

ה י נ ד ע — ניין. וועט מן הסתם באלד קומען.

ג ל א ס ק י ן — וועט באלד קומען... וואס־זשע, א גאנצע נאכט איז מען פארנומען אויף א קאנצערט?

ה י נ ד ע — ס׳איז דאך געווען א קאנצערט אינאיינעם מיט א באילע, איז זי געווים פארבליבן דארטן: מע האט זי געקערט פארהאלטן.

ג ל א ס ק י ן — די שוועסטער לינט קראנק — און זי גייט אויף באילעס! וואס וועט זיין פון דעם, פרעג איך דיך? הא, וואס וועט זיין פון דעם?!

הינדע — זי איז דען געגאנגען פארבּרענגען — דער פּרעזידענט פון פּא־
ריז, האָט זי איינגעלאַדן, ווי אַזוי האָט זי געקענט אָפּזאָגן? און
די באַילע איז נאָך פאר א תלמוד תורה.

גלאסקין — יאָ, אָבער ס'איז דאָך שוין גרויסער טאָג, וואו קען זי
זיין אַזוי שפּעט?!

הינדע — עס האָט זי געוויס אימיצער דאָרט פארהאַלטן.

גלאסקין — תירוצים, בלויז תירוצים! יאָ, איר מיינט, איר נאַרט מיך!..
איך ווייס, איך ווייס, — יאָ, אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פון
דעם, וואָלט איך וועלן וויסן? וואָס טראַכט זי זיך?

הינדע — וואָס ווילסטו פון מיר? ב'האָב גענוג צרות פון דער קלענערער,
דאַרף איך נאָך זי אין זינען האָבן... (קוקט אַרויס דורכן פענ־
סטער, ווי אַפּוואַרטנדיק אימיצן).

גלאסקין — (ווי פאר זיך) איך הייב עס גאָר ניט אָן צו פארשטיין:
פריער איז זי אַרומגעגאַנגען מרה־שחורהדיק, ווי די גאַנצע וועלט
וואָלט אויף איר געפאַלן, און איצט האָט זי זיך מיט אַמאָל אָנגע־
הויבן פּוצן און פארבן ווי א יונג מיידעלע... פאר וועמען פּוצט זי
זיך אַזוי, וואָלט איך געוואָלט וויסן? פאר וועמען, האַ?

הינדע — וואָס דען האָסטו געוואָלט? זי זאָל אַרומגיין פארפּינצערט און
פארטרויערט. דו מיינסט, מען קען אריינקומען א פארקלאַגטע אין
די רייכע הייזער, וואו זי גייט די לעקציאָנען? — אין האַרצן טוט
טאָקע וויי, — נאָר מען מוז זיך אָנטון ווי א מענטש, און אַמאָל
א לאַך טון אויך... וואָס דאַרף מיך יענער וויסן?..

גלאסקין — יאָ, אָבער איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, פון וואַנען עס
נעמען זיך צו איר אָט די אַלע נייע טואַלעטן? און אָט די פינגער־
לעך מיט די בראַסלעטן, מיט נאָך אַנדערע טייערע זאַכן. זיי רייסן
דאָך ממש די אויגן! אַלע מאָל נייע שליאַפּעס, נייע שיך. ווען זי
וואָלט אַפילו פארדינט ווי די גרעסטע פּראָפעסאָרא, וואָלט זי־
אויך ניט באַדאַרפט טראָגן אַזעלכע טייערע קליידער מיט צירונג,
זי איז דאָך ממש באַהאַנגען מיט צירונג! א שטאָט שלאָפט ניט...
מען ווייסט, אַז אין די גוטע צייטן, ווען איך האָב געמאַכט גרויסע
געשעפטן, איז זי ניט געגאַנגען אַזוי געפּוצט און מיט אַזוי פיל
לוקא, ווי זי גייט איצט. פון וואַנען נעמט זיך צו איר, וואָלט איך

געוואַלט וויסן?! אדרבא, זאָג מיר, אפשר ווייסטו פון וואַנען?

ה י נ ד ע — זי פאַרדינט דאָך מיט די לעקציאַנעו און מיטן שפּילן.

ג ל א ס ק י ן — הם... זי פאַרדינט מיט די לעקציאַנען און מיטן שפּילן! שווייג בעסער! שווייג! מיך וועט איר ניט נאַרן...

ה י נ ד ע — אַז דו גלויבסט מיר ניט — פרעג ביי איר אַליין.

ג ל א ס ק י ן — איך האָב זי ניט וואָס צו פרעגן... איך וויים שוין וואָס כ'האָב צו טון. זאָל נאָר קומען ענטפער פון לעאָנען, נעם איך און פאַרקויף אויס אַלץ, אַלץ פון שטוב און פאָר אַוועק קיין טשילע,— זאָל נאָר קומען ענטפער!

(אַניטאַ פון צווייטן צימער רופט מיט אַ קרענקלעכן קול):

מאַמאַ! קום אַהער!

ה י נ ד ע — אַ, דאָס איז נאָך אַ צוגאָב צו די צרות. (אָפּ)

(עס קומט אַריין עליאַס, אַביסל צעטומלט)

ע ל י א ס — בוענ דיאַ!

ג ל א ס ק י ן — בוענ דיאַ, עליאַס! וואָס איז עפּעס אַזוי פרי?

ע ל י א ס — איך בין צוגעקומען געוואר ווערן וואָס אַניטאַ טוט. איך וויים זי האָט זיך נעכטן געפילט שלעכט. ווי אַזוי איז איר איצט?

ג ל א ס ק י ן — (זיפצט) זי איז ניט געזונט, די מאַמע איז שוין אויך לעבן איר קראַנק געוואָרן. וואָלט כאָטש די צייט געווען אַנדערש...

ע ל י א ס — פון דעסטוועגן דאַרפט איר ביי זיך ניט זיין אַזוי געפאַלן, פעטער. איך גלויב, אַז איר האָט שוין אין אייער לעבן געהאַט שלעכטע צייטן און זענט זיי איבערגעקומען, איר וועט דאָס שלעכטע שטיקל צייט אויך איבערקומען.

ג ל א ס ק י ן — אַ, ניין, עליאַס. ניט איך וועל די צייט איבערקומען, נאָר די צייט וועט מיך איבערקומען... דו האָסט אַמאָל געזען אַן אַלטן בוים, וואָס זיינע צווייגן זענען דורך שלעכטע אומשטענדן אַרומגעוויקלט געוואָרן מיט אַ נעץ פון שפּינוועבס און ווערים, — אַז מען זעט קיין בלעטער ניט אַרויס... און עס בלייבט קיין אַנדער מיטל ניט — ווי די צווייגן אַראָפּצוהאַקן, און לאָזן דעם הוילן שטאַם... אָט אַזוי, עליאַס, בין איך איצט געבליבן... אָרעם און הויל, ווי דער שטאַם פון יענעם אַלטן בוים, — וואָס זיינע צווייגן זענען פאַרדאַרבן געוואָרן, אָבער קיין נייע וועלן מער ניט אויפ-

וואקסן... נייז, קיין נייע וועלן מער ניט אויפוואקסן (בלייבט שטיל. הינדע קומט אריין).

הינדע — (שטיל צו עליאסן) נו, וואס הערט זיך? ביסט געווען? האסט זי געזען?

עליאס — (מיט פאראכטונג) ניין, כ׳האב זי ניט געזען...

גלאסקין — (טייטנדיק אויף הינדען) זעסט, עליאס, דאס האב איך איר צו פארדאנקען... ס׳איז זי, — זי האט עס מיר די גאנצע צייט געטאטשעט אין קאפ אריין, האט מיך ניט געלאזט איינרוען, און מיך געטריבן איך זאל פארקויפן די טשאקרע און ארויס אין שטאט אריין. טאג און נאכט האט זי מיר דעם קאפ פארדולט וועגן די קינדער, וואס וועט ווערן פון זיי אין קאמפ? זיי וועלן קענען קעלבער פאשען? (מיט ווייטיק) אוי! הלואי וואלטן זיי בעסער קעלבער געפאשעט... הלואי וואלט איך געווען דארט אין קאלאניע פארבליבן, וואלט איך צו די אלע צרות ניט געווען געקומען. (שאקלט טרויעריק מיטן קאפ און גייט אוועק).

הינדע — (נאך זיין אוועקגיין) הערסט, עליאס,? אברהם גייט ארום, ער ווערט שיעור ניט משוגע פאר ווייטיק... ער האלט זיך אין איין נאכפרעגן וועגן סימען... וואס קען איך אים זאגן?.. אז איך ווייס אליין ניט... זי פרעגט דען ביי מיר? (שווייגט א ווײלע) איך וואלט שוין גערן געוואלט זי זאל קומען, כ׳ווייס גאר ניט וואו זי קען זיין...

עליאס — (מיט ביטערקייט) און וואס וועט אייך שוין ארויסקומען ווען איר וועט וויסן? איר וועט זי גיין א היים רופן? זי וועט אייך ביי ווי ניט פאלגן... (מיט ווייטיק) אך, מומע, ס׳איז געווען א צייט —ווען איר האט יא געוואוסט, וואו סימע גייט ארום... נאר איך האט אייך געמאכט ניט ווימנדיק... וויפיל מאל האב איך אייך אויפמערקזאם געמאכט וועגן סימען מיט אניטען, מיט וועמען זיי פירן זיך ארום... און איר האט אייך נאך געבייזערט אויף מיר. איך האט מיך דערנידעריקט און אויסגעלאכט פאר די קינדער אין די אויגן... נאר איך האב מיך אנגענומען מיט גערולד און געווארט. ביי אייך איז עס פלוצים געשען... אבער איך האב נאך פריער געזען, נאך א צייט פריער... אז אט דאס איז אומפארמיידלעך...

און אַט איז עס געקומען! איצט שניידט מיט אייערע אייגענע הענט דאָס, וואָס איר אַליין האָט פאַרזייט.

אַניטאַ — (רופט פון צווייטן צימער מיט אַ וויטיקלעכן קול): מאַמאַ!

הינדע — אָה, זי האָט מיך שוין גאָר דערשלאָגן... אַז דו ווילסט, וואַרט דאָ צו, עליאָס, ס'קען זיין — סימע וועט באַלד אָנקומען, וועסט מיט איר ריידן. מיר וויל זי ניט ענטפערן...

עליאָס — וואָס טוט אַניטאַ?

הינדע — זי איז נעבעך ניט געזונט. כ'האָב מורא — מען וועט זי מוזן אַריינגעבן אין שפּיטאָל. (אָפּ)

(עס קומט אַריין נחמן מיט אַ פּעקל טיי אין האַנט)

עליאָס — גוט־מאָרגן, זיידע!

נחמן — גוט־מאָרגן, וואָס איז עפּעס אַזוי פרי?

עליאָס — כ'בין געקומען זען וואָס אַניטאַ טוט.

נחמן — זי איז נעבעך קראַנק. צו די גוטע צייטן, וואָס דער טאַטע האָט, איז זי נאָך אַ צו־גאָב... (זיפצט) דו הערסט, עליאָס, אַז ס'הייבט אָן צו גיין שלעכט, גייט עס מיט אַלעמען. פון זינט סימעלע איז זיך מיטן מאַן צעגאַנגען, האָבן מיר נאָך ניט קיין איין גוטן טאָג געהאַט. דעם געשעפט האָט ער געמוזט אָפּלאָזן, דעם קרעדיט האָט ער אָנגעוואָרן, און די קינדער זענען אויך קיין לייט ניט. הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר איך זע, אַז פון דער שטוב וועט קיין גור־טער תכלית ניט זיין... עס גייט וואָס אַמאָל ערגער. אַט איז שוין עטלעכע טעג, אַז איך זע ניט מיגעלן... די שוועסטער איז קראַנק, די עלטערן זענען דערשלאָגן, און אים זעט מען ניט אין די אויגן.

עליאָס — (מיט ביטערקייט) וואָס איז, זיידע? איר האָט מורא, אַז ער איז אַנטלאָפן מיט אייער חוב?

נחמן — ווער דאַרף עס זיין חוב? איך בין אים מוחל. זאָל ער בעסער אַליין זיין אַ לייט. האַלט אין איין אַרומלויפן. מען זעט אים קיינ־מאָל ניט אין שטוב.

עליאָס — (שטיל) זיידע, מיגעל איז אַרעסטירט!

נחמן — אַרעסטירט? פאַר וואָס איז?

עליאָס — ער האָט זיך צעשלאָגן מיט זיינעם אַ קאַמפּאַניערא (אַפּאַרט) סוף גנב...

נחמן — וואָס זשע וועט זיין? ער וועט בלייבן זיצן?

עליאס — נאָ, מען וועט אים היינט מאָרגן אַרויסלאָזן.

נחמן — דו הערסט, עליאס, ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דאָ טרעפן זיך אַזעלכע צרות... וויפיל איך הער עס מיך אָן אין אַ טאָג פון דאָרטן, ביי אונדז אין די קליינע שטעטלעך, שמועסט מען ניט; אָבער, אפילו אין די גרויסע שטעט, האָב איך אין ערגעץ אַזאַ הפקרות ניט געזען... וואָס פאַר אַ קינדער דאָ וואַקסן אויס!..

עליאס — ס'איז „בוענאָס איירעסער קינדער", זיידע, און מיט דעם איז אַלץ פאַרענטפערט...

נחמן — נייז, ס'איז אַ פאַרשאָלטן לאַנד! — און שלעכטע קינדער. (קלויבט זיך אַוועקגיין) אַ, ס'ווערט שפּעט, מען דאַרף גיין. (אָפּ).

(ס'קומט אַריין סימע עלעגאַנט געקליידעט, קאָקעטיש, דאָס פּנים אָנגעפּודערט און די האָר אַביסל צעשויבערט)

סימע — אַ, עליאס! בוען דיאַ! אַזוי פרי קומסטו?

עליאס — בוען דיאַ! און דו, סימע? אַזוי שפּעט קומסטו?

סימע — איך בין געווען אויף אַ באַילע און האָב ניט געהאַט ווער עס זאָל מיך אַקאָמפּאַנירן; און באַנאַכט אַליין אַ היים קומען האָב איך מיך עפּעס געשראָקן...

עליאס — (איראָניש) מיר דאַכט, דו ביסט גאָר ניט אַזאַ שרעקעוודיקע, ווי איך האָב געדענקט...

(פון צווייטן צימער קומט אַריין הינדע)

הינדע — אַזוי שפּעט קומט מען פון אַ באַילע?!

סימע — (טוט אויס דעם הוט און מאַנטל) ס'איז נאָך גאָר ניט אַזוי שפּעט; ס'איז ערשט טאָג געוואָרן...

הינדע — אויף אַ באַילע ביסטו געווען? — ס'איז אַ ליגן!

סימע — פון וואַנען ווייסטו, אַז נייז?

הינדע — עליאס האָט דיך אַרומגעזוכט דאָרט איבערן גאַנצן סאַלאָן... (צו עליאסן) זאָג, עליאס, האָסט זי דאָרטן געזען?

עליאס — נייז, אָבער איך בעט אייך, מומע, שטעלט מיך ניט פאַר קיין עדות... לאָזט מיך צו־רו!

הינדע — (צו סימען) זעסטו שוין! וויל נאָך אָפּנאַרן... געווען אויף אַ באַילע!

סימע — (פאַרלירנדיק זיך אויף אַ מאָמענט) און אַז ניט, איז וואָס? איך דאַרף דיר אָפּגעבן אַ דין וחשבון, וואוהין איך גיי? האָב איך

ערגעץ אנדערש פארבראכט... (לייגט אוועק איר הוט און פאררייבט זיך די האר).

הינדע — נו, אויב דו וועסט אזוי פארברענגען, וועסטו שוין א סך אפשפארן פון דיינע לעקציאנען און פון דיין שפילן...

סימע — איך וועל ביי דיר ניט קומען בעטן זעסטו. געלט וויל זי, און פארברענגען אז אוונט לאזט זי ניט... קומט מיר מוסר זאגן!

הינדע — בוענא, איך וועל דיר שוין גאר ניט זאגן: זאל דער טאטע האבן צו טון מיט דיר.

אניטא — (פון צווייטן צימער, רופט:) מאמא! קום אהער!

הינדע — אט גיי איך אריין. די שוועסטער איז קראנק, און זי שלעפט זיך ארום דורך די נעכט. (אפ)

סימע — (צו עליאסן) אנטשולדיקט, איך וויל נאר א קוק טון צו אניטען. איך קום באלד צוריק. (נעמט דעם הוט און מאנטל, פארגעסנדיק די הענטשקעס אויפן טיש. גייט אוועק).

עליאס — (גייט ארום, נעמט א הענטשקע, באטראכט. טראגט זי צו דער נאז, שמעקט — און ווארפט זי אוועק צוריק אויפן טיש ווי מיט עקל).

סימע — (קומט צוריק).

עליאס — סימע, איך וויל מיט דיר עפעס ריידן, ביסט ניט מיד?

סימע — נא אימפארטא! דו קענסט ריידן. זיץ, עליאס!

עליאס — (זעצט זיך אוועק קעגנאיבער איר) גראסיאס! אט זיץ איך לעבן דיר, סימע, אזוי נאענט, און איך פיל, אז מיר זענען דאך אזוי ווייט איינס פון אנדערן... ווי לאנג איז אין דעם, ווי מיר האבן גערעדט וועגן אפפארן פון דאנען, צוזאמען?

סימע — סי, אבער וואס האב איך געקענט טון, ווען דער פאפא איז געווען נעגן?

עליאס — (זעצט פאר) און ווי אלץ האט זיך אזוי שנעל איבערגעביטן! — איך בין געווען איבערצייגט אין דיינע פעיקייטן און דיין טא־לאנט, און אויך אין דיין ערפאלג. אבער וואס איז פון דעם אלעם געווארן?! וואס פאר א באטייטונג האט איצט דיין שפילן?

סימע — דאס שפילן קומט מיר גוט צונוץ, כאטש איך בין ניט קיין קאנצערטיסטין, אבער איך פארדין מיר און פארשפאר אנקומען

צו די עלטערן. (מיט אנגסטלעכן שמייכל) געדענקסט, עליאס? דו האסט מיר אמאל געזאגט, אז אין איין זאך ביזטו זיכער: אז איך וועל ניט קענען מיינע געפילן איז זיך טויטן. גאר איין קליי־ניגקייט האסטו פארגעסן, אז אויסער די געפילן צום שפילן, איז אויך פאראן א פארלאנג צו לעבן...

ע ל י א ס — סי, אבער אנטשולדיק! אויף אזא ארט! דאס איז פאר מיר געווען אומגלויבלעך... און דיין געוויסן, סימע? וואו איז דיין געוויסן?..

ס י מ ע — מיין געוויסן! קא־קא־קא! (גיפטיק) דו ווייסט, עליאס? איך האב דאך ערהאלטן צוויי בריוו פון סאמועלן. ער וויל זיך איבער־בעטן... קא־קא־קא... ער בעט מיך אנטשולדיקונג... ער האט זיך איבערצייגט, אז ער איז א פעלער באגאנגען... קא־קא־קא! אבער ער האט זיך אביסל צו שפעט דערמאנט...

(מען הערט קלינגען. עס קומט אריין קלארע פארפוצט אין א רייך קלייד און אין א פליושענעם מאנטל, זי זעט אויס צו זיין אויפגעלייגט).

ק ל א ר ע — בוען דיא, סאפיע! טאקע גוט, וואס איך האב דיך געטראפן.

ס י מ ע — א, קלארע, בוען דיא! (גייט איר אנטקעגן, קושן זיך, ריידן אין דער שטיל. סימע ווינקט צו איר, זי זאל זיין פארזיכטיק אין עליאסעס קעגנווארט).

ע ל י א ס — (באמערקנדיק, ווי זיי היטן זיך פאר אים, נעמט זיין הוט, גייט צו צו סימען, ניט געבנדיק איר די האנט) אדיאס!

ס י מ ע — (ווי איר וואלט באנג טון זיין אוועקגיין) דו גייסט שוין אוועק, עליאס?

ע ל י א ס — א. (לאזט זיך אוועקגיין).

ס י מ ע — וועסט נאך זיין דא שפעטער?

ע ל י א ס — (שארף באטאנענדיק די ווערטער) ניין, סימע. איך גיי אוועק, ווייל איך קען דא מער ניט זיין... (עפנט האסטיק די טיר, גייט אוועק).

ק ל א ר ע — (שמייכלט) פאברע עליאס! ווי ער מאכט זיך עס שלעכט דאס בלוט איבער דיר, סאפיע... האסט זיך דא מיט אים געקריגט?

ס י מ ע — ער איז געקומען מיר זאגן מאראל. איך בין שוין מיד פון זיי אלע...

קלארע — דו הערסט, סאפיע, צו מיר פלעגן אויך קומען אזעלכע „אטאריאס" ווי דיין עליאס, האב איך זיי געוויזן די טיר... בעסער אזוי, סאפיע. דיין פריינטל האט דיר פארשפארט אן ארבעט, ער איז זיך אליין אוועקגעגאנגען... כא־כא־כא...

סימע — פונדעסטוועגן טוט מיר באנג...

קלארע — א זארג האסטו! וועסט האבן וויניקער מיט א מאראל־זאגער... וואס הערט זיך בעסער מיט מיגעלן? ער זיצט נאך?

סימע — דערווייל איז ער נאך ארעסטירט. יענער זאגט, אז מיגעל האט ביי אים געלט צו־גענומען, און מיגעל זאגט — אז דער קאמפאניערא האט ביי אים צוגענומען. דער טייוול ווייסט זיי, וואס צווישן זיי איז פארגעקומען... דערווייל זיצן זיי ביידע...

(ס'קומט אריין אניטא, אין א ווייסן כאלאט, זייער קראנק און געבויגן)

אניטא — בוען־דיא, קלארע!

קלארע — א, אניטא, בוען־דיא! קאמא טע וואַ?

אניטא — גראסיאס! זעסט ניט? קוים וואס איך גיי ארום.

קלארע — מיר דאכט, דו זעסט אוים בעסער, ווי דאס פריערדיקע מאל ווען איך בין דא געווען. דו האסט דאך פון בעטל ניט געקענט אראפגיין... סי, דו דארפסט נעמען דאס, וואס איך האב דיר פארשריבן.

אניטא — איך בין איצט אויך קוים אראפגעגאנגען. (זעצט זיך אוועק).

קלארע — נא אימפארטא! ס'וועט איבערגיין. ס'איז נאר פון אנפאנג... ס'וועט איבערגיין.

אניטא — ס'ווערט מיר וואס אמאל ערגער... איך האב מורא, איך וועל מוזן אריין אין שפיטאל.

קלארע — (ווי צעטומלט) אין שפיטאל גאר? ווער האט עס דיר גע־זאגט? האסט ביי אימיצן געפרעגט? (קוקט אויף איר אומרואיק).

אניטא — דער דאקטאר האט עס מיר געזאגט... זעסט, קלארע! מיין שלאפקייט איז גאר עפעס אנדערש... ניט ווי דו האסט עס אנגע־רופן... איצט ווייס איך שוין... און דו, סאפיע, האסט מיך נאך צוגערעדט, איך זאל נעמען קלארעס מיטלען... (זיפצט באהאלט דאס פנים אין די הענט).

קלארע — פארוואס האבן זיי סאפיען געהאלפן? זעסט, סאפיע איז איצט נאך שענער און געזונטער פאר מיר... האב נאר אביסל

גערולד, וועסט זען, ס'וועט איבערגיין...

אניטא — (מיט פארביטערטקייט) סי, ס'וועט איבערגיין, — ווער ווייסט?..

(עס קומט אריין גלאסקין)

גלאסקין — (דערזעט קלארען) א, זי קומט נאך אהער, די חצופה, זיך חברן מיט מיינע קינדער?.. ארויס פון מיין שטוב, דו אויסגעלאסענע! ארויס!.. (כאפט א בענקל).

קלארע — (דערשרעקט זיך און לויפט ארויס; אניטא ציטערט).

(עס לויפט אריין הינדע צעשראקן)

הינדע — וואס איז דא געשען? ווי איז מיר! אניטעלע! זע נאר, ווי זי ציטערט! האט זיך נעבעך דערשראקן... (צו סימען) וואס איז דא געשען?

סימע — גאר ניט... דער פאפא האט ארויסגעטריבן קלארען. דו קענסט אים דען ניט? ער קען קיין מענטשן ניט ליידן. (גייט אום אויפגערעגט).

הינדע — (אננעמענדיק אניטען) קום, טאכטער! וועסט זיך צוליגן אביסל. זי קען נעבעך אויף די פיס ניט איינשטיין. (אפ מיט אניטען).

גלאסקין — (צו סימען) און דו נעמסט זיך נאך אן פאר איר, הא?! דו ביסט ניט בעסער פון איר... זאג, וואו ביסטו עס געווען די גאנצע נאכט?! וואו ביסטו געוועזן?!

סימע — די מאמע ווייסט דאך, אז מען האט מיך איינגעלאדן אויף א קאנצערט... כ'האב דאך איר געזאגט...

גלאסקין — אויף א קאנצערט... ס'איז א גרויסער ליגן! דו מיינסט, דו נארסט מיך די גאנצע צייט? איך ווייס... איך ווייס שוין פון לאנג, וואוהין די גייסט ארום דורך די נעכט מיט אט דער אויסגעלאסענער חברטע דיינער... וואס זאל איך איצטער טון?! — איך פרעג דיך אליין, ווי קען איך מיין פנים אויף דער גאס ווייזן?! איך קוק אויף דיר און דערקאן דיך ניט... דאס איז גאר ניט מיין טאכטער... ווי, וואס איך האב דערלעבט! וואס איך האב דערלעבט! ס'איז נאך ווייניק געווען דער ערשטער בזיון, וואס דו האסט געבראכט אויף דער שטוב, האסטו דאס איצט פארטאפלט! ניט גענוג וואס איך בין אזוי געבראכן, האסטו נאך מיין כבוד

און דעם כבוד פון דער גאנצער פאמיליע אזוי מיאוס און אז רחמנות צעטראטן! וואס פאר א שלעכטס האבן מיר דיר געטון, אז דו זאלסט זיך אין אונדז אזוי נוקם זיין? — דו ווילסט מיין נשמה?.. נא, נעם זי, און מאך א סוף! צו־וואס דארפסטו מיך פייניקן? צי האב איך נאך ווייניק געליטן?!

סימע — איך וויל קיינעם ניט פייניקן און זוך ניט קיין נקמה, — איך לעב ווי איך פארשטיי... (גייט אוועק).

(עס קומט אריין לעאן, מיט א רענצל אין האנט, זעט אויס פארעלטערט)

לעאן — גוט מארגן, טאטע!

גלאסקין — (ווי איבערראשט) גוט־מארגן! אַ, זע נאר, לעאן! עפעס גאר פלוצים, אומגעריכט. (גריסן זיך).

לעאן — טאקע אומגעריכט... כ'האב אפילו קיין צייט ניט געהאט צו שרייבן, אז איך וועל קומען... צופעליק האט עס זיך אזוי געמאכט, אז איך האב געמוזט פארן אין איילעניש...

(הינדע קומט פון צווייטן צימער)

הינדע — אַ, לעאן! וואס טוסטו עפעס? (קושט זיך מיט אים) דו קומסט נאר וואס אָן? וואס מאכט עפעס דיין פאמיליע? וואס טוען די קינדער? זיי, לעאן!

לעאן — גראסיאס. געזונט, דאנקן גאט. (זעצט זיך אוועק) און וואס הערט זיך עפעס דא, ביי אייך אין בוענאס איירעס?

גלאסקין — וואס זאל זיך הערן? ווי דו זעסט, מען לעבט. די לעצטע צייט, איז ניט ווי אמבעסטן... די מועבלעריא, ווי דו ווייסט, האב איך געמוזט אפלאזן, און קיין נייע געשעפטן פארלויפיק ווייזן זיך ניט. און לעבן דארף מען דערווייל, איז ניט גוט. און פון די קינדער האב איך אויך קיין נחת ניט... יענע איז זיך צעגאנגען מיטן מאן, און די קלענערע איז קראנק. הכלל, ס'איז ניט אמבעסטן. (זעצט זיך אוועק קעגנאיבער ביים טיש).

לעאן — און מיגעל וואס טוט? ער האט שוין עפעס א שטעלע?

גלאסקין — וואס פאר אַ שטעלע? ווער וועט עם האלטן אזא יונג, וואס איז ווי א ווינט אין פעלד?.. אט איז שוין פון עטלעכע טעג, אז איך זע אים ניט אין די אויגן. ער קומט אפילו ניט נעכטיקן... שלייעט זיך ארום מיט די קאמפאדרעס.

הינדע — הערסט ,אברהם, מע וואלט באדארפט ערגעץ אנפרעגן, צי

דורך א צייטונג, צו דורך דער קאָמיסאַריע. דער מוח קערט זיך מיר איבער פאַר יסורים... ווער ווייסט, וואו ער איז ערגעץ?..
(זיפצט שווער) אוי, ווי מיר! אַזעלכע צרות, פון יעדערן באַזונדער...

גלאַסקין — האָב קיין מורא ניט, ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן; דאָס שוואַרץ־יאָר האָט אים ניט גענומען...

הינדע — (זיפצט) כ'וואָלט שוין גערן, ער זאָל קומען. (צום זון) דו האָסט מן הסתם נאָך גאָר ניט געטרונקען, לעאָן. איך וועל גיין צוגרייטן טיי. (גייט אין צווייטן צימער).

גלאַסקין — וואָס הערט זיך דאָרט ביי דיר, לעאָן ווי גייט דיר אין דיין קליענטעלע?

לעאָן — (זיפצט) אַך, פרעג בעסער ניט, טאַטע. איך בין שוין אויס קוענטעניק. אויס קליענטעלע...

גלאַסקין — (ווי דערשטוינט) וואָס הייסט — אויס קוענטעניק? וואָסזשע, האָסט איבערגעגעבן די קליענטעלע?

לעאָן — איך האָב ניט געהאַט וואָס איבערצוגעבן... דו ווייסט דאָך, טאַטע, אַז ווען איך בין געקומען קיין טשילע, האָב איך קיין אייגענעם קאַפּיטאַל ניט געהאַט און האָב געמוזט נעמען אַליין דאָס פּעקל און ווערן א „קלאַפּער". עס האָט געדויערט א שטיקל צייט, ביז איך האָב מיר דערוואָרבן א ביסל געלט און קרעדיט און אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר זיך, און עס איז געגאַנגען גוט. איך האָב גענומען סחורה אויף די גרעסטע סומעס. און קליענטן האָב איך געהאַט גענוג. זיי האָבן געצאָלט, ביז עס איז אונטערגעלאָפן א שלעכט שטיקל צייט, די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט אויפגעהערט צו צאָלן. און אין די געשעפטן האָב איך געמוזט צאָלן. נו, פאַרשטייסטו דאָך, אַז איך בין געבליבן דערונטער...

גלאַסקין — אויף א סך דערונטער?

לעאָן — (זיפצט) אַ, ווען דאָס וואָלט כאָטש געווען מיין אייגן געלט, וואָלט מיך ניט אַזוי געאַרט... אָבער איך האָב נאָך באַדאַרפט דערלייגן פּרעמיעס... כ'האָב מיר קוים געלאָזט אויף א בילעט, און געמוזט ביינאַכט אַוועק, איבערלאָזנדיק די גאַנצע שטוב אויף הפקר... (א קורצע פּויזע).

גלאַסקין — געדענקסט, לעאָן, כ'האָב דיר געזאָגט, אַז מען קען קיין

חכם ניט זיין... יאַ, דו זאָגסט פּרעמד געלט; וועמענס געלט? אפשר סחורה מיינסטו?!

לעאָן — ניין, טאַטע, מזומן געלט! ווייסט נאָך, וואָס פאַר אַ געלט? אָרעם געלט! פון דער תלמוד־תורה.

גלאָסקין — תלמוד־תורה געלט! (בלייבט זיצן ווי צעטומעלט).

לעאָן — סי, איך בין געווען קאַסירער די גאַנצע צייט, און ווען ס'איז אַמאָל אונטערגעלאָפן דער טערמין פון עטלעכע צאָלונגען, און כ'האָב ניט געהאַט מיט וואָס, ס'איז אויסגעקומען אַזוי — אַז איך האָב אַנדערש ניט געקענט...

גלאָסקין — (רייבט זיך די שלייפן) צרות פון אָרום און אָרום! וואָס הייבט מען אָן צו טון! וואָס הייבט מען אָן צו טון? (שפּאַצירט אַרום דערשלאָגן).

לעאָן — ווען איך וואָלט געהאַט וואו צו קריגן דערווייל כאָטש אַ טויזנט פּעזעס — וואָלט איך מיך געקענט אפשר אַדורכדרייען, אָפּצאָלן לכל הפּחות כאָטש דאָס אָרעמע געלט. (גלאָסקין שפּאַנט אַרום).

(ס'קומט אַריין: הינדע, סימע. הינדע טראָגט צוויי גלעזער טיי.)

סימע — אַ, לעאָן! קאַמאָ טע וואַ? (גריסן זיך)

לעאָן — גראַסיאַס, כ'בין זיך דורכגעפאָרן קיין ב. איירעס, כ'האָב אָפּ־געלאָזט די קוענטע — דענק איך איצט זיך צו עפּעס אַנדערש נעמען. און וואָס מאַכסטו? זיצסט נאָך אַלץ ביים טאַטן? דער טאַ־טע האָט דאָך מיר געשריבן, אַז סאַמועל וויל זיך איבערבעטן.

סימע — סי, מיר האָבן דערהאַלטן אַ בריוו פון אים, נאָר דערווייל איז גאָר ניט געוואָרן. וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך אין טשילע?

לעאָן — גראַסיאַס, מע לעבט ווי דאָ אין ב. איירעס. אַמאָל בעסער, און אַמאָל ערגער. מיר האָט זיך ביז דאָ ניט לאַנג אויך ניט שלעכט געלעבט, נאָר איצט איז גאָר ניט אַמבעסטן. וואָלט כאָטש ביי אייך די צייט זיין אַ ביסל בעסער...

(גלאָסקין, וואָס האָט ביז איצט אַרומגעשפּאַנט גייט צו נענטער צו לעאָנען)

גלאָסקין — הער אויס, לעאָן, מילאָ, פאַר די מאַזשאָריסטן וואָס דו ביסט שולדיק — אַרט מיך ווייניק, זיי קענען צו וואַרטן, נאָר אַט דאָס אָרעמע תלמוד־תורה־געלט, דו הערסט, איך וועל פאַרקויפן פון שטוב וואָס איך וועל קענען — און דיר געבן אויף אויסצוקערן.

סימע — נאַ, צו וואָס דאַרפסטו פאַרקויפן פון שטוב? פּאַפּאַ, איך האָב

אפגעשפּארט עטלעכע הונדערט פֿעזעס פֿונם שפּילן, איך קען אויסלייען לעאָנען, ווען ס'וועט אים ווערן אביסל בעסער די צייט — וועט ער מיר אפּגעבן. (צו לעאָנען) אויב דו דאַרפֿסט שטאַרק נויטיק, קען איך דיר שוין געבן. (אָפּ).

(מען קלאַפּט אין טיר)

גלאַסקין — פּאַסע!

הינדע — (גייט צו דער טיר, דערזעט סאַמועלן) אַ, סאַמועל!

סאַמועל — (קאַנטיק ווי ער וואָלט זיין עטוואָס צעטומעלט) בוען־דיאַ!

(גריסט זיך פֿריינטלעך מיט אַלע).

גלאַסקין — (פֿריינטלעך) בוען דיאַ! וואָס זשע מאַכסטו עפּעס, סאַ־מועל? דו האָסט אונדז געשריבן, דו וועסט צוקומען. מיר האָבן געוואַרט פֿון טאָג צו טאָג, דו ביסט די גאַנצע צייט געווען דאָ, אין ב. איירעס? זיץ סאַמועל! רוקט צו אַ שטול פֿון זיינעט וועגן).

סאַמועל — (זעצט זיך אַוועק) גראַסיאַס. איך בין געווען ביי די על־טערן אין דער פּראָווינץ — האָבן זיי מיך דאָרט פֿאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג. וואו איז סאָפֿיע?

גלאַסקין — זי איז דאָ ביי אונדז. זי האָט אויך דיין בריוו געלייענט (צום ווייב) שיק אריין סימען.

הינדע — אָט וועל איך זי ארייִנשיקן. וועסט אפֿשר טרינקען טיי, סאַ־מועל? וויל איך אריינברענגען. (גייט אַוועק).

סאַמועל — גראַסיאַס, כ'גיי נאָר וואָס פֿון טיי.

סימע — קומט אריין (באַטראַכט סאַמועלן מיט צעשראָקענע אויגן).

סאַמועל — (מיט אַ היימלעכן טאָן) בוען דיאַ, סאָפֿיאַ!

סימע — בוען־דיאַ! (בלייבט שטיין מיטן רענצל פֿון וואַנען זי האָט געוואָלט געלט ארויסנעמען).

סאַמועל — וואָס ביסטו געבליבן פֿון ווייטן, סאָפֿיאַ? קום נענטער! אָדער אפֿשר איז דיר ניט אַנגענעם מיין קומען? — דאָן...

סימע — נאַ, אדרבא. (גייט צו און גריסט זיך פֿריינטלעך).

גלאַסקין — (רופֿט לעאָן אַז אַ זייט) וועגן דעם, וואָס מיר האָבן פֿריער גערעדט, לעאָן — איז מיר איינגעפֿאַלן אַ גוטער פּלאַן!.. (גייען אַוועק צוזאַמען).

לעאָן — וואָס פֿאַר אַ פּלאַן?

גלאַסקין — (גייט צו נענטער צו סאַמועלן) אַנטשולדיק, סאַמועל, איך

וויל נאר זאגן לעאנען א פּאר ווערטער — און קום באלד צוריק.
(גייט מיט לעאָנען אין צווייטן צימער).

סאמועל — (זעצט זיך אוועק קעגנאיבער סימען) וואס זשע מאכסטו עפּעס, סאפיא? כ׳האב געהערט ביסט געווארן א פיאנע־לערערין. ווי גייט עס דיר מיט דיינע לעקציאנען?

סימע — גראסיאס. מיין פּראפעסיע קומט מיר זייער גוט צו־נוץ, איבער־הויפּט איצט — ווען דעם פּאפּא איז די צייט ניט אמבעסטן.

סאמועל — הער אוים, סאפיא, דער פּאפּא האט מיר געזאגט, אז דו האסט מיין בריוו געלעזן, וויסטו געוויס שוין צוליב וואס איך בין געקומען...

סימע — דער פּאפּא האט דאך דיר געענטפערט, אז דו מעגסט קומען.
(זעצט זיך אוועק קעגנאיבער סאמועלן).

סאמועל — איך האב געוואלט קומען וואס פריער, נאר עס זענען געווען סיבות, וואס האבן מיך אפּגעהאלטן. הער אוים, סאפיא, פריער פאר אלץ וויל איך דיר בעטן אנטשולדיקונג פאר דעם — וואס צווישן אונדז איז פארגעקומען. איך אנערקען, אז דאס איז געווען א גרויסער פעלער פון מיין זייט — וואס איז בין געווען אזוי לייכטזיניק... איך בין געקומען צו דיר, ניט צו ריידן וועגן אונדזער פארגאנגנהייט, נאר וועגן אונדזער צוקונפט...

סימע — וואס קען איך דיר זאגן? עס איז ניט וויכטיק דאס צוזאמענ־קומען — וויכטיק איז דאס צוזאמענלעבן... (לאזט אראפּ די ברעמען).

סאמועל — איצט, גלויב איך, קענען מיר ריידן פריי. איך זאל דיר אלץ דערציילן, וואס איך האב איבערגעלעבט דורך דער גאנצער צייט, דענק איך, איז צופיל... נאר איינס קען איך דיר זאגן — אז פון יענעם טאג אן, ווען מיר האבן זיך צעשיידט, האב איך ניט אויפגעהערט צו טראכטן וועגן דיר, סאפיע. איך האב מיך ענדלעך באשלאסן צו גיין צו דיר און דיך בעטן אנטשולדיקונג. און שטעל דיר פאר, אז פּונקט אין דער לעצטער צייט, ווען איך בין אפּ־געפארן פון מיינע עלטערן קיין בוענאס איירעס, האב איך מיך אנגעהויבן נאכצופרעגן וועגן דיר, ווי אזוי דו לעבסט... (שווייגט א ווײַלע) ווע‎סט מיר גלויבן, סאפיע, אז צו מיר האבן זיך דער־טראגן אזעלכע אומאנגענעמענע קלאנגען, וואס האבן מיין מוח

פארטומלט און האבן ווי שווערע שטיינער מיין הארץ געדריקט...
און דאך — דאך האב איך באשלאסן צו קומען צו דיר און מיט דיר אליין איבעררײדן... ווייל איך לייג ווייניק אכט אויף דעם אלעמען, וואס איך האב געהערט...

סימע — (שווייגט א ווילע, אטעמט שווער אפ, קענטיק ווי זי וואלט זיך וועלן אננעמען מיט מוט) אויב דו ביסט נאך אזוי פיל צייט געקומען אהער, סאמועל, גלויב איך, אז דו וועסט מיר זאגן דעם אמת, וואס אזעלכעס האסטו וועגן מיר געהערט?

סאמועל — (ווי אים וואלט זיין שווער ארויסצוריידן) נו, מען האט מיר דערציילט, אז דו פירסט זיך ארום מיט אומאנשטענדיקע חברטעס, און מע האט דיך געזען אריינקומען אין אייניקע פאר־דעכטיקע פלעצער — וואו ס'קומען זיך צונויף מוזיקאנטן און אר־טיסטן פון אלערליי קלאסן. נו, דאס איז אלץ, און וואס זאגסט דו צו דעם, סאפיע?

סימע — (ווי זי וואלט זיך האבן אויף עפעס באשלאסן, רעדט דרייסט ארוים) שטעל דיר פאר — אז ווען דאס זאל ווירקלעך אזוי זיין, אז...

סאמועל — (ציטערט אויף) דאס אלץ איז אמת! הייסט עס, דו באַ־שטעטיקסט עס?!

סימע — (שטייט א ווילע ווי אין פארלעגנהייט, קענטיק ווי זי וואלט קעמפן מיט זיך. נאכדעם טוט זי א שאקל מיטן קאפ. רעדט שטיל ארוים) סי! אזוי איז עס... (זי ציטערט פאר אויפרעגונג, ווערט וואס אמאל בלאסער).

סאמועל — (ווי ער וואלט נאך אלץ געצווייפלט) אבער רעד דייטלעכער, סאפיע! (באמערקט ווי זי ציטערט) א, דו ציטערסט? ענטפערסט ניט... ווי דאס וואלט ווירקלעך געווען א... (ער הויבט זיך אויף, פארשפילעט דעם ראק, ווי ער וואלט זיך קלויבן אוועקגיין).

סימע — (ווי עס וואלט זי געפייניקט א פארבארגענער חרטה־געפיל, גייט צו נענטער צו אים, רעדט מיט א ציטערדיקער שטים) הער מיך אוים, סאמועל — איידער דו גייסט אוועק. ס'קען דאך זיין, אז מיר זאלן זיך מער ניט זען... דו האסט פארלאנגט — איך זאל דיר ענטפערן, דיר זאגן דעם אמת, סי, איך וויל ניט פארבארגן פון דיר, איך וואלט געקענט פון דיר פארלייקענען — און זאגן,

אַז אַלץ איז ליגן... איך וואָלט מיך געקענט באַרעכטיקן — ווי אַנדערע פּרוּוען. אָבער ניין! איך וויל, אַז דו זאָלסט אַלץ וויסן! איך בין געקומען צו אַזאַ לעבן דערפאַר — ווייל איך בין געווען עלנט און פאַרלאָזט; איך האָב געבענקט נאָך ליבע, און האָב גע־קעמפט מיט זיך אַ לאַנגע צייט. אָבער איך האָב מיך אַליין ניט געקענט ווידערשטיין... עס איז ניט מיין שולד אין דעם, נאָר די — וואָס האָבן מיך דערצו געשטויסן, די — וואָס האָבן מיך צו דעם געבראַכט...

ס אַ מ ו ע ל — נאַ, סאַפיע, נאַ, צו וואָס אַרויפוואַרפן די שולד אויף אַנדע־רע... דיך האָט פּשוט געצויגן צום לוקסוס און צו דיינע קאַמפּאַ־ניעראַס וואָס לעבן אין אויסגעלאַסנקייט. עס טוט מיר זייער לייד, איך האָב עס ניט דערוואַרט, איך האָב ווירקלעך געדענקט מיר זאָלן אָנהויבן פירן אַ פרידלעך לעבן, נאָר איצט קען עס מער ניט זיין... אַדיאָס, סאַפיע! (אָפּ. פּויזע).

(סימע פאַלט אויף דער סאָפע — מיטן קאָפּ אין ביידע הענט איינ־געגראָבן. עס קומט אַריין: גלאַסקין, הינדע, לעאָן, אַניטאַ. פון וויטן).

ג ל אַ ס ק י ן — (צו סימען) דו האָסט אים פאַרטריבן! האָ? ער איז גע־קומען זיך מיט דיר איבערבעטן, און דו האָסט אים פאַרטריבן! (קוקט אויף איר מיט צאָרן).

ס י מ ע — (מיט ווייטיק) סי... איך האָב אים פאַרטריבן. (אָטעמט שווער).

ג ל אַ ס ק י ן — (פאַרצווייפלט) און וואָס וועט איצטער זיין? וואָס וועט איצטער זיין!? — פרעג איך.

ס י מ ע — גאָר ניט... וואָס זאָל זיין? איך קען אויסקומען אָן אים אויך... איך וועל האָבן פון וואַנען צו לעבן... און ניט דאַרפן זיין פאַרקויפט צו קיינעם. (נעמט דאָס רענצל צו לעאָנען) לעאָן, וויפיל דאַרפסטו דערווייל? נאַ, דאָ האָסטו אַכט הונדערט פּעזעס, אויב דו וועסט דאַרפן מער — וועל איך דיר נאָך געבן. (גיט אים דאָס געלט).

ג ל אַ ס ק י ן — נעם ניט דאָס געלט, לעאָן; נעם ניט! (מיט כעס) דאָס איז טמא געלט... פאַר אַ תלמוד־תורה. (כאַפּט צו ביי אים, וואַרפט איר אין פּנים) נאַ, דו אויסגעלאַסענע!..

(מיגעל פאַלט אַריין שיכור, די האָר צעשויבערט, דער הוט שמוציק)

מיגעל — (ביי דער טיר) בוענאָס דיאַס! (אַלע צעשראָקן).

גלאַסקין — ווער איז דאָס? דאָס איז מיגעל? איך דערקען אים גאָר ניט... קוקט אַן ווי ער פאַלט פון די פיס!

מיגעל — (שיכור) פּאַפּאַ, איך בין פריי! פּאַפּאַ! מיר זענען ביידע פריי... איך מיט מיין קאַמפּאַניעראַ!

הינדע — ווי איז מיר! זע נאָר ווי דו זעסט אויס! מיגעל, וואו ביסטו עס געווען? ווי איז מיר!

מיגעל — מאַמאַ, פרעג בעסער ניט וואו איך בין געווען... אַך, איך בין פריי... נו, האָבן מיר אויסגעטרונקען אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער, איך מיט מיין קאַמפּאַניערא. מיר האָבן זיך איבערגעבעטן — אי באַסטאַ. וואָס איז אַזוינס? (דערזעט לעאָנען) אַ, לעאָן! קאָמאָ טע וואַ? לאָמיר זיך צוקושן (וויל אים קושן).

לעאָן — גיי, האָסט זיך אָנגעשיכורט ווי אַ בעסטיע! שעם זיך כאָטש פאַר די עלטערן! (לעאָן שטויסט אים אָפּ פון זיך).

גלאַסקין — (כאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביים קאָפּ) ווי! וואָס עס איז געוואָרן פון מיין שטוב! פון מיין פאַמיליע, פון דעם וואָס איך האָב תמיד געווייכט — האָב איך היינט ביי זיך אין הויז!.. וואוהין זאָל איך אוועק — אַז מיינע אויגן זאָלן דאָס ניט זען. וואוהין! (עס קומט אַן דער אַלטער נחמן, גלאַסקין ווענדט זיך צו אים אין פאַרצווייפלונג) אַט זעט, שווער! וואָס פאַר אַ תכלית עס איז גע־וואָרן פון מיינע קינדער! (פאַלט צום טיש און וויינט).

פאָרהאַנג

בוענאָס איירעס, 1921.

פֿאַמיליען-גליק

אַ קאָטאַװעס אין איין אַקט פֿון יידיש אַרגענטינישן לעבן.

פערזאָנען:

א י ס א ק פ ר ע נ ק — א שניט־קרעמער.

ס א ר א — זיין פרוי.

ג ר א ו ע ר — א לערער פון פיאנא און פידל.

מ א ר י א — א דינסט.

ציים — ג ע ג נ װ א ר ט.　　　　　ארט — בוענאס איירעס

סצענע:

א רייכמעבלירטע סאלע, אין הינטערגרונט צוויי פענצטער אין גאס אריין, פארהאנגען מיט לאנגע ראשיקע פארהאנגען, צווישן זיי א פיאנא. אויבן ליגן איניקע נאטנביכער. אין דער לינקער זייט א טיר, וואו מען קומט אן; אין דער רעכטער — צוויי טירן פון די אינערלעכע צימערן. אויף די ווענט הענגען גרויסע פאטאגראפישע און אויך פארשיידענע אויל־ביל־דער. אין מיטן סאלא — א טיש, ארום אים — איניקע שטולן; איבער אים הענגט א גרויסע עלעקטרישע לוסטרע; צווישן ביידע טירן רעכטס — א גרויסער שפיגל, איינגעפאסט אין א באגאלדעטער ראם: אונטער אים שטייט א טואלעטן טישל, אויף דעם זענען אנגעשטעלט פארשידענע לוק־סוס זאכן.

אוונט. דער זייגער ווייזט נאך ניין. סארא, א יונגע חנעוודיקע פרוי מיט מונטערע באוועגונגען, אנגעטון אין א רייכן ווייזיט קלייד, גייט אום איבערן צימער. אלע ווײַלע גייט זי צו צום שפיגל, שטעלט זיך אפ און פארגלייכט זיך די האר, לייגט אוים גלייך די גאלדענע קייט אויף איר האלדז; נאכער נעמט זי די הענדטשקעס פון טואלעטן טישל, טוט זיין אן. די דינסט קומט אריין, אן עלטערע פרוי אין א ווייסן באטאן און ווייסן טשיפעק אויפן קאפ. זי שטייט פון וויטן, קוקט נאך סאראס באוועגונגען.

סארא — (גייט צו צום פענצטער, בויגט זיך אריבער. קוקט ארוים א ווײַלע, קערט זיך אום, דערזעענדיק די דינסט, רעדט ארוים): נאך נישטא! גייט אוועק און פארגעסט צו קומען. (קוקט אויפן זייגער), א, שוין נאך ניין, מיר דאכט, כ׳וועל שוין היינט ווידער בלייבן אין דער היים... בלייבט שטיין א ווײַלע פארטראכט, ברויזט אויף, רייסט אראפ די הענטשקעס פון זיך, און ווארפט זיי אויפן טואלעטן טישל מיט כעס) נא, אוים טעאטער! (ווארפט זיך אויף א שטול, פארדעקט דאס פנים מיט ביידע הענט).

(מען הערט קלינגען. די דינסט גייט עפענען, רופט אינדרויסן פאסע, סעניאר! (עס קומט אריין גראוועך, א יונגערמאן פון א יאר דרייסיק, עלע־גאנט געקליידעט, טראגט לאנגע האר; אין האנט — א קינסטלעריש־גע־שניצטן שטעקן און א נאטן בוך.

גראוועד: — (פארנייגט זיך מיט א היימישן שמייכל). בוענאס נאטשעס!

סארא: — (מיט צופרידנהייט) א, סעניאר גראוועד, בוענאס נאטשעס! (גריסן זיך).

גראוועד: — (קוקט זיך ארום) איר זענט אליין, סארא, וואו איז איסאק?

סארא: — ער איז נאך נישטא. (זוכט צו באהאלטן איר אויפרעגונג). זיצט, סעניאר גראוועד.

גראוועד: — גראסיאס! (זעצט זיך אוועק, באמערקט ווי סארא איז אנגעטון יום טוב'דיק) — דיסקולפא, סארא: ווייזט אויס, איר האלט ביים אוועקגיין? איך האב אייך געשטערט?

סארא: — נא אימפארטא, מיר האבן גערעכנט צו גיין, איז איסאק אוועקגעגאנגען זיך אפראזירן און פארגעסן צו קומען (אין א ווײַלע ארום) שוין קיין נײַעס ניט ביי מיר. (זעצט זיך).

גראוועד: — איך זע, איר זענט עפעס אויפגערעגט, סארא, עפעס רעדט איר מיט אזא טאן —

סארא: — מן הסתם האב איך א מאטיוו... (אין א ווײַלע ארום מיט א אנגסטלעכן געלעכטער) איר ווייסט ניט, אז מיר גיין היינט אין טעאטער? (זיצט קעגן אים און שמייכלט).

גראוועד: — נייז, כ'ווייס ניט. איך זע, ווי איר זיצט דא אויפן בענקל, סארא, און ווארפט זיך, ווי אונטער אייך וואלטן הייסע קוילן געלעגן... (באטראכט זי און שמייכלט גוטמוטיק. נעמט ארויס א סיגארעט און פאררויכערט).

סארא: — (פאר זיך) כ'ווארף מיך, ס'וואלט שוין געמעגט ווארפן אים... (צו גראוועד'ן) א מענטש הויבט זיך אויף, און זאגט ער גייט צו אויף א מאמענט זיך אפראזירן, הייסט זיך מיך אנטון, און פארטיק מאכן צום גיין. מען גיט היינט, זאגט ער „דאס פאמיליענגליק". כ'זיץ און ווארט, כ'הער ניט, כ'זע ניט, ווי דער טייוול וואלט אים אויסגעכאפט. שוין אריבער א שעה און ער איז נישטא.

גראוועד: — ע, ער וועט נעווים באלד אנקומען, ערגערט אייך ניט, סארא.

סארא: — איר מיינט ס'איז דאס ערשטע מאל. אט אזוי האב איך

שטענדיק, ווען ס'קומט אים אן דאס משוגעת, הייסט ער זיך מיר אנטון, און ער, — הויבט זיך אויף, אויף איין מינוט, אויף איין מינוט, זאגט ער, גייט אוועק און פארגעסט צו קומען.

גראוועה: — (ווילנדיק זי באַרואיקן) איר דאַרפט דאך וויסן, אז אין פּעלוקעריא *) איז ער ניט איינער (אוועקמאַכנד) ע, נאַ וואַלע לאַ פּענאַ. **) זיך אזוי פיל צו ערגערן. וואו זענען בעסער אייערע צוויי קליינע באַנדיטן? איך וויל הערן, צו זיי קענען דעם „לעקציאָן".

סאַראַ: — זיי זענען דאָרטן מיט דער דינסט אין אנדערן צימער, כ'האָב איר געהייסן זיי אנטון, (רופט) מאַריאַ!

די דינסט: — (קומט אריין) פּאַטראָנאַ, די קינדער זענען שוין אָנגעטון, זיי איך אריינשיקן?

סאַראַ: — ניין, נעם די קינדער און גיי מיט זיי ארוים אין פּלאַסע, וועסט דאָרט מיט זיי פאַרברענגען אַביסל, נאַ דיר געלט, וועסט זיי עפּעס קויפן. (גיט איר געלט, די דינסט אַפּ).

גראוועה: — וועלן זיי שוין היינט ניט לערנען? און איר אויך נישט?

סאַראַ: — ניין, זאָל זיין אויף אן אנדערס מאָל. איך וויל ניט, אז די קינדער זאָלן דאָ זיין, ווען ער וועט קומען... (צו גראוועה'ן) איר וועט אפשר טרינקען טיי, סעניאָר? אט וועל איך הייסן אריינברענגען. ס'איז דאָ פּאַרטיקע, (גייט אַפּ אין אנדערן צימער, ברענגט אריין אַ טאַץ מיט צוויי גלעזער טיי און אַ פּלאַש ראָם, גיסט אן, דערלאַנגט גראוועה'ן) סירוואַסע, סעניאָר!

גראוועה: — גראַסיאַס! כ'פאַרשטיי ניט, צו וואס איז אמת'ן דאַרפט איר זיך אזוי ערגערן, סאַראַ, איבער אזאַ קלייניקייט? (טרינקט).

סאַראַ: — אַ קלייניקייט צו ניין. ער וועט מיך מער ניט נאַרן... טרינקט סעניאָר, (פאַר זיך) יאָ, היינט, מוז עס אַן ענדע נעמען... איך קען ניט, איך קען ניט מער... מיך אזוי נאַרן! מיך אזוי נאַרן!

גראוועה: — מעגלעך אז ער איז גאָרניט אזוי פיל שולדיק, ווי איר מיינט.

סאַראַ: — (נעמט אנגיסן ראָם פון פּלאַש) גלויבט מיר, אז איך ווייס

---

*) פריזירעריי. **) ס'לוינט נישט.

וואס איך רייד, איר מיינט, איך קען אים ניט? א, איך קען אים שוין צו גוט! אט אזוי איז ער. פון זינט איך האב אים דערקענט, האב איך שטענדיק אזעלכע ווייטיקן. (רוקט צו אים ס'גלאז) טרינקט, סעניאר! אבער מער וועט עס ניט זיין. נייז, זאל ער ניט מיינען, אז איך בין עפעס א מידעלע זיינס. ער וועט זיך שפילן מיט מיר, — און מיך נארן... גענוג!

ג ר א ו ו ע ר : — (ווי ער וואלט וועלן פארענדערן דאס געשפרעך) באסטא, סארא! כ'לעבן, איר ערגערט אייך צופיל, און ווידער, ס'קען גראדע זיין, אז ער זאמט זיך וועגן עפעס א וויכטיקע זאך.

ס א ר א : — יא, ער האט שטענדיק וויכטיקע זאכן, איך קען שוין זיינע וויכטיקייטן. ס'איז מיר ניט דאס ערשטע מאל, ער גייט אמאל אוועק, און זאמט זיך אפ ביז האלבער נאכט. איך זיץ דא אליין. די קינדער ווילן שלאפן, און איך זיץ און ווארט אויף אים, און ווען ער קומט צוגיין, האט ער פארשידענע ליגנס מיט תרוצים, ער איז געווען דא, ער איז געווען דארט, א כלל ס'הויבט זיך גארניט אן. דער סוף לאזט זיך אויס, קומט צוגיין אונדזער רעפארטער און דערציילט מיר, אז ער האט אים געזען זיצן ביי חואניטא'ן און האט געשפילט אין קארטן. נו, פרעג איך אייך, איז עס גוט צו הערן?

ג ר א ו ו ע ר : — (שטעלט אוועק די גלאז), גראסיאס! הערט איר, סארא, אט דער רעפארטער, דער באקאנטער אייערער, וואס קומט צו אייך, געפעלט מיר עפעס ניט... מיר דאכט ער קומט נאר, אויף אנצופירן בארוזשעס... ניט מער. ס'וואלט גלייכער געווען, איר זאלט זיין מיט אים פון וווייטן...

ס א ר א : — א, וואס רעדט איר, סעניאר, דאס איז איינער פון אונדזערע נאענטע באקאנטע, ער איז א אינטעליגענט, מיר קענען אים שוין ניט פון איצט, ער איז ביי אונדז אין שטוב כמעט ווי א אייגענער.

ג ר א ו ו ע ר : — טאקע ווייל אזוי, אן אייגענער קען אמאל אנארבעטן מער בארוזשא ווי א פרעמדער.

ס א ר א : — וואס ווייסן פרעמדע? ווען איר וואלט דא זיין מיט איסאקן באטש איין טאג, און זען ווי ער שטייט אויף דער טיר, דאן וואלט איר געוואוסט... דאס איז ווען איך בין דא, און היינט ווען איך בין ניטא...

גראוווער: — נאַטירלעך, ווען מען האַלט אַ געשעפט, מוז מען אַפּט שטיין אויף דער טיר.

סאַראַ: — סי סעניאָר! אָבער ניט דאָס מיין איך... (רוקט צו נענטער איר שטול צו אים) ס׳אַרט מיר וואָס ער שטייט אויף דער טיר? — אָבער קיין איין שיינע פרוי לאָזט ער נישט דורך. ער זאָל איר ניט נאָכקוקן... קיין איין שיין מיידל לאָזט ער נישט פאַרבייגיין, ער זאָל איר נישט נאָכציסקן און איר מאַכן קאָמפּלימענטן, מיר אין די אויגן. און קומט צו עפּעס, אייפּערט ער מיך נאָך, ער וואָגט נאָך מיר צו אייפּערן.

גראוווער: — זאָל ער אייפּערן, וואָס דאַרף עס אייך אַרן?

סאַראַ: — (פאַר זיך) וואָס ס׳דאַרף מיך אַרן? אָבער שטעלט אייך פאָר, ווען איך זאָל אַזוי ווי ער, מיך אוועקשטעלן אויף דער טיר נאָכקוקן יעדן יונגנמאַן וואָס גייט דורך. יאָ, עס גייען דאָך פאַר־ביי אַזוי פיל שיינע יונגעלייט, וואָס זייערער אַ פּוס איז שענער פאַר אים אינגאַנצן.

גראוווער — (שיסט אויס אַ געלעכטער) כאַ, כאַ, כאַ!

סאַראַ: — (קוקט אים אָן) וואָס לאַכט איר, סעניאָר?

גראוווער: — איך לאַך, ווי אייך איז עפּעס איינגעפאַלן: — זייערער אַ פּוס.

סאַראַ: — (ניט מערקנדיק) מן הסתם אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג. נו, שטעלט אייך פאָר, ווען איך זאָל מיך אוועקשטעלן און ווייזן אויף יעדן איינעם: זע נאָר וואָס פאַר אַ שיינע אויגן דער האָט, אָדער וואָס פאַר אַ שוואַרצע וואָנצעס יענער טראָגט. — נו, פרעג איך אייך, וואָלט עס אים געפעלן? איר פאַרשטייט? ניט גע־נוג וואָס ער טוט עס, רייצט ער זיך נאָך...

גראוווער: — (אומגעדולדיק) ע, אָבער איר מאַכט פון דעם מער ווי עס איז, סאַראַ.

סאַראַ: — מער ווי עס איז? גלויבט מיר, סעניאָר, אַז ס׳איז נאָך קיין טראָפּן ניט, פון דעם וואָס איך לעב איבער... יאָ, איר זייט דאָך אַ היימישער! פאַר קיין אַנדערן וואָלט איך געוויס ניט דערציילט דאָס וואָס פאַר אייך, ווען איר ווייסט, וואו ער גייט אַרום דורך די נעכט...

גראַוועֶר: — פון וואַנען זאָל איך עס וויסן.

סאַראַ: — (מיט אַ קוויטש) אין קאַסינאָ! (אויסציענדיק ס'וואָרט) אין קאַ—סי—נאָ. נו, ווי געפעלט עס אייך.

גראַוועֶר: — געוויס האָט עס מיר נישט וואָס צו געפעלן, אָבער נאָך מער פאַרדריסט מיר אויפן רעפּאָרטער אויף אייערן. איך האָב אַמאָל אַזאַ רעפּאָרטער פּשוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן.

סאַראַ: — (פאַרוואונדערט) אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן! פאַר־וואָס איז?

גראַוועֶר: — ס'איז שוין געווען פאַרוואָס. פאַר זיין שיינער קריטיק וואָס ער האָט געשריבן וועגן מיינעם אַ קאָנצערט. איך קען זיי שוין די רעפּאָרטערס. זעט איר, סאַראַ, ווען ניט ער, וואָלט איר איצט זיך פאַרשפּאָרט צו ערגערן.

סאַראַ: — ניין, ניין, ס'איז בעסער אַזוי, בעסער. לאָמיך כאָטש וויסן, וואו ער וואַלגערט זיך אַרום, און אויף וועמען ער האָט מיך אויס־געביטן...

גראַוועֶר: — (קוקט איר אין די אויגן) ביי דער געלעגנהייט, סאַראַ, וויל איך מיר ערלויבן צו זאָגן דעם אמת, אַז איר האָט אַמאָל אין באַצוג צו אַנדערע אויך אפשר געפעלט, כאָטש יענער האָט אייך ווירקלעך געליבט... און דאָך...

סאַראַ: — (פילנדיק זיך ווי געטראָפן) און דאָך, ווילט איר זאָגן, האָב איך חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, סי, אָבער גלויבט מיר אַז אין דעם זיינען מער שולדיק די עלטערן. צי ווייסט איר עס דען נישט, אַז מיינע עלטערן האָבן געזוכט אַ רייכן געשעפטס מאַן. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס איז מיר נאָכ־געלאָפן און שיעור ניט משוגע געוואָרן. נאָר זיי האָבן זיך אָנגע־כאַפּט, אַ שמאַלץ גרוב, „פאַמיליענגליק". נו, אַט האָט איר אייך. דאָס האָב איך זיי צו פאַרדאַנקען, ס'פאַמיליענגליק...

גראַוועֶר: — נאַ, סאַראַ, צו וואָס אַרויפלייגן אויף די עלטערן? זאָגט בעסער, אַז איר אַליין האָט געטרוימט וועגן רייכע סאַלאָנען, נאָך מיידלווייז. צי האָב איך עס דען אַליין נישט פאַרשטאַנען? נאָך אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב מיך אייך ערקלערט... דיסקול־פּע, סאַראַ, פאַר מיין פריהאַלטן.

ס א ר א : — (שמייכלט ווי אין א זיסע עראינערונג). ב'האָב ווענן א סך זאכן געטרוימט, אָבער...

ג ר א ו ו ע ר : — (זעצט פאָרט) ווער איז שולדיק, ווען אייך האָט זיך פארוואָלט אויסבייטן אָן אָרימען מוזיק פּראָפעסאָר אויף אַ רייכן שניט־קרעמער! דיסקולפּע, סאָראָ, וואָס איך דריק מיך אזוי אויס, אָבער ס'איז פאָרט אזוי, איך וויל זיין אָפנהאַרציק...

ס א ר א : — אָבער ווער האָט עס געקענט ווויסן, איך בין נאָך דעמאָלט געווען אזוי יונג און אומערפאַרן... ב'האָב אליין נישט געוואוסט קיין אונטערשיד.

ג ר א ו ו ע ר : — יאָ, דאָס מוז מען צוגעבן, סאָראָ, (שמייכלט איינגע־האַלטן), איך דערמאָן מיך נאָך איצט, ווי איר פלעגט זיך עם שעמען, רויט ווערנדיק ביי יעדן קוש ביי אונדזער געזעגענען זיך אויפן וועג פון קאָנסערוואַטאָריום.

ס א ר א : — (שעמעוודיק), אַ, ווי איר געדענקט עס אזוי, ס'ליגט אייך גוט אין טעם...

ג ר א ו ו ע ר : — פאַרוואָס זאָל איך ניט געדענקען? אָבער זאָגט איר אליין, סאָראָ, צי האָט מיר דען דאָס איינע ניט געגעבן אַ רעכט, ווען מיר האָבן זיך אזוי נאָענט געקענט, — זיך אייך צו ערקלערן... (מיט אַ נידעריקן טאָן) נאָר איר, סאָראָ, האָט מיך דאַמאָלסט פאַר־שטויסן...

ס א ר א : — איך געדענק שוין כמעט ניט, ווי עס איז פאָרגעקומען, אָבער מיר דאַכט, אַז אינגאַנצן פאַרגעסן אונזער קענטשאַפט האָב איך קיינמאָל ניט. אַ באַווייז האָט איר, אַז שוין אַ צייט נאָך דער חתונה האָב איך אייך איינגעלאַדן קומען צו מיר אויף צו לערנען פּיאַנאָ...

ג ר א ו ו ע ר : — יאָ, דאָס מוז איך אייך זאָגן, סאָראָ, האָט מיך אויך געוואונדערט... נאָר ווען איך בין געקומען אַהער, און רעדנדיק אַ פּאָר מאָל מיט אייך, איז מיר אַלעס פאַרענטפערט געוואָרן...

ס א ר א : — (מיט אַ שווערן זיפץ), אַ, אזוי איז עס, וואָס קען מען זיך העלפן?

ג ר א ו ו ע ר : — (ווי אים וואָלט עפּעס איינגעפאַלן), דיסקולפּע, סאָראָ, דענקט איר, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מיטל וואָס איר קענט טון,

ווי איר האט זיך פריער אויסגעדריקט, זייט איר ווירקלעך באַ־שלאָסן. אויף —

ס א ר א : — סי, סעניאָר, עס מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַן ענדע נע־מען... איך בין נאָך ניט אַזוי אַלט, איך זאָל מיך אָפּזונדערן ניט געניסנדיק פון לעבן.

ג ר א ו ו ע ר : — (נאָך אַ קורצן שווייגן) סי, סאַראַ, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט ריידן מיט אייך וועגן דעם, אָבער ס׳איז אַלץ ניט אויסגעקומען, כאָטש איר געהערט אַן אַנדערן, אָבער קינסטלער איבער־הויפּט קוקן נישט אויף אַזעלכע קלייניקייטן... די הויפּט זאַך איז, דער אידעאַל. איר פאַרשטייט, סאַראַ, דער אידעאַל און די קונסט — שטייען העכער פאַר פאַמיליענגליק. (מ׳הערט קלינגען, סאַראַ קוקט זיך אום, הערט זיך איין).

ס א ר א : — מיר דאַכט אימיצער קומט (שווייגט אַ ווײַלע), ניין, ס׳איז ניט אַהער.

ג ר א ו ו ע ר : — (צוגייענדיק נאָענט צו סאַראַן), נו, סאַראַ, איצט, מיר דאַכט, מעג איך שוין גיין, (שמייכלט) זעט איר, סאַראַ, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט האָבן מיר ווירקלעך איצט אַביסל אָפּגעפרישט אונ־דזער אַלטע באַקאַנטשאַפט. יאָ, איצט פעלט נאָך אָפּצופרישן אונ־דזערע אַמאָליקע... (נעמט אַן סאַראַס האַנט, ציט זי צו צו זיך, און פרעסט איר אָפּ אַ ליידנשאַפטלעכן קוש אויף אירע ליפּן. סאַראַ ווערט זיך לייכט, שטויסט אים אָפּ). (מען הערט ווידער קלינגען).

ס א ר א : — (צעשראָקן, טוט זיך אַ ריס פון אים, רעדט אַרויס) אַ, מיר דאַכט, אַז דאָ קומט ער! איך דערקען אין קלינגען... לאָזט מיך אָפּ איצט...

ג ר א ו ו ע ר : — (פאַרוואונדערט) איסאַק קלינגט דען אויך אַזוי. ווען ער קומט?

ס א ר א : — סי, ער טוט עס אומיסטן, כדי מיך איבערצושרעקן...

ג ר א ו ו ע ר : — אפשר שרעקט איר אייך, סאַראַ, קען איך בלייבן דאָ מיט אייך.

ס א ר א : — ניין, ניין, ס׳איז גלייכער, איר זאָלט איצט אַוועקגיין, גראַ־ווער, איר קענט אָנקומען דערנאָך, אין מיטן אונדזער געשפּרעך. סי, קומט דערנאָך.

גראוווער: — אבער ווי אזוי מאכט מען עס? איך וואלט גראדע גע־וואלט זיין דערביי ...

סארא: — מען קען געפינען אן אויסרייד. (דערזעט דעם נאטן בוך, ווייזט אים אן) אט, איר קענט איבערלאזן דעם נאטן בוך און זאגן איר האט פארגעסן.

גראוווער: — מוי ביען, האסטא לועגא, סארא! *) (נעמט זיין שטעקן און לאזט זיך אוועקגיין).

סארא: — האסטא לועגא! גייט דורך דער אנדערער טיר, גראוווער, ער זאל אייך ניט באגעגענען (קוקט אים נאך, ביז ער גייט אוועק).
(איסאאק קומט אריין, מיט צוויי פאקעטן אין די הענט. ער זעט אוים מיט א פאר יאר עלטער פון גראוווערן. ער איז א דיקער מיט בלאנדע וואנצעס. געקליידעט אין א גרויען אנצוג, אויף דער וועסט א שווערע גאלדענע קייט).

איסאאק: — (אוועקלייגנדיק די פעקלעך אויף דער פיאנא, גייט נענ־טער) זעסט, געקומען פונקטלעך, עס דארף זיין ארום ניין, (מיט א שפאסיקן טאן) און דו זיצט נעבעך דא אליין און װארטסט. נע־בעך!

סארא: — (ניט קוקנדיק צו אים) קום געקומען מיין באשערטער.

איסאאק: — (מיט געלעכטער) זאג בעסער, מיין באגאלטער, האסט פארגעסן, אז איך בין מיך געגאנגען אפגאלן, און אפשר האב איך באדארפט צוגיין ערגעץ אנדערש אויך אין איין וועגס.

סארא: — איך קען שוין דיינע גענג.

איסאאק: — וואס טויג די טענות, זאג מיר בעסער, דער טיש איז גע־גרייט? איך בין הונגעריק, אז דאס הארץ פאלט מיר ארוים.

סארא — (ניט רירנדיק זיך פון ארט) ס'זענען דען דא וויניק קאפעען מיט רעסטאראנען אין גאס? האסט געקענט עסן, ווער האט דיך ניט געלאזן?

איסאאק — (באמערקנדיק איר אויפרעגונג). וואס איז שוין ווידער פאר א ניים?

---

*) זייער גוט. צום ווידערזען.

פ א ר א — גיי, גוטע ברידער ווארטן דארט אויף דיר, ביזט א פיינער מענטש.

א י ס א ק — צי איך בין פיין אדער ניט, ווענן דעם וועלן מיר שפעטער רעדן. דערווייל גיב פריער עפעס עסן. גוט ברידערשאפט צו האנדלשאפט קער זיך ניט אן. פארשטייסט? דערווייל גיב עסן, דערנאך וועלן מיר ריידן.

פ א ר א — (טוט זיך א ווארף) כ׳האב ניט קיין עסן און לאז מיך צורו. (צעוויינט זיך).

א י ס א ק — האסט ניט — איז ניט, אבער וויינען דארף מען ניט. נו, גענוג, (צערטלט זי).

פ א ר א — גיי, גיי צו כואניטאן, זי וועט דיר געבן צו עסן. מיינסטו, איך ווייס ניט?

א י ס א ק — (ווי אים וואלט עפעס קלאר געווארן), א, איצט פארשטיי איך שוין, לעאן איז דא ניט געוועזן היינט?

פ א ר א — סי, ער איז געוועזן. ער האט געבראכט א פאלקא. דארפסטו אים האבן?

א י ס א ק — (מיט איינגעהאלטענעם כעס) כ׳דארף אים, וועסט שוין זען אויף וואס איך דארף אים. זיין גליק, וואס איך האב אים דא ניט געטראפן: ער האט שוין ווידער עפעס אנדערציילט א ליגן.

פ א ר א — וואס פאר א ליגן? איך ווייס דען ניט, אז דו וואלגערסט זיך ארום אין קאסינא מיטן שותף, מיט דיינעם.

א י ס א ק — אבער וואס גייט אים אן, אז ער זאל מיך נאכשפיאנירן?

פ א ר א — ער האט דען געזאגט א ליגן?

א י ס א ק — דו מיינסט, אז ער טוט דיר א טובה מיט דעם? ער קומט צו דיר, און דערציילט אן אויף מיר, דערנאך קומט ער צו מיר און רעדט אן אויף דיר. אט אזוי פירט ער אן רכילות פון איינעם צום אנדערן, און זוכט צו מאכן בארוזשאס, (פאר זיך), איך וועל אים ווייזן ווי אנצורעדן! זאל ער נאר קומען אט דער רעפארטער!

פ א ר א — (צעשראקן), אויף מיר? וואס האט ער אויף מיר אנצורעדן?

א י ס א ק — אט זעסטו, אז דו נארסט דיך. וויפיל מאל מיינסטו האט ער מיר דערציילט, אז ווען דער פיאניסט קומט אהער, זיצסטו מיט אים אפ שטונדן לאנג און איר פארברענגט אין אינטימע גע־

שפּרעכן. (ניט דרייסט) און מעגלעך, אז גאר אינגאנצן קיין ליגן איז עס אויך ניט... (קוקט אויף איר מיט געמאכטע ערנסטקייט).

ס אַ ר אַ — אַ, אַ, וואס נאך וועסטו מיר צולייגן?

א י ס אַ ק — איך ליג ניט צו, איך זאג נאר דאס, וואס איך ווייס און דאס וואס כ'זע. (באמערקט דאס פלעשל ראָם אויפן טיש), א שטיי־גער, ווי קומט אהער פלוצלינג די פלאש ראָם אויפן טיש? מיט די גלעזער, צוויי גלעזער נישט מער... נעמט דאס פלעשל באטראכט עס), אַ, אַ, היבשלעך אויסגעטרינקען; ווייזט אויס, אז דער סע־ניאָר גראוועך האָט נישקשהדיק ליב ארייגצוגיסן. ער קען, ער קען, דער פּיאַניסט, ער קען די קונץ!

ס אַ ר אַ — (אין אויפרעגונג), דו האָסט קיין רעכט אים צו באַליידיקן! דו הערסט, האָסט פון אים גאַרניט געזען. דו מיינסט, ער איז גע־ראָטן אין דיר?

א י ס אַ ק — דאָס איז גאַרניט קיין באַליידיקונג פאר אים. אַל קאָנטראַריאַ, דאָס איז א סימן פון אן אמתן קינסטלער.

ס אַ ר אַ — צי ער איז א קינסטלער צי ניט, דאָס קענסטו נישט וויסן, יעדנפאלס פאר די קינדער און פאר מיר איז ער גענוג לערער.

א י ס אַ ק — סי, איך באַקלאָג מיך דען אויף אים? (זוכט צו פארענדערן דאָס געשפּרעך), וואו זענען די קינדער?

ס אַ ר אַ — זיי שלאָפן שוין, וואס דאַרפסטו זיי?

א י ס אַ ק — איך האָב זיי א מתנה געבראַכט? און מיין ניט, אז איך האָב מיך געזאָמט אומזיסט, די קינדער דאַרף מען אויך באַזאָרגן.

ס אַ ר אַ — א מתנה? — ווייז מיר אויך וואס האָסטו דאָרטן געבראַכט?

א י ס אַ ק — קאַמאַ נאַ, (גייט צו, נעמט די פּאַקעטן און קומט באַלד צוריק מיט זיי), אַנו, וואס וועסטו זאָגן! אויף מוזיק בין איך טאַקע ניט קיין מבין, אָבער אויף סחורה וועט מען מיך ניט אָפּנאַרן, (נעמט ארויס פון די פּעקלעך צוויי זיידענע שיין געניייטע אנצוגלעך) נו, ווי געפעלן זיי דיר? דו האָסט, מיר דאַכט, אין חלום אזעלכע אַנטיקלעך ניט געזען. טו נאר א טאָפּ, דאָס איז ריינער זייד, ריי־נער זייד.

ס אַ ר אַ — (קענטיק, אז זי איז אַנטציקט פון די זאַכן) סי, די אַרבעט

איז גאר א זעלטנהייט! וויפיל האסטו כאטש באצאלט פאר זיי? (באטראכט זיי, שמייכלט צופרידן).

א י ס א ק — דאס איז שוין מיין עסק. אבי זיי געפעלן דיר, איז שוין גוט.

ס א ר א — (גלייכגילטיק) און וואו איז ערגיץ די רעגאלע וואס דו האסט מיר צוגעזאגט צו ברענגען? זעסטו שוין וואס פאר ווארטסמאן דו ביזט!

א י ס א ק — פון וואנען ווייסטו, אז איך האב ניט געבראכט?

ס א ר א — (טשיקאווע) וואסזשע באהאלסטו אזוי פאר מיר, כ'וועל ניט אויסכאפן.

א י ס א ק — דו גיב מיר פריער עפעס עסן, דערנאך וועל איך דיר ווייזן.

ס א ר א — נא, סעניאר, קיין אמביציעס איז ביי מיר נישטא, אז דו האסט געבראכט, ווייז! און דערנאך וועסטו קריגן צו עסן!

א י ס א ק — מוי ביען! דאנקען גאט. איך הער שוין כאטש, אז ס'איז דא עסן פאר מיר! (נעמט ארויס א שאכטל פון בוזעם קעשענע מיט א דימענטענער שפילקע) אט! זעסטו, אז איך האב געהאלטן ווארט!

ס א ר א — (נעמט די שפילקע, באטראכט מיט אנטציקונג). א, דאס איז עפעס גאר גרויסארטיק. דאס האסטו, ווזייט אוים, ערגעץ געקראגן דורך א צופאל.

א י ס א ק — פון וואנען ווייסטו עס? געוויס, געגאנוועט האב איך עס ניט.

ס א ר א — וואס'זשע, איך זע דען ניט אז דא, אונטן זענען אויסגעגראווירט צוויי לעטערס. וואו האסטו זיי געקריגן? (פאר זיך) ווער ווייסט, ווער ס'האט זיי געטראגן...

א י ס א ק — וואס גייט עס דיך אן, וואו איך האב זי געקריגן? אבי איך האב דיר געבראכט. — אבער זע, דו בארים דיך נאר ניט פאר לעאנען. אט דער רעפארטער, ווייז אים ניט די לעטרעס, ווארום ער איז פייאיק אנצורידן דער טייפל ווייסט וואס... זיין מזל, וואס כ'האב אים דא ניט געטראפן...

ס א ר א — (מיט געבעט) ס'קען זיין ער זאל נאך דא זיין היינט. איך בעט דיך, איסאק, מאך ניט קיין סקאנדאלן, ער איז קאפאס אונדז אין די צייטונגען צו באשרייבן.

א י ס א ק — (ווי פריער) זאָל ער נאָר קומען, נאָ אימפּאָרטאַ, זאָל ער באַשרייבן! (מען הערט קלאַפּן אין טיר).

ס א ר א — (צעטומלט) אַ, מיר דאַכט, אַז אָט דאָ גייט ער, איך דערקען אין קלאַפּן.

א י ס א ק — אַ, סי, פּאַסע סעניאָר, פּאַסע! (לאָזט זיך צו דער טיר).

ס א ר א — (כאַפּט אָן זיין אָרעם) איך בעט דיך, איסאַק, טשעפּע אים ניט. (זי האַלט אים פעסטער פאַרן אָרעם און ציטערט).

ג ר א ו ו ע ר — (קומט אַריין, דערזעענדיק סאַראַן, ווי זי שטייט לעבן איסאַקן, האַלטנדיק זיין אָרעם, בלייבט ער אַביסל ווי צעטומלט, באַהערשט זיך אָבער באַלד, פאַרנייגט זיך צו איסאַקן) בוענאָס נאָטשעס! דיסקולפּע, כ'האָב דאָ פאַרגעסן מיין נאָטן בוך און האָב געמוזט אומקערן.

מ א ר י א — (קומט אַריין אין דעם מאָמענט דורך אַ צווייטער טיר, ווענדעט זיך צו סאַראַן) פּאַטראָנאַ, די קינדער רופן אייך (פאַרשווינדט).

א י ס א ק — קום סאַראַ, לאָמיר גיין צום טיש. די קינדער האָבן שוין געגעסן?

ס א ר א — סי, נאָך איידער דו ביזט אַוועקגעגאַנגען.

א י ס א ק — איר וועט אונדז אפשר אַקאָמפּאַנירן מיט־עסן, סעניאָר גראַוווער?

ג ר א ו ו ע ר — גראַסיאַס! איך האָב היינט אַ קאָנצערט, און מוז שוין גיין. אַדיאָס! (ער נעמט דעם נאָטן בוך און גייט אַוועק).

א י ס א ק — אַדיאָס! קע לעוואַזשאַ ביען. (באַגלייטן אים מיט שמייכלענדע בליקן; נעמט סאַראַן אונטערן אָרעם און לאָזן זיך גיין אין צווייטן צימער).

(פ א ר ה א נ ג)

סאָלאָניאָ

ד ע ר צ יי ל ו נ ג

יעדעס מאָל, ווען עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג אינם קליינעם שטעטל און שלומקע דער יתום איז אַהיים געקומען פון חדר מיטאָג עסן, פלעגט ער טרעפן אין שטוב זייערן אַן אַלטן בעקאַנטן דאָרפס פויער. ווען ער, שלומקע, געדענקט כמעט שוין אַזויפיל צייט, ווי זיין אייגענעם טאַטן.

דער אַלטער איז געווען זייער היימיש און באַפריינדעט מיט שלומקעס עלטערן. אַפטמאָל האָבן זיי אים פאַרבעטן טיי טרינקען, וואָס איז ביים אַלטן געווען אַ זעלטענער תענוג און אויך אַן אַפּקומעניש. ער פלעגט זיך נעבעך בריען און מאַטערן ביי יעדער גלאָז טיי, וואָס ער האָט אויסגע־טרונקען. מערסטנטייל איז דער אַלטער אַליין געקומען. און ווען דאָס האָט געטראָפן ערב אַ קריסטלעכן יום טוב, פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך זיינעם אַ קינד, אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן אויף מיטצוהעלפן אים איינ־קויפן די שטוב־זאַכן.

דאָס איז געווען אַ חנעוודיקע ברונעטקע, מיט צוויי גערדיכטע לאַנגע צעפּ און מיט שוואַרצע מונטערע אויגן. גערופן האָט מען זי ס אַ ל אַ נ י אַ. דעם אַלטן איז פון זיינע אַלע קינדער פאַרבליבן ניט מער ווי די איינע, און נאָך אַ קינד, אַ ייִנגל. וועלכער איז געווען מיט שלומקען כמעט אין איינע יאָרן, נאָר יענעם האָט דער אַלטער זעלטן ווען מיטגעבראַכט.

און אַמאָל, ווען עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט און סאַלאַניאַ איז ניט געקומען, פלעגט שלומקע צוגיין צום אַלטן און ווי מיט געבעט פרעגן: — פאַר וואָס קומט ניט סאַלאַניאַ? — און זיין פרעגן איז ניט געווען קיין אומזיסטיקס. ווארום יעדעס מאָל ווען סאַלאַניאַ פלעגט קומען, האָט זי עפּעס מיטגעבראַכט פון דאָרף פאַר שלומקען. ווען דאָס איז אויס־געקומען אום ווינטער, האָט זי געבראַכט פאַרשידענע געטריקנטע פרוכטן, פלוימען, ניס און ווייַנטרויבן; און אום זומער האָט זי אויסגעקליבן די שענסטע שמעקנדיקע באַרן און אַבריקאָסן, און געגעבן שלומקען, אַז קיינער זאָל ניט וויסן... און ווען זי איז געבליבן אַליין, אַכטונג צו געבן אויפן וואָגן, פלעגט זי צורופן צו זיך שלומקען און צערטלענדיק אים, פלעגט זי שטילערהייט פרעגן: צי ער וואָלט וועלן פאָרן מיט איר צו זיי אין דאָרף; און אים דערציילן, ווי שיין ס'איז ביי זיי און פריילעך, אַז ווען עס קומט אַ יום־טוב, נעמען זיך צונויף ייִנגלעך מיט מיידלעך, זינגען און טאַנצן, און גערטנער איז דאָ אַזויפיל אויף אַלע זייטן פון דאָרף, און מיט די פרוכטן האָדעוועט מען די קי און די אָקסן, און זיסער ווייַן איז דאָ ביי זיי, רויטער

און וויסער. זי וואָלט אים געבראַכט, נאָר זי ווייסט, אַז דאָ טאָר מען דעם וויין ניט טרינקען...

און סאַלאַניאַ האָט נאָך פּיל, פּיל אים דערציילט פון זייער שיינעם דאָרף. און שלומקע האָט ווי פאַרכשופט געהערט און געפּילט יעדעם וואָרט. און אין זיין האַרץ האָט מיט אַמאָל אויפגעוואַכט אַ ברענענדיקע בענקשאַפט נאָכן דאָרף און נאָך אַט דער ווייטער פאַר אים אומבאַקאַנטער וועלט.

עס איז שוין געווען אין טיפן זומער, ווען עס איז אויסגעקומען שלומקעס בר מצוה־טאָג. זיין פּאָטער איז גראָדע אין דער היים ניט געווען. ער האָט געהאַנדלט מיט גערטנער. אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען אין דאָרף און נאָר פון שבת צו שבת פלעגט ער אַהיים קומען. און דער טאָג נאָר איז געווען דער איינציקער, ווען שלומקע האָט זיך געפילט אַ גליקלעכער ביי זיך אין דער היים. עס איז געווען ביי אים פונקט דער היפּך ווי ביי זיינע חברים פון חדר. יענע האָבן זיך געפילט גליקלעך, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס חדר און געגאַנגען אַהיים. און ער, פאַרקערט, איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט פאַרלאָזט די היים און געגאַנגען אין חדר.

אין חדר איז געווען זיין וועלט. דאָרטן איז ער געווען דער חשוב. אַלע האָבן אים גערופן מיט דעם נאָמען „יענקעלע דעם רבס גאון". און מיט וואָס פאַר אַ קנאה די חברים פלעגן קוקן אויף אים! עס איז געווען פאַר וואָס, ווארום מיט אים צוזאַמען האָבן געלערנט פיל עלטערע און רייכערע קינדער, דאָך האָט קיינער פון זיי אַלע ניט פאַרדינט נושא חן צו זיין, אַזוי ווי ער, אין די אויגן פונם רבס זון.

יענקעלע דעם רבס איז געווען איינער פון זיין רבינס נאָענטע פריינט. און יעדעם מאָל ווען ער איז געקומען, האָט ער ליב געהאַט צו פאַרהערן איינעם פון די תלמידים, און תמיד האָט ביי אים אויסגענומען שלומקע דער יתום. מערסטנטיילס איז עס געשען ביים תהלים, ווען שלומקע האָט מיט זיין קלינגענדיקן קול, אַנגעהויבן זאָגן דאָס ערשטע קאַפּיטל: — „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים"; און ווען ער האָט געענדיקט דאָס קאַפּיטל, פלעגט יענקעלע צוגיין און מיט זיינע דיקע פינגער, אים אַ פריינט־לעכן קניפּ טון אין באַק, און זאָגן צום רבין מיט אַ שמייכל:

— איי גוט! אויסגעצייכנט! וואַקסט אַ גאון! — און ביי די אַנדערע קינדער, וואָס פלעגן עס הערן, האָבן אויפגעציטערט פון קנאה די הערצער.

די צייט האט אבער אנדערש געפירט... פון דעם טאג אן, וואס שלומקע איז בר מצוה געווארן, איז זיין לעבן געווארן פאר אים פיל ערגער און שווערער. אין דער היים האט אים די שטיפמאמע פארפאלגט: געשאלטן פאר יעדע מינדסטע זאך און געטריבן אים פון שטוב; און אין חדר, האט די שנאה פון זיינע חברים צו אים געשטיגן פון טאג צו טאג, און זיין קינדערשער מח האט באדארפט אנהויבן טראכטן פארשידענע מיטלען, ווי אזוי דאס אויסצומיידן.

דאס איז געווען איינמאל אין א זונטיק באלד נאך „שבת נחמו". דער פאטער האט געהאלטן ביים אפפארן צוריק אין דארף. דער וואגן איז שוין געווען געשפאנט. און אזוי ווי דאס האט געטראפן שוין פיל מאל, וואס ער פלעגט בעטן דעם פאטער אים מיטצונעמען אין דארף, און ער פלעגט אים אלץ ענטפערן „אן אנדערש מאל", איז ער איצט אויך צוגעגאנגען און במעט מיט טרערן אין די אויגן האט ער זיך געבעטן: — טאטע, איצט פארט א ליידיקער וואגן, לאז מיך אויך פארן. איז פונקט ארויסגעקומען די שטיפמוטער. דאס איצטיקע מאל האט זי אים מיט איר שרייען גראדע פארריכט: — נעם אים מיט! נעם אים מיט זיך אביסל! איך באדארף אים דא ניט! — האט זי מיט כעס געשריען. דער פאטער האט א קנייטש געטון מיט די אקסלען, און געהייסן זיך אים אויפזעצן. אין א ווײַלע ארום האט ער א טרייב געטון די פערד, און ווען דער וואגן האט שוין געהאלטן אין גאנג, האט ער זיך ארויפגעכאפט.

די זון איז נאך געשטאנען גענוג הויך און די לופט איז געווען היים און שווער, נאר ווען זיי זענען ארויפגעפארן דעם לאנגן בארג וואס ארוים פון שטעטל, איז פון ערגעץ אנגעקומען א קיל דערפרישנדיק ווינטל, וואס האט שלומקען געגלעט איבער זיין פארפלאמטן פנים און געקילט זיין דערהיצטן שטערן. זיי האבן זיך א ווײַלע אפגעשטעלט, געלאזט די פערד אביסל אפרוען, און אין א פאר שעה ארום, ווען די זון האט שוין געהאלטן ביי אראפלאזן זיך צום ראנד פון בארג אין מערב־זייט, זענען זיי אנגעקומען אין דארף.

דער וואגן האט זיך אפגעשטעלט ביי א ברייט געפלאכטענעם טויער. באלד האט זיך דערהערט דאס בילן פון הינט. פון הינטער א הויכן סטויג היי איז ארויסגעקומען אן אלטער פויער און דערזעענדיק דעם באקאנטן

וואגן, האט ער גערופן אין שטוב אריין: — גייט עפנט דעם טויער! אויף דער שוועל פון טיר האט זיך באוויזן א יונג מיידל,זי איז געווען בארוועס, איר אנטון איז באשטאנען פון א לייוונטן ברייטן העמד און א לייכט סיטצן קליידל. זי איז צוגעגאנגען, האט געעפנט דעם טויער, און ווען זי איז געקומען נענטער צום וואגן, האט שלומקע צו זיין גרויס איבערראַשונג דעקענט זיין באקאנטע, סאלאניא!

דערזעענדיק אים, האט זי מיט א הילכיקער פרייד אויסגעשריען: א, שליאמקא! א גאסט! א גאסט! — דערנאך האט זי צוגערופן דאס קלענערע ברודערל און אים אנגעוויזן. ווען דער פאטער האט גענומען אויסשפאנען די פערד און זיי באזארגן אויף ביינאכט, האט סאלאניא צוזאמען מיטן ברודערל און שלומקען אראפגענומען די זאכן פון וואגן און אריינגעטראגן אין שטוב.

דאס הויז פון סאלאניאס עלטערן איז באשטאנען פון דריי צימערן מיט א קיך. איין צימער האט מען שטענדיק אפגעגעבן פאר שלומקעס פאטער, ווען ער איז געקומען פון שטאט. דאס איז שוין געווען אן אלטע סטאנציע ביי אים, וואו ער האט זיך געפילט אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

אין א ווײַלע ארום איז דער פאטער אריינגעקומען, האט ארויסגענומען ברויט און פרישן קעז. סאלאניא האט אריינגעבראכט א קרוג פרישע מילך צום טיש.

ווען זיי האבן געענדיקט דאס עסן, האט שלומקעס פאטער גענומען צוגרייטן אויף מארגן אלץ, וואס מען דארף מיטנעמען אין גארטן צו דער ארבעט. סאלאניא האט דערווייל צוגעגרייט א געלעגער און דערביי גע־פרעגט שלומקען מיט א שמייכל, צי ער וועט ניט מורא האבן דא צו שלאפן אליין, ווען דער פאטער וועט אוועקגיין... און שלומקע האט געשאקלט מיטן קאפ אויף — ניין.

ווען דער פאטער האט זיך שפעטער אין א פאר שעה ארום אומגע־קערט פון דארף, וואו ער האט גענדארפט באזארגן די פורלעד אויף מארגן, איז שוין שלומקע געשמאק געשלאפן, און האט אפילו ניט געפילט ווי העכער א האלבע קאלדרע האט זיך ארונטערגעגליטשט פון זיין בעטל אויף דער ערד, נאר ווען ער האט זיך לעבן אים אוועקגעלייגט, און גענומען אים צוריק איינדעקן, האט ער דערשפירט זיינע הענט, וואס האבן אים פארזיכ־טיק באריסט כדי אים פון שלאף ניט אויפצוואוועקן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט דער פֿאָטער גענומען איינשפּאַנען, און געזאָגט שלומקען, אַז ער פֿאָרט אַראָפּ אין גאָרטן מיט די אַרבעטער, און ביז ער וועט דאָרטן צוגרייטן אַ וואוינונג פֿון זייערטוועגן, זאָל ער דערווייל זיצן דאָ אין שטוב, אכטונג געבן אויף די זאַכן, און ניט פֿאַרגעסן דאַוונען אינדערפֿרי און פֿאַרנאַכט.

דאָס האָט געדויערט אייניקע טעג. יעדן פֿרימאָרגן איז שלומקעס פֿאָטער אַוועקגעפֿאָרן אין גאָרטן און סאַלאַניאַס פֿאָטער מיטן ברודערל אין פֿעלד צו דער אַרבעט. קיין מוטער האָט סאַלאַניאַ ניט געהאַט, זי איז אויך געווען אַ יתומה אַזוי ווי שלומקע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס שלומקע האָט געהאַט אַ שטיפֿמוטער, וואָס האָט אים געהאַסט און פֿאַרפֿאָלגט, און סאַלאַניאַ איז געווען אַ פֿרייער פֿויגל און געטון אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט.

דורך אָט דער קורצער צייט איז סאַלאַניאַ מיט שלומקען היימיש געוואָרן. שוין צו היימיש... זי פֿלעגט אים קנייפּן אין די באַקן, און אָפּט מאָל אַרויסרייסן ביי אים דעם סדור פֿון האַנט, ווען ער האָט געדאַוונט, כּדי ער זאָל איר נאָכלויפֿן. און ווען זי האָט אים געכאַפּט, פֿלעג זי אים שטייף אַרומנעמען מיט ביידע הענט, אים אָנקנייפּן אַ פּאָר פֿייערדיקע באַקן און ערשט דערנאָך אים צוריקגעבן דעם סדור. דאָס האָט געטראָפֿן זייער אָפּט, סיי אינדערפֿרי, סיי פֿאַרנאַכט, ווען זי האָט אים נאָר דערזען מיטן סדור אין האַנט.

איינמאָל, אין אַ שטאַרק הייסן טאָג, ווען ניט שלומקעס און ניט סאַלאַניאַס פֿאָטער זענען אין דער היים געווען, איז שלומקע אַרויסגעקומען פֿון שטוב און דערזען פֿון ווייטן, ווי סאַלאַניאַ ליגט אויף אַ פּאַס ווייץ מיטן פּנים אַראָפּ; זי האָט געהאַלטן אין מויל אַ טשערטל, וועלכע איז געווען אַריינגעשטעקט אין פּאַס און האָט געזופּט. זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען שלומקען פֿון ווייטן, האָט זי אים צוגערופֿן מיט אַ וואונק... זי האָט אָפּגעלאָזן פֿון מויל דאָס טשערטל און זיך אָנגערופֿן צו אים:

— קום אַהער, שליאַמקאַ! ווילסט טרינקען?

— ניין, פֿון דיין מויל וויל איך ניט... — האָט שלומקע מיט אַ ברוגזן שמייכל געענטפֿערט.

— נו, וועל איך דיר ברענגען אַן אַנדער טשערטל. זיי דאָ, שליאַמקאַ, גיי ניט אַוועק, — האָט זי זיך אָנגערופֿן און איז שנעל אַראָפּ פֿון פּאַס.

זי איז צוגעגאנגען צום דאך, ארויסגעשלעפט א נייעם טשערעט, האט אויסגעבראכן א שטיק פון דער מיט, דורכגעבלאזן און, געבנדיק דאס אים, זיך אנגערופן — נו פּרואוו, אפשר וועט דאס זיין גוט.

ער האט גענומען ביי איר דאס טשערטל, איז ארויף אויפן פּאס, האט עס איינגעשטעקט און אנגעהויבן ציען דעם ווייז דורך דעם. אזוי ווי דאס פאס האט פון אויבן געהאט צוויי לופטשיקעס, איז סאלאניא ארויף אויף דער אנדערער זייט פּאס, האט אויך איינגעשטעקט דעם טשערעט און גענומען זופן. עס האט געדויערט אייניקע מינוט; און ווען סאלאניא האט זיך אויפגעהויבן און געוואלט צוריק אראפגיין, האט זיך איר פארדרייט דער קאפּ און זי האט זיך אראפגעקייקלט פון פּאס... אין א ווײַלע ארום איז דאס זעלבע געשען אויך מיט שלומקען... ווען סאלאניא האט אים דערזען ליגן לעבן זיך אויף דער ערד, האט זי אויסגעהילכט אין א הויכן קלינגענ־דיקן געלעכטער: — „א, דו אויך"! און באלד האט זי זיך אויפגעהויבן, זי איז צוגעגאנגען צו אים, האט אים אנגענומען ביי דער האנט און א זאג געטון מיט א שמייכל:

— קום, לאמיר זען ווער סאיז שטארקער, ווער עס וועט וועמען אנידערלייגן... דו מיך, אדער איך דיך. קום אט דא אויפן גראז. דא איז ווייך.

— נו, קום לאמיר זען! — האט שלומקע ווי פארשעמט ארויסגערעדט. ס'האט אים עפּעס ווי געצויגן צו איר, און דאך געשראקן...

ביידע פארשיכורטע פון ווײַן און פון פרייד, האבן זיך פעסט ארומ־גענומען, זיך שטארק איינגעקלאמערט איינס אין אנדערן, זיך א שנעלן דריי געטון ארום זיך, און אנידערגעפאלן איינס אויפן אנדערן, פון אונטן איז געבליבן ליגן שלומקע, און אויף אים סאלאניא. וועלכע האט אים ליגנדיקערהייט געקניפּט אין די באקן, און ווען ער האט זיך געוועהרט און געוואלט זיך אפּרייסן פון אונטער איר, האט זי אים צוגעפּרעסט צו איר ברוסט. ער האט דערפילט, ווי עפּעס א הייסע שטארק אנגעגליטע זאך, וואלט פארשטעלט זיין מויל און געבריט זיין פּנים אויף ביידע זייטן... אים איז געווארן שטארק הייס, און עס האט אים געשטיקט דער אטעם. האט ער אנגעכאפּט מיט די ציין איין ברוסט און א לייכטן קלעם געטון... זי האט א קוויטש געטון: — אוי! — האט א ציטער געטון און זיך באלד אויפגעהויבן, — אזוי בייסט זיך גאר! — האט זי האלב צארנדיק, האלב

לאכנדיק אים געפרעגט, — אז דו ביזט יא אזעלכער, קום זשע אהער צו מיר! נו קום אהער!

און אין איין אויגנבליק האט זי אנגעכאפט שלומקען, אים אנידערגע־זעצט אויף דער ערד און אים אראפגעצויגן דאס גאנצע אנטאן. ווער ער איז געבליבן אין הויזן העמד, האט זי אים אפגעלאזט. ער האט זיך גע־שווינד אויפגעהויבן, איז אריינגעלאפן אין שטוב און האט זיך צעוויינט. באלד איז אריינגעקומען סאלאניא מיטן אנטאן און דערזעענדיק אז ער וויינט, איז זי צוגעגאנגען צו אים און מיט א שמייכל זיך אנגערופן

— א, וועסט נאך בייסן... איך וועל נאך דאס העמד אויך אראפנע־מען, וועסט בלייבן נאקעט...

— איך וועל שוין מער ניט בייסן, גיב מיר אפ מיין אנטאן, סאלאניא, איך בעט דיך.

— נא זע! זע ווי דו האסט מיך געביסן... אלע ציין שטייען...

זי האט אנטבלויזט די ברוסט און אים געוויזן די סמנים...

— איך וועל שוין מער ניט... גיב מיר מיין אנטאן, סאלאניא... — האט זיך שלומקע מיט רחמנות ביי איר געבעטן.

— נו, קום אהער, קוש אט דא... אויף דעם ארט, וואו דו האסט גע־ביסן, וועל איך דיר אפגעבן דאס אנטאן, נו, קום, שליאמעטשקע, אהער צו מיר ! . . .

ער איז געשטאנען פון ווייטן, האט זיך געקווענקלט און זיך געווישט די אויגן. סאלאניא איז געשטאנען קעגן אים, אין איין האנט האלטנדיק דאס אנטאן און מיט דער אנדערער האט זי אים גערופן, און ווי צעטומלט, איז ער לאנגזאם צוגעגאנגען, האט אנגעבויגן דעם קאפ און א קוש געטון איר קלארע ברוסט.

— איצט ביזטו א וואויל יינגל! נא טו דיך אן, — האט זי אים שמייכלענדיק געזאגט, האט אים צוריקגעגעבן דאס אנטאן און געהאלפן אים זיך צושפיליען.

אויף דעם אנדערן טאג, ווען ער האט זיך אויסגעניכטערט און געבומען זיך דערמאנען אליץ, וואס מיט אים איז נעכטן פארגעקומען, האט א שטארקע חרטה אנגעהויבן צו פייניקן זיין קינדערישן געוויסן. ער האט גע־פילט, ווי ער וואלט האבן באגאנגען גרויסע זינד; די שרעקלעכסטע עבירה,

פאר וועלכער עס קומט די ערגסטע שטראף... און איצט וועט ער שוין אליין מוזן ליידן... ווארום ער איז שוין אריבער דרייצן יאר, ער לייגט שוין תפילין...

ער האט זיך דערמאנט אין דאוונען און ער האט געטראכט: אז היינט מוז זיין דאוונען זיין אזוי אמת, אזוי ריין און הייליק, אז זיין הייסע תפילה זאל זיך צוזאמענגיסן מיטן פיין פון זיין פארביטערטן הארצן און קומען פאר גאט, פארן אל רחום, ער זאל אים מוחל זיין... מוחל זיין אויף דער ערשטער עבירה, וואס ער איז באגאנגען כמעט ווי אן זיין ווילן...

ער איז צוגעגאנגען צום קאסטן, האט ארויסגענומען פון דארט דעם סדור, און די תפילין, און זיך אוועקגעשטעלט דאוונען. ער האט מיט א טיפן גלויבן און איבערגעגעבנקייט אפגעזאגט די תפילה פון פאר „תפילין לייגן" און גענומען אויפוויקלען די תפילין, ביים אנטון דעם „של יד" האט ער אזוי שטארק איינגעצויגן די רצועה אויף זיין לינקער האנט, אז די גאנ־צע האנט איז פארטערפט געווארן... און דארטן, וואו ער האט געקענט דאס דאוונען אויף אויסווייניק, האט ער מיט א כיוון צוגעמאכט די אויגן, כדי ער זאל ניט זען די פעסער וויין, וואס זיינען אנטקעגן פענצטער געשטאנען און פון וועלכע ער האט נעכטן געטרונקען... און אויך יענעם שרעקלעכן ארט, וואו ער האט זיך געראנגלט מיט סאלאניאן.

א טיפע באגייסטערונג האט באהערשט זיין קינדערשע נשמה און אין זיין כח זיינען ארויפגעשוואומען אלע בילדער פון זיין געבורט שטעטל, און צווישן זיי, זיין ליבע חדר ־ וועלט: —

...און אט עפנט זיך די טיר פון חדר, עס קומט אריין זיין ליבלינג יענקעלע דעם רבס, אנגעטון אין א לאנגער אטלעסענער קאפאטע, אין א גרויסן קאפעלוש, פון אונטער וועלכן עס הענגען אראפ צוויי געקרייזלטע לאנגע פאות; ער גייט צו, ווי תמיד, צו אים מיט זיין ווייכן שמייכל אין די אויגן, און גיט אים א פריינטלעכן קניפ אין באק. דערנאך ווענדט ער זיך צום רבין, אנדייטנדיק אויף אים: ער קען! ער קען! אנו, ווייזט אהער דעם תהילים! — ער מישט אויף דאס ערשטע קאפיטל, און הייסט אים זאגן. ער הויבט אן ווי תמיד, מיט זיין יונגער קלינגענדיקער שטים: — „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת..."

נאר פלוצלינג דערפילט ער, ווי א ווארעמע ווייכע האנט האט זיין האלדז ארומגענומען... און עפעס א פעטע, א נאסע זאך האט בארירט זיינע

ליפן... ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען נעבן זיך סאַלאַניאַן... זי האָט געהאַלטן איך האַנט אַרום זיין האַלדז, און אים אַריינגעלאַכט אין פּנים מיט אַ מילדן פרייל֞עכן געלעכטער. די אַנדערע האַנט האָט זי געהאַלטן אַרונטערגעלאָזן, דערנאָך האָט זי געשווינד אַ ווייז געטון פאַר אים, און שלומקע האָט דערזען אַ ווייס שטיק פּעטס... סאַלאַניאַ האָט אים ליבלעך אָנגעקוקט מיט אירע שמייכלדיקע קאַרשן־אויגן, און געפרעגט:

— ווילסט לאַטקעס מיט שמאַלץ? כ׳האָב נאָר וואָס אָפּגעבאַקן פריי־שע; ווילסט, שלומקע?

איר פריילעכע שטים האָט איצט ווי עפּעס אַ שאַרפע זאַך געשניטן זיין האַרץ, ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך מיט צאָרן און געענטפערט: — גיי! איך וויל גאָרניט, גאָרניט...

נאָר אין דער רגע, ווען סאַלאַניאַ האָט געוואָלט אָוועקנעמען איר האַנט פון זיין האַלדז, האָט זי זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער רצועה — און דער „של ראש" איז אַרונטערגעפאַלן.

ווען עס וואָלט אין יענער מינוט געווען אַרונטערגעפאַלן דער דאַך, וואָלט זיך שלומקע ניט אַזוי דערשראָקן, ווי דאָ, ווען ער האָט דערזען דעם „של ראש" אויף דער ערד. — און וואָס וועט איצטער זיין? וואָס קען ער איצט טון? ווײ, ווײ! פאַרפאַלן, פאַרפאַלן אינגאַנצן זיין תפילה! ער וועט מוזן פאַסטן עטלעכע טעג... און ווי אַזוי וועט ער עס קענען? ווען ער איז איצט שוין הונגעריק, איצט בעת ער דאַוונט. — ער האָט אויפגעהויבן דעם „של ראש" האָט אים געקושט און געוויינט, און גענומען ווייטער דאַוונען. נאָר איצט האָט ער געפילט, אַז אַלץ איז אומזיסט... עס וועט אים שוין גאָרניט העלפן, ער וועט מוזן ליידן! און אין דעם אַלעם איז שולדיק נאָר זי, סאַלאַניאַ, זי וועט אים פאַרפירן אין „שאול תחתיה"...

דעם גאַנצן טאָג האָט שלומקען געפייניקט אַ שווערע פאַרצווייפלונג. פאַרנאַכט איז געקומען דער פאָטער און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט עט־לעכע קוישן פּרוכטן פון גאָרטן. ווען סאַלאַניאַ האָט דערזען די קוישן, איז זי צוגעקומען, באַטראַכט די פּרוכטן, פון וועלכע אַ גרויסע טייל זיינען שוין געווען כמעט איבערצייטיק, זי האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגעקליבן די גרינסטע, האָט אָפּגעווישט אַז עפּל אין קליידל און גענומען בייסן.

— אַט די זיינען צייטיקע, צו וואָס דאַרפסטו עסן גרינע? — האָט

זיך שלומקעס פאטער אנגערופן. ער האט גענומען צוויי צייטיקע עפל און איר געגעבן.

— די ליב איך ניט. פע, זיי זיינען ווייך... אט די הארטע, די ליב איך, זיי זיינען גוט. — האט זי מיט א שמייכל געענטפערט, און האט ארייננגעגראבן אירע ווייסע שארפע ציין אין עפל, האסטיק געביסן, זיך גע־קוויקט און דערביי געוואונקען צו שלומקען. דערנאך האט זי שטיל שמייכ־לענדיק זיך צו אים אנגערופן: — קום, שליאמקע, ווילסט זיך פרואוון אויף צו לייגן? — און זיך געלאזט נאענט צו אים.

גיי אוועק, סאלאניא, הער אויף! דער.טאטע וועט דערזען... — האט שלומקע איר אנגעוויזן.

אין א ווײלע ארום, ווען דער פאטער האט פארענדיקט די ארבעט, האט ער צוגערופן שלומקען און אים געזאגט, אז מארגן וועט ער אים מיטנעמען אין גארטן; דערווייל דארף ער צוגיין אין דארף, ער זאל דא ניט ווארטן אויף אים, זאל אפעסן און זיך לייגן שלאפן און ניט פארגעסן קריאת־שמע צו לייענען.

עס איז נאך געווען פרי, ווען דער פאטער איז אוועקגעגאנגען. שלאפן האט שלומקע ניט געקענט, איז ער ארויסגעגאנגען אין דרויסן, האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פריזבע, האט געפונען א גרינעם טשערעט, און גענומען מאכן א פייפל פון דעם.

אין אייניקע טעג ארום, ווען סאלאניא איז פארטיק געווארן מיט דער שטוב ארבעט, און איר פאטער מיטן קלענערן ברודערל זיינען אוועקגעגאנ־גען שלאפן, האט זי פון שטוב ארויסגעבראכט א קילים, האט אויסגע־שפרייט אויף דער פריזבע און זיך אוועקגעזעצט אפרוען.

— דו ווייסט, סאלאניא, איך פאר שוין מארגן אוועק, — האט שלומקע פלוצלינג זיך אנגערופן.

— מארגן? קום אהער, שליאמקע, זעץ זיך דא, אויפן קילים, דא איז בעסער... האט סאלאניא אים אנגעוויזן.

— איך וויל ניט.

— פאר וואס? נאר, קום אהער! איך וועל דיר עפעס דערציילן...

— ניין... איך וויל ניט, דער טאטע שלאפט...

— ער וועט ניט הערן...

— נו, קום שוין! קום אהער! ווילסט איך זאל דיך ארופשלעפן? און

זעענדיק, אַז זי וויל זיך אויפהויבן, איז ער צוגעגאַנגען שעמעוודיק, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, — נו, דערציילן: — האָט ער אין דער שטיל געזאָגט.

סאַלאַניאַ איז פּלוצלינג אומעטיק געוואָרן... האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און אַ טיפן זיפץ געטון... דערנאָך האָט זי אָנגענומען שלומקעס האַנט, און מיט אַ שטילן נאַאיוון קול אָנגעהויבן דערציילן:

— דו ווייסט, איך האָב געהאַט אַ ברודער אַ גרויסן... אַ גרעסערער פאַר דיר, שליאַמקע.

— וואו זשע איז ער?

— ער איז געשטאָרבן!

— געשטאָרבן! ווען? — פרעגט שלומקע, און קוקט אויף סאַלאַניאַן מיט טיפן מיטלייד, סאַלאַניאַ ענטפערט ניט... זי טוט ווידער אַ טיפן זיפץ און פאַנגט אָן:

— געדענקסט, שליאַמקע, ווען איך בין געווען ביי אייך, פאַר אַ יאָרן ווינטער, און האָב געקויפט אַ לאַמפּאַדאַ און ליכט... דאָס איז געווען פאַר מיין ברודער... דעמאָלט איז ער געשטאָרבן. איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט מיין ברודער, שטענדיק, ווען איך שלאָף, קומט ער צו מיר... איך נעם אים אַרום און טוליע אים צו מיר, אַזוי שטאַרק... ער וויינט און באַנעצט מיך מיט זיינע טרערן... און איך בעט אים: „בלייב דאָ מיט מיר", נאָר ער רייסט זיך אויס און אַנטלויפט ווייט, ווייט פון מיר... דערנאָך בענק איך אַזוי נאָך אים, איך בענק שטענדיק נאָך אים...

— און ווען איך וועל אַוועקפאָרן, וועסטו בענקען נאָך מיר, סאַלאַניאַ? פרעגט ער שטיל.

ער דערפילט, ווי סאַלאַניאַ זיצט צוגעטוליעט צו אים און ברייט אים מיט איר הייסן אָרעם. — און ער פּרואווט מאַכן אַ באַוועגונג זיך אָפּצורוקן עטוואָס.

— יאָ... כ'וועל בענקען נאָך דיר, שליאַמקע, אַזוי ווי נאָך מיין ברודער... אָבער גיי ניט אַוועק, זייַ דאָ מיט מיר... וואָס וועסטו מיר ברענגען, שליאַמקע, זאָג, וואָס וועסטו מיר ברענגען?

— איך וועל דיר ברענגען אַ שנור קרעלן... האָסט ליב קרעלן?

— יאָ, נאָר אַ גרויסן שנור זאָלסטו ברענגען, איך זאָל קענען צוויי מאָל אַרומנעמען דעם האַלדז — און שרעקנדיק זיך, טאָמער וועט ער

אוועקגיין, נעמט זי אים צערטלעך ארום, דריקט אים פעסט צו זיך און הייסט אים צומאכן די אויגן, דערנאך זאגט זי שטיל:

— ווילסט, שליאמקע, וועל איך דיר נאך עפעס דערציילן...

— יא, — ענטפערט ער, — און שטיל אומבאוועגלעך ליגט זיין קאפ אין אירע ארעמס. א זיסער אנגענעמער געפיל שטראמט דורך איבער זיין גאנצן קערפער און ברענגט אים אין א לייכטן ציטער... און פון זיינע ליפן קען ער קוים ארויסברענגען דאס איינציקעווארט — דערציילן!

— דו ווילסט נאך ניט שלאפן, שליאמקע?

— ניין.

— וועסט אויסהערן?

— יא!

— נו, שא, הער! שפעטער... גאר שפעטער, איבער א יאר זומער, ווען דו וועסט ווערן א גרויסער... און וועסט קומען צו אונדז, וועל איך בעטן מיין פאפא, און ער וועט מיר קויפן א נייע קלייד... איך וועל רופן מיינע חברטעס און מיר וועלן גיין אנרייסן בלומען, פרישע בלומען, א סך בלומען, ביי אונדז איז דא אזוי פיל! אלערליי: רויטע רויזן, און ווייסע רויזן, ליליען און מארגאריטקעס אן א שיעור! מיר וועלן אויסבינדן לאנגע קרענץ און אויסהענגען ביי אונז אין שטוב. איך וועל אנטון דאס נייע קלייד, דערנאך וועל איך אויסקלייבן די שענסטע קילימס, מיר וועלן אויפשפרייטן און זיך אוועקזעצן, איך וועל אנטון די קרעלן אויפן האלדז, און זאגן מיינע חבר־טעס: „דאס האט מיר מיין חתן געבראכט!" און איך וועל זיצן לעבן דיר און וועל זיין דיין כלה... ווילסט, איך זאל זיין דיין כלה?...

פלוצלינג האט עמיצער א קלאפ געטון אין טויער, זי האט זיך דער־שראקן אומגעקוקט, און גיך איינגערוימט שלומקען אין אויער: — דיין טאטע!

ער האט זיך געשווינד אויפגעהויבן און ארייגעלאפן אין שטוב, האט זיך א ווארף געטון אויפן בעטל און זיך געמאכט שלאפנדיק...

אויף מארגן אין דערפרי, ווען דער וואגן איז שוין געווען איינגע־שפאנט און זיי האבן געהאלטן ביים ארויספארן, האט סאלאניא פארנארט שלומקען אין שטוב אריין, אים ארומגענומען און א קוש געטון, דערנאך האט זי געזאגט שטילערהייט: „זאלסט קומען צו אונדז", — האט זיך גע־זעגנט מיט אים און מיטן פאטער און זיי ארויסבאגלייט פון טויער. —

איפערזוכט

דער צייט, וואס זיי זענען געווען צעשיידט, איז זי ווי יינגער און שענער געווארן. זי איז אלט געווען א יאר פיר און צוואנציק, און ווען ניט איר קינד,

דעם טאג, ווען הערשל צושניידערס ווייב האט באדארפט אנקומען קיין ארגענטינע, איז געווען ביי אים א יום־טוב. נאך צוריק מיט איניקע וואכן פאר איר קומען, האט ער געדונגען פאר זיך א באזונדער הויפל; גע־דענקענדיק נאך פון דער היים, וואס פאר א קאפריזנע זיין ווייב איז, האט ער ניט געוואלט, אז פון דעם ערשטן טאג אן, זאל זי באלד דארפן האבן צו טון מיט פרעמדע שכנים.

פון דער גרויסער סאלע האט ער געמאכט א שניידער ־ טאזשער. די אנטעסאלע און נאך א צימער האט ער גענומען פאר א וואוינונג, און דאס לעצטע צימער האט ער פארדונגען זיינעם א לאנדסמאן, וואס האט ביי אים געארבעט. דאס מעבל און די אנדערע שטוב ־ זאכן האט ער אפ־געקויפט דורך א צופאל ביי א יידישער פאמיליע, וואס האט באדארפט אפפארן. נאר דאס ווייב האט געפעלט צו אכטונג געבן אויף דער באלעבא־טישקייט.

הערשל צושניידער איז געווען אליין א שוואכער. מען האט עס געקענט גאר גרינג זען נאך זיין בלאסן מאגערן פנים,און נאך זיין נידעריקן עטוואס געהויקערטן קערפער, פונם שטענדיקן זיצן. ער איז אבער געווען א גומער בעל ־ מלאכה, וואס האט געשמט מיט זיין ארבעט. ער האט זיך גאר אין א קורצער צייט ארויפגעארבעט און איז אומשטאנד געווען צו שיקן א שיפסקארטע דעם ווייב און עפענען פאר זיך אליין אן אייגענעם טאזשער.

דאס ערשטע מאל, ווען הערשל האט זיך באגעגנט מיט זיין ווייבל לעבן דער שיף, האט ער זיך גאר ניט געקענט אין איר זאט אנקוקן: דורך א יינגעלע פון א יאר זעקס, וואס זי האט מיטגעבראכט מיט זיך פון רוס־לאנד, וואלט מען איר געוויס ניט געקענט געבן מער ווי אכצען יאר.

ער, וועלכער איז געווען עטוואס נידעריקער פאר איר, האט באדארפט אויפהויבן צו איר דעם קאפ יעדעס מאל, ווען ער האט איר געוואלט עפעס זאגן, און זי, א הויכע, א שלאנקע מיט א לויטער ראזן פנים און טונקל בלויע שמייכלענדיקע אויגן, האט מיט איר העלער מונטערער שטים צו־

געצווּנגען יעדערנס אויפמערקזאַמקייט. איבערהויפּט דעמאָלט, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו גייןביידע צוזאַמען.

געקומען אַהיים, האָט הערשל פאַרגרייט אַ גרויסן מיטאָג און עטלעכע טוץ ביר, האָט פאַררופן זיינע קאָלעגן און זיי פאָרגעשטעלט זיין יונג ווייבל, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין איין באַוואונדערן. דערנאָך האָט ער זיי אַריינגעפירט און געוויזן די וואוינונג, דאָס עס - צימער און די דאַרמיטאָריע, וואו עס איז געשטאַנען אַ „דאַבל‟ בעט, פאַרשפּרייט מיט אַ נייער רוימער דעק, וואָס האָט געריסן די אויגן. די קאָלעגן האָבן זיך דערביי געוויצלט אויף הערשלס חשבון:

— יאָ, ער האָט שוין מיט וועמען דאָס בעט צו באַנייען — האָט עמיצער אַ זאָג געטון אין אַ זייט און די אַנדערע האָבן דערביי צוגעשמייכלט...

מען האָט דערלאַנגט עסן, די פּראָבקעס פון די פלעשער ביר האָבן אָנגעהויבן קנאַקן, די פלעשלעך האָבן זיך ביסלעכוויז אויסגעליידיקט. דער עולם איז געוואָרן מונטערער און זיך צעזונגען אויפן קליינשטעטלדיקן שניידערישן שטייגער.

עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. די גרויסע היצן האָבן ווי מיט אַמאָל אויפגעהערט. די טעג זיינען געוואָרן קלענערע און קילערע. דער ווינטער־סעזאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען. די אַרבעט איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער. הערשל האָט אָנגעבראַכט נייע ווינטער - שטאָפן, אויסער דעם איז נאָך צוגעקומען אַרבעט פון די געשעפטן, וועלכע מען האָט באַדאַרפט „עָנטרע־גירן‟ צו דער באַשטימטער צייט. פון אָנפאַנג, ווען דער טאַזשער איז געווען קלענער, פלעגט הערשל שטיין ווי צוגעבונדן צו דער אַרבעט, גלייך מיט די אַרבעטער, נאָר די לעצטע צייט האָט ער דאָס ניט געקענט אויספירן.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַ זונטאָג פאַר מיטאָג, ווען זיין לאַנדסמאַן, דער אַרבעטער וואָס האָט ביי אים אין הויף געוואוינט, איז אַריינגעקומען נאָך זיין שכירות, האָט הערשל, אויסצאָלנדיק אים זיין לוין פאַר דער „קינסענע‟, פאַרפירט מיט אים אַזאַ מין שמועס:

— הער אויס, חייקין, ביז איצט, אַז דו פלעגסט פאַרלירן גאַנצע טעג און ניט קומען צו דער אַרבעט, האָט מיך ווייניק וואָס געאַרט; ס׳איז גע־

ווען ווייניקער ארבעט, און איך אַליין האָב אויך געקענט צוהעלפן, ווען מען האָט באַדאַרפט, אָבער איצט, אין דער צייט פון סעזאָן...

חייקין, אַ יונגער בחור פון אריבער צוואַנציק, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם „קאַסינאַ" און די לאָטעריע צעטלען, האָט אים גלייכגילטיק אויסגעהערט און מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן:

— איך פאַרליר דען אייער צייט?

— יאָ, אמת — האָט אים הערשל נאָכגעגעבן — דו פאַרלירסט דיין צייט, אָבער דו זעסט דאָך, אַז ארבעט איז דאָ איבערן קאָפּ, און דו שלעפּסט זיך אַרום. כ'לעבן, וואָלסט שוין געמעגט ווערן אַ מענטש און אָנהויבן זאָרגן פאַר אַ תכלית, נישקשה, דער גוטער יאָר האָט דיך ניט גע־נומען. אַ פּאָר הענט צו דער אַרבעט האָסטו, און אַ קאָפּ האָסטו אויך אַ גוטן, נאָר ער ליגט דיר ווייסט דער רוח וואו. זאָלסט בעסער אין זינען האָבן צו קומפּלירן דיין אַרבעט.

— וואָס ־ זשע, איך קומפּליר דען ניט מיין אַרבעט? — האָט זיך חייקין אַ כאַפּ געטון ווי באַליידיקט.

— ניין, ווער זאָגט דען, אַז דו קומפּלירסט ניט די אַרבעט? דו פאַר־שטייסט ניט, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן. איצטער איז דער ווינטער־סעזאָן, און אַרבעט איז דאָ גענוג. איך קען ניט זיין שטענדיק אָנגעבונדן ביים טאַזשער, און קיין קאַפּאַטאַס וויל איך ניט צונעמען. איך קען מיך באַגיין אַזוי, נאָר דו, אויב דו זאָלסט וועלן, אַזוי ווי דו ביסט אַ היימישער, וואָלט איך געקענט זיך אויף דיר פאַרלאָזן, ווען איך גיי אַוועק. דו וואָלסט זיך דערווייל געקענט אויסלערנען צו פירן אַליין אַ טאַזשער, און שפּעטער, ווען איך וועל זען, אַז דו פירסט דעם טאַזשער גוט, וועל איך דיר געוויס העכערן.

חייקין איז געבליבן אַביסל ווי צומומלט און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. פון איין זייט האָט עס אים הנאה געטון און פון דער צווייטער האָט עס אים עפּעס ווי געשראָקן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אָנגערופן:

— צוזאָגן אייך און דערנאָך ניט קומפּלירן, וויל איך ניט. איך בין קיינמאָל קיין קאַפּאַטאַס ניט געווען און איך וויל עס ניט זיין, נאָר אָכ־טונג צו געבן אויף דער אַרבעט, דאָס וועל איך זען. כ'וועל מאַכן אַ פּראָבע אין „קינסענע". דערווייל איז היינט זונטאָג, מען דאַרף גיין עסן.

ער האט פארשפילט דעם ראָק און זיך געוואָלט לאָזן גיין, נאָר הערשל האט אים פארהאַלטן:

זיץ אביסל! ס'איז נאך פרוי, וואַרט אוים, אט וועלן מיר נעמען „צו קאפיטשקעלעך''.

הערשל איז צוגעגאנגען צום בופעט און ארויסגענומען א פלעשל מיט צוויי קעלישקעלעך, אוועקגעשטעלט אויפן טיש און גענומען אנגיסן, און ווענדנדיק זיך צו חייקינען, האט ער צוגעוואונטשן:

— נו, לאמיר זיין געזונט!

אויסגעליידיקט ביזן עק און חייקין נאך אים, האט הערשל גענומען אנגיסן אנדערע.

דערוויייל איז אריינגעקומען הערשלם פרוי. דערזעענדיק חייקינען, וואס איז געווען אויסגעפוצט ווי א חתן - בחור, האט זי זיך אביסל פאר־שעמט, און טיטלענדיק אויף הערשלען, זיך אנגערופן:

— קוק אן, ווי ער נעמט אויף א מענטשן! אין שטוב איז ניט אויפ־געראמט, אן איבערקערעניש, און אים ארט עס ניט. אבי ער האט געגעבן בראנפן, פארוואס גיסטו ניט עפעס צובייסן דעם סעניאר חייקין?

— נא אימפארטא! — האט חייקין איר געוואָלט בארואיקן. — דער סעניאר חייקין איז א היימישער, ער וועט זיך ניט באליידיקן, — האט הערשל זיך גענומען פארענטפערן.

די פרוי האט ארויסגענומען פונם בופעט א טעצל מיט געבעקס, אוועקגעשטעלט עס אויפן טיש און א זאג געטון:

— נעמט פארבייסט, סעניאר חייקין!

— גראסיאס! — האט חייקין צוגעשמייכלט און גענומען פארזוכן דאס געבעקס.

הערשל מיט חייקינען זיינען געזעסןביים טיש און דערוויייל גע־רעדט וועגן דער ארבעט און וועגן די באשטעלונגען, וואס זיינען די וואך אריינגעקומען. חייקינען האט אפילו אביסל געלאנגווייליקט, נאר אים האט ניט געפאסט, מער פאר דער פרוי, ווי פאר הערשלען, איבערצולאזן אינ־מיטן די רייד און אוועקגיין. ווען הערשל איז א ווייל שטיל געבליבן האט ער זיך אויפגעהויבן.

די פרוי, וועלכע איז געווען פארנומען מיטן צורוימען, האט עס בא־מערקט, און איז צוגעגאנגען נענטער. פארגלייכנדיק מיט איין האנט די

האר און דאס קעמעלע, וואס האט געהאלטן ביים ארויספאלן, איז זי גע־בליבן אזוי שטיין אנטקעגן חייקינען, און מיט א שמייכל זיך אנגערופן:

— אויב איר ווילט, סעניאר חייקין, קענט איר בלייבן מיט אונז מיטאג עסן.

— טאקע, בלייב דא אויף מיטאג, חייקין, וועט זיין היימלעכער, — האט אים הערשל געפרואווט צורעדן.

— נא, גראסיאס, איך האב מיר מיין רעסטאראן, וואס איך עס דארטן אויפן מאנאט, נאך וואס זאל איך אים שענקען א אומזיסטיקן מי־טאג. ער וואלט דאך מיר קיין אומזיסטיקן מיטאג ניט געגעבן, — האט ער זיך געוויצלט און געוואלט זיך געזעגענען.

די פרוי האט א שמייכל געטאן און זיך אנגערופן:

— מיט געוואלט וועל איך אייך ניט פארהאלטן; נאר איך האב געוואלט, אז דער סעניאר חייקין זאל אמאל פארזוכן מיינעם א אנבייסן. איך גלויב, ער איז ניט ערגער ווי אין די רעסטאראנען.

נו, יא, וואס קען עס דיך ארן? האט הערשל אונטערגעכאפט.

— אז איר בעט מיך אזוי, וועל איך אייך צוליב טון — האט חייקין ווי פארשעמט געענטפערט — איך האב שוין טאקע פון לאנג קיין היימישן אנבייסן ניט געגעסן.

פון יענעם טאג אן, איז עס געווארן ווי א געוואוינהייט אריינצושיקן יעדן זונטאג גאנץ פרי דאס קינד צו חייקינען אים זאגן, ער זאל אריינקו־מען מיטאג עסן.

פון אנפאנג, נאך אין די ערשטע פאר וואכן, האט הערשל דערזען, ווי זיין לאנדסמאן איז מיט אמאל אן אנדער מענטש געווארן. עפעס האט זיך אין אים געמערקט א מאדנע ערנסטקייט, סיי צו אים און סיי צו זיינע קאלעגן, ער האט זיך מיט א באזונדער פלייסיקייט גענומען צו דער אר־בעט, און האט דורך דער גאנצער „קינסענע" קיין איין טאג ניט פארפעלט, וואס דאס איז געווען ביי אים א זעלטנהייט. אפילו ביינאכט פלעגט ער ניט אוועקגיין, נאר זיצן ביי זיך אין צימער און לייענען עפעס א צייטונג. ער פלעגט אפט אריינגיין צום באלעבאס. ווען הערשל איז געווען אין דער הייב, פלעגן זיי שפילן אין דאמקע, און ווען ניט, פלעגט חייקין זיצן און ריידן מיט דער פרוי, איר אויספרעגן: ווי עס לעבט זיך אין רוסלאנד, און צי קען מען נאך געפינען דארט עפעס א פיינע כלה, וואס זאל זיין גע־

ראטן אין דער סעניארא...

אזוי איז אוועקגעגאנגען א קורץ שטיקל צייט, און הערשל האט שוין געהאלטן ביים דערפילן דאס, וואס ער האט חייקינען צוגעזאגט, העכערן אים די פרייז. אבער א זייטיקער אומגערעכטער צופאל האט זיך פלוצלינג אריינגעמישט.

איינמאל אין א גאנץ פרי נאך א יום־טוב טאג, איז הערשל אריינגעקומען אין טאזשער און דערזען, אז חייקין איז ניט געקומען. ער איז צוגעגאנגען צו זיין צימער, א קוק געטון דורך די פענצטער, אפשר שלאפט ער. אבער קיינער איז ניט געווען, דאס בעטל איז געווען פארשפרייט און די טיר פארשלאסן. עס האט געדויערט ביז מיטאג און חייקין איז ניט געקומען. הערשל איז אוועקגעגאנגען אין די געשעפטן און דערנאך, ווען ער האט זיך צוריק אומגעקערט, האט ער אים שוין געטראפן זיצן ביים ניי־מאשין.

דערזעענדיק חייקינען, האט הערשל אים מיט א געמאכטער גלייכגילטיקייט א פרעג געטון:

ווי קומט עס, וואס דו האסט היינט ניט געגעכטיקט אין דער היים?

— איך האב פארגעסן מיטצונעמען דעם שליסל פון דער גאסנטיר און קלאפן האב איך ניט געוואלט, ביז איך צוגעגאנגען צו מיינעם א באקאנטן און דארטן גענעכטיקט, — האט חייקין זיך פארענטפערט.

הערשל האט געוואלט ביי אים נאך עפעס פרעגן, נאר קענענדיק חייקינען פון פריער, האט ער זיך בארעכנט, אז ס'איז גלייכער וואס ווע־ניגער אים אויסצופרעגן. ער האט גענומען איבערקוקן די פארטיקע ארבעט. לאנגזאם האט ער צענומען יעדער סאק און יעדע פאר הויזן, זיך צוגעקוקט, צי פעלט ערגעץ ניט עפעס וואס. חייקין איז געזעסן ביי דער מאשין און אים נאכגעקוקט. פלוצלונג האט ער דערזען, ווי הערשל, וועלכער האט געהאלטן אין באטראכטן א פאר הויזן, האט זיך עפעס שטארק צוגעקוקט צו איין ארט, און ארויסגעברומט:

— גע'פטר'ט א פאר הויזן!

חייקין האט זיך געמאכט ווי ניט זעענדיק און גענומען נייען אויף דער מאשין. הערשל איז צוגעקומען און ווייזנדיק אים די הויזן, האט ער זיך אנגערופן:

— זע נאר, ווי קומט עס? א לאך אויסגעברענט!

חייקין האט זיך אויפגעהויבן, א קוק געטון וואו הערשל האט אים אנגעוויזן. פונקט נעבן דער קני איז געווען אויסגעברענט א שטיק דורך און דורך. ער האט א ווײַלע געשוויגן, דערנאך האט ער א קנייטש געטון מיט די אקסלען:

— איך ווייס אויך ניט, ווער ס'האט עס אויסגעברענט.

הערשל האט זיך אומגעקערט און אנגעהויבן אויספרעגן די ארבעטער. אבער יעדער האט אים געגעבן דעם זעלבן ענטפער: — כ'ווייס ניט.

— קיינער ווייסט ניט, און א לאך איז אויסגעברענט! — האט הערשל מיט כעס ארויסגעברומט.

— זעסט! דאס איז איבער דיין אוועקגיין! — האט ער זיך צו חיי־קינען מיט פארדרוס אנגערופן, — פאר דרייסיק פעזאס א פאר הויזן! בײַ וועמען זאל איך זיי מאנען?

דורך דער טיר פון אנטעסאלע, וואס איז געשטאנען אפן האט די פרוי ארײַנגעקוקט, און דערזעענדיק הערשלען, ווי ער קאכט זיך אזוי, האט זי פון ווייטן זיך צו אים אנגערופן:

— וואס שרײַסטו אזוי? וואס מאכסטו אזעלכע גוואלדן, קענסט ניט רײדן אביסל שטילער?

— נא! מעגסט שוין אינגאנצן די הויזן פארברענען! — האט ער האסטיק צונויפגעוויקלט די הויזן און זיי געטון א ווארף צו איר זײַט.

די פרוי האט פארהאקט די טיר און איז שעמעוודיק אוועק.

פון דעם פאל אן איז חייקין אין די אוונטן מער ניט ארײַנגעגאנגען צו הערשלען.

זונטיק פאר מיטאג האט חייקין דערהערט, אז מען קלאפט בײַ אים אין טיר. ער איז צוגעגאנגען און דערזען הערשל'ס אינגעלע:

— די מאמא האט געזאגט, איר זאלט ארײַנגיין עסן. — האט דאס קינד ארויסגערעדט.

— זאג דער מאמא, אז איך וויל ניט עסן — האט ער זיך צום קינד אנגערופן און פארמאכט די טיר.

ווען דאס קינד איז ארײַנגעקומען און איבערגעגעבן דער מוטער חייקינס ענטפער, האט זי מיט א ברוגזלעכן טאן ארויסגערעדט:

— זעסט, דאס האסטו מיט דײַן זידלען... וועסט נאך פועל'ן, אז

ער וועט איינגאַנצן אוועקגיין.

הערשלען האָט עפּעס ווי אַ טיאַכקע געטון אין האַרצן. — אויף אים איז צו גלויבן, — האָט ער זיך געטראַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריינגעגאַנגען צו חייקינען.

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש חייקין? — האָט זיך הערשל צו אים גוטברודערלעך געווענדט, — דו וואַרטסט, מען זאָל דיך בעטן? קום אַריין עסן, הער אויף צו מאַכן פּוילע שטיק! וואָס איז דאָרט אַזוינס, אַז כ'האָב אַ זאָג געטון אַ וואָרט, כאַפּט דער רוח די הויזן! קום, דאָס עסן שטייט שוין אויפן טיש, אסתר זיצט דאָרטן און וואַרט.

דערהערנדיק דעם נאָמען, האָט חייקין זיך אויפגעהויבן און איז ווי שעמעוודיק אים נאָכגעגאַנגען.

די גאַנצע צייט ביים טיש זיצנדיק, האָט הערשל געזוכט, דורך פאַר־שידענע אויסרעדן, צו פאַרריכטן און גוטמאַכן דאָס, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען, אָבער עס האָט זיך אים אַלץ ניט איינגעגעבן: חייקין האָט געגעסן שווייגנדיק, כמעט ווי געצוואונגענערהייט.

נאָך מיטאָג האָט זיך חייקין אויפגעהויבן און געוואָלט אוועקגיין. אסתר, וועלכע האָט די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט זייער שמועס און געזען, אַז הערשל'ס צושמייכלען זיך האָט קיין שום ווירקונג ניט געהאַט, האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס איילט איר אייך אַזוי, סעניאָר חייקין? זיצט נאָך אַביסל, דער טאָג איז נאָך גרויס, איר'ט נאָך אָנשפּעטיקן.

— נאַ, גראַסיאַס, סעניאָראַ, איך מוז שוין גיין, איך וויל מיך באַ־זאָרגן אויף היינט ביינאַכט מיט אַ בילעט אין טעאַטער.

דאָ איז פּלוצלונג הערשלען איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ פריינטלעכן טאָן אַ פרעג געטון: — וואָס שפּילט מען היינט אין טעאַטער?

— „באַרג מיר דיין ווייב" — האָט חייקין געענטפערט.

— נעם בילעטן פאַר אונז אַלע דריי — האָט הערשל מיט גדלות אַרויסגערעדט און געוואָלט אים געבן געלט.

— גוט, זאָל זיין, איך וועל אויסלייגן, איר וועט מיר דערנאָך אומ־קערן — האָט חייקין געענטפערט און אַוועקגעגאַנגען.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט זיך אַ גליקלעכער שמייכל צעגאָסן איבער

הערשל׳ס פנים. — נאָ, זאָל ער זען אַז איך בין ניט ער, — האָט ער זיך ווי מיט אַ נצחון אַנגערופן צום ווייב.

— אודאי, ווען דו זאָלסט זיך אָבער ניט געווען פריער זידלען מיט אים, וואָלסטו זיך דערנאָך פאַרשפּאָרט איבערצובעטן. — האָט די פרוי אים פאַרגעוואָרפן, צונעמענדיק פון טיש.

אויף דער נאַכט האָט חייקין געבראַכט די „ענטראַרעס״, אויסגע־קליבן גוטע זיצן. הערשל איז געווען זייער צופרידן, וואָס דער איינפאַל האָט זיך אים איינגעגעבן.

די נאַכט איז געווען אַ ליטערע, אַ אויסגעשטערנטע. דאָס וועטער איז געווען קיל און טרוקן. די גאַסן האָבן גערוישט פון די קאַטשן און אויטאָמאָבילן.

— מיר וועלן מוזן נעמען דעם טראַמוויי, — האָט הערשל זיך אָנ־גערופן, האַלטנדיק שטייף דאָס קינד ביי דער האַנט.

— יאָ, ס׳ווערט שפּעט, און אויף אַ לעדיקן אויטאָמאָביל וועלן מיר זיך ניט דערוואַרטן, — האָט חייקין צוגעגעבן.

— אָט גייט דער נומער ניין און ניינציק! — האָט די פרוי אָנגע־וויזן אויף דעם אָנקומענדן טראַמוויי און זיך געלאָזט צוגיין.

פריער איז אַרויפגעגאַנגען הערשל, וואָס האָט געפירט דאָס קינד און פאַרנומען איין בענקל. דערנאָך חייקין מיט אסתר׳ן, און האָבן פאַר־נומען דאָס צווייטע הינטער הערשלען מיטן קינד.

דערזעענדיק צוקומען דעם קאָנדוקטאָר, האָט חייקין שנעל אַרויסגע־נומען דעם טייסטער: — „פיער״ — האָט ער אַ זאָג געטון צום קאָנדוק־טאָר, אָנווייזנדיק אויף די בענקלעך.

דער קאָנדוקטאָר האָט אָפּגעריסן פיר בילעטן און זיי אים דערלאַנגט. אין דער זעלבער צייט, איז אומגערן אַראָפּגעפאַלן אסתר׳ס אַ הענדשקע. דער קאָנדוקטער האָט עס באַמערקט, האָט אויפגעהויבן די הענטשקע, און זיך געווענדט צו חייקינען, וועלכער איז נעבן איר געזעסן.

— מיר דאַכט, די הענטשקע איז אייער פרוי׳ס?

— גראַסיאַס, — האָט אים חייקין שמייכלענדיק באַדאַנקט.

הערשל איז געזעסן און דאָס אַלעס צוגעקוקט מיט פאַרדרוס. אים האָט געוויייטיקט, וואָס דער קאָנדוקטער האָט אים פאַרביטן, אָבער ער וועט דאָך ניט נעמען און אויסשרייען פאַר אַלע, אַז דאָס איז זיין פרוי,

ניט חייקינס...

געקומען אין טעאַטער, האָט חייקין איבערגעגעבן די בילעטן דעם „מאסא" וואס האָט זיי די בענקלעך אנגעוויזן, און דערפאַר באַצאָלט „פּראָפּינא". הערשל האָט זיך אוועקגעזעצט פון איין זייט, חייקין פון דער אנדערער און די פרוי אין מיטן. דאָס קינד האָבן זיי געהאַלטן לע־בן זיך.

אזוי ווי חייקין איז געווען מער געניט פאַר הערשלען אין טעאַטער, האָט ער די גאַנצע צייט פונם שפּילן געהאַלטן מיט אסתר'ן אין איין רעדן, ערקלערנדיק איר די „האַנדלונג" פון דער פּיעסע.

צווישן די אַנטראַקטן איז מען אריינגעגאַנגען אין בופעט טרינקען אַ קאַווע. חייקין האָט ארויסגענומען אַ פינפערל און געגעבן דעם מאסא אויסצובייטן. דערנאָך, ווען יענער האָט אים געוואָלט צוריקגעבן דאָס רעשט־געלט, האָט דאָס קינד אויסגעשטרעקט דאָס הענטל.

דער מאסא, וועלנדיק זיך צושמייכלען צוליב „פּראָפּינא", האָט אי־בערגעגעבן דעם קינד דאָס געלט, און מיט אַ שמייכל זיך אַנגערופן, אַנווייזנדיק אויף חייקינען:

— גיב עס אָפּ דעם טאַטן!

חייקין האָט צוגענומען דאָס געלט, איבערלאָזנדיק אים אַ ניקל „פּראָפּינא", און זיי זענען צוריק אריין אין טעאַטער.

ווען אין טעאַטער איז טונקל געוואָרן, און אויף דער בינע האָבן זיך אָנגעהויבן די געלעבטערם מיטן דרייעניש אריין און ארויס, האָט הערשלען גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און ווי פון הינטער דער ערד איז פאַר אים אויסגעוואַקסן דער קאָנדוקטער מיט דער הענטשקע, וואָס האָט אים אינגאַנצן צוטומלט, און אים האָט שוין באַנג געטון, וואָס ער האָט גע־הייסן חייקינען ברענגען „ענטראַדאס"...

ער איז געזעסן און צוגעקוקט מיט קנאה, ווי חייקין האָט זיך צוגע־רוקט גאַנץ נאָענט, כמעט צוגעטוליעט, צו אסתר'ן און געהאַלטן אין איין רעדן מיט איר, און זי, אַ אויפגעלעבטע פון פרייד, האָט מיט פאַרגעניגן צו אים געשמייכלט. ער האָט געזוכט ביי זיך אין געדאַנק עפּעס אַ וואָרט, מיט וועלכן ער זאָל זיי קענען איבעררייסן. ענדלעך האָט ער זיך געווענדט צו חייקינען:

— וויפיל האָסטו באַצאָלט פאַר די ענטראַדאָס?

— איך וועל אייך שוין זאגן אין דער היים — האט חייקין לאקאניש געענטפערט און ווייטער געקוקט צום שפילן.

— אט איז ער אריין מיט די ענטראדאס! — האט זיך די פרוי גע־בייזערט.

הערשל איז קוים אויסגעזעסן ביז דאס שפילן האט זיך געענדיקט. אהיים קומענדיק, האט ער, ווי א פארמאטערטער, אראפגעווארפן פון זיך דעם קאפעלוש און דעם קאלנער מיטן קראוואט, וואס האט אים געווארגן, און מיט כעס ארויסגערעדט:

— מער וועל איך די נארישקייטן ניט טון...

די פרוי האט זיך געהאלטן אין איבערטון. זי האט זיך אומגעקוקט און א פרעג געטון:

— וואס פאר א נארישקייט? צו וועמען רעדסטו?

— צו זיך. אזוי, דער רוח האט מיך געטראגן צו גיין מיט אים אין טעאטער — האט ער צארנדיק ארויסגעברומט.

— דו ביסט נאך גערעכט, דיר קומט נאך ארוים — האט די פרוי מיט פארדרוס זיך אנגערופן, און, קוקנדיק אויף אים מיט פאראכטנדע בליקן, האט זיך ארויסגערעדט: — א מענטש זיצט נעבן מיר די גאנצע צייט און שווייגט, ווי א תם... האט זיך איינגעניורעט, אז מען זעט אים ניט ארויס... און האט מורא א ווארט ארויסצורעדן... מען קען מיט דיר קומען צווישן מענטשן? ס׳איז דאך מיר געווען א פינצטערער בזיון, כ׳האב דעם קאפ ניט געקענט אויפהויבן.

— וואס האב איך באדארפט רעדן, אז חייקין האט שוין גערעדט פאר מיר... — האט הערשל איר שטעכנדיק צוגעווארפן.

— וואס־זשע מיינסטו? אזא גוט יאר אויף מיר, ווי ער איז קליגער און אינטעליגענטער פאר דיר, — האט די פרוי אים אויף צו להכעיס געענטפערט.

— אזוי... פון דעסטוועגן, אז דו דארפסט א קלייד, אדער א מאנטל, קומסטו צו מיר, איך זאל דיר מאכן, — האט הערשל ווי ניט ווילנדיק ארויסגערעדט.

אסתר האט זיך מער ניט געקענט צוריקהאלטן און האט מיט איר גאנצן צארן אויפגעברויזט:

— מאך מיר ניט מער, דו הערסט! איך וועל בעסער גיין בארוועס

און נאַקעט, איידער צו האָבן אזא פאַרזעעניש, אזא תם, ווי דו, פאַר א מאַן...

זי האָט דערפילט, ווי די טרערן שטיקן איר אין האַלדז, האָט זיך א וואָרף געטון אויף א שטול, איינגראָבנדיק דאָס פּנים אין ביידע הענט, האָט זי אויסגעבראָכן אין א שטיל געוויין, וואָס האָט זיך צעטראָגן מיט באַנגלעכן אומעט אין דער נאַכטיקער שטילקייט.

נאכוואָרט

בראָדסקים לויה

די וואַרימע פריינטלעכע סימפּאַטיע, די אויפמערקזאַמקייט צו זיין שאַפן נאָך וועלכע אהרן בראָדסקי האָט זיין גאַנצן שווערן און איינזאַמען לעבן אומזיסט געבענקט און געלעכצט, האָט ער ערשט געפונען נאָך זיין טוידט.

עס איז געווען אַנ'אמת'ע אַנטפּלעקונג פאַר אַלע פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און פאַר די פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם דער גרויסער רושם, וואָס זיין טוידט האָט געמאַכט אויף דער יידישער געזעלשאַפט אין אַרגענטינע.

עס איז די בייזע איראָניע פון בראָדסקים טראַגישן גורל, וואָס ערשט דער טוידט האָט אים געבראַכט די פאַרדינטע אַנערקענונג.

הונדערטער מענטשן האָבן באַגלייט די מטה פון דעם פאַר־שטאָרבענעם צו זיין אייביקן רו.

אַזוי שנעל ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה וועגן דעם טוידט פון אהרן בראָדסקי, וואָס איז געקומען נאָך אַ מאָנאַטן־לאַנגער פאַרצערנדער קראַנקייט, האָבן די יידישע שריפט־שטעלער באַשלאָסן איבערצופירן זיין קערפּער פון יידישן האָספּיטאַל אין דעם לאָקאַל פון דער פרייער יידישער ביבליאָטעק.

הונדערטער יידישע לעזער זיינען געקומען זעגענען זיך מיט דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער־מאַרטירער, וואָס האָט איינ־זאַם געלעבט און איינזאַם געשטאָרבן.

בראָדסקים לויה, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 30־טן אויגוסט 1925, איז געווען אַנ'אמת'ע מאַניפעסטאַציע פון פאָלקס־טרויער.

קיינער האָט ניט געקענט פאָרשטעלן זיך, אַז דער טוידט פון

דעם איינזאמען שרייבער וועט געפינען אזא אפקלאנג אין די הער־צער פון אזוי פיל לעזער־פריינט וועגן וועלכע עס האט ניט גע־וואוסט ביי זיין לעבן דער דיכטער־מארטירער.

הונדערטער פרויען און מענער האבן ארומגערינגלט דעם מיט בלומען־באצירטן קבר פון דעם פריצייטיק אומגעקומענעם אין נויט און דחקות שריפטשטעלער.

ביים אפענעם קבר זיינען געהאלטן געווארן רעדעס פון ל. מלאך און מ. רעגאלסקי.

דער לעצטער האט צווישן אנדערעם געזאגט:

„טייערער בראדסקי, מיר ווייסן אלע, אז דער גרויזאמער גזלן דער טוידט, וואס האט אפגעשניטן דיין לעבן, איז געווען רחמנות'דיק און בארעמהערציק צו דיר. ער האט דיך באפרייט פון די שווערע יסורים און ליידן פון די לעצטע חדשים פון דיין פיזישער גסיסה.

דו, וועלכער ביסט געווען באזיגט ביי דיין לעבן, האסט טריאומפירט ביי דיין טוידט, דיך רינגלען איצט ארום בלומען און פרויען נאך וועלכע דו האסט אומזיסט געבענקט ביים לעבן.

דער גוטער גאט, וואס האט דיר געשאנקען די נשמה פון א דיכטער, דעם טאלאנט פון א שאפנדן פאעט, האט דיר אבער ניט געגעבן דעם כח, וועלכער איז נויטיק דורכצו־שלאגן זיך דעם וועג צו ערפאלג אין לעבן.

טאלאנט דארף ווי א צארטע בלום האבן זון, ליכט, לופט, דעם ערמוטיגנדן שמייכל פון א ליבנדער פרוי און דו ביסט פון דעם אלעם בארויבט געווען.

ארימער בעטלער־פרינץ! מיט א געבויגענעם רוקן, אין די בגדים פון א בעטלער איז ארומגעגאנגען צווישן אונדז, א גייסטיקער פרינץ, וועלכער האט אין זיין הארץ געטראגן דעם שענסטן חלום פון דער איידלסטער, העכסטער פרויען־ליבע, וואס האט געטרוימט וועגן זיין דולצינעא טאמארא.

איך ווייס ניט קיין צווייטן ביישפּיל אין דער ליטעראטור, סיידן דעם רוס טורגענעוו, וועלכער האָט געהאַט אזא הייליקע באַציונג צו פרויען־ליבע ווי בראָדסקי, וועלכער האָט אין זיין נשמה געטראָגן דעם שיינעם, ליכטיקן טרוים פון געטלעכער ליבע.

מיט ווייטיק שטייען מיר ביי דיין קבר. ווען דו וואָלסט בייט לעבן געהאַט די אנערקענונג, וואָס דו האָסט געפונען ביי דיין טוידט, ווען דיך וואָלט אין דיין לעבנס וועג באַגלייטן דער ערמוטיגנדער שמייכל פון די פרויען, וואָס האָבן זיך פארזאמלט ביי דיין קבר, ווער ווייסט, וואָס פאר א שאַפונגסקוואלן עס וואָלטן זיך געעפנט אין דיין שיינער, דיכטערישער נשמה.

זיי אונדז מוחל, אָרימער טרוימער, מיר האָבן דיך ניט שטענדיק פארשטאַנען ביים לעבן און אפטמאָל באַצויגן זיך מיט אַ סקעפּטישן שמייכל צו דיינע ריינע קינדער־חלומות.

דיין העכסטער שטרעבן איז געווען, אז דיין לעבנסווערק, דיין טאַמאַראַ, זאָל דערזען דעם שיין פון דער ליכטיקער וועלט.

ביי דעם אָפענעם קבר גיבן מיר די שבועה, אז דיין גייסטיקע ירושה זאָל ניט גיין פארפאַלן און דיינע ווערק זאָלן קומען אין די הענט פון דעם לעזער.

און לעזנדיק דיין ווערק, דו אידעלער ריטער פון טאַמאַראַ, וועט אַ צאַרטע פרוי, וואָס וועט דערפילן די שיינקייט פון דיין פּאָעטישן פרויען־חלום קומען אויף דיין קבר און וועט אוועקלייגן דעם בלום, וואָס דער לעבן האָט דיר ניט געגעבן, דו אָרימער קינסטלער־מאַרטירער."

די שבועה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף בראָדסקים קבר ווערט איצט דערפילט.

צום ערשטן יאָרצייט פון זיין טוידט שטייט נאָך ניט קיין

שטיין־מצבה אויף זיין קבר. אבער מיר האָבן אים געשטעלט א לאנג־דויערנדע לעבעדיקע מצבה פון זיינע ווערק, וואס ווען אומ־פארגעסלעך מאכן זיין נאמען און נעמען אים אריין אין דער משפחה פון די יידישע שאפנדע גייסטער, וואס האָבן בייגעטראָגן פאר דער שאפונג פון דער יידישער ליטעראטור.

דער בראדסקי־קאמיטעט, וואס איז אנטשטאנען לויט דער איניציאטיוו פון דער „אידישער צייטונג" מיט דער באטייליקונג פון פארטרעטער פון יידישן ליטעראטן־פאריין, האָט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו פאעפנטלעכן דעם וויכטיקסטן טייל פון דער גייסטיקער ירושה פון דעם פארשטאָרבענעם שריפטשטעלער.

דער ווארימער אפרוף פון די לעזער פון דער „יידישער צייטונג", וועלכע האָט געעפנט די זאמלונג פארן בראדסקי־פאָנד האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו שאפן א גרויסן טייל פון דער סומע, וואס איז נויטיק געווען פאר דער אויסגאבע פון דעם פארליגנדן באנד.

זאל עס פארצייכנט ווערן, אז אין דער דאזיקער סומע גייען אויך אריין הונדערט מיט עטלעכע און זעכציק פעזאס, וואס זיינען פארבליבן פון דעם פארשטארבענעם, וועלכער האָט פון זיין טרו־קענעם שטיקל ברויט אפגעשפארט אויף ארויסצוגעבן זיינע ווערק. די דאזיקע סומע איז איבערגעגעבן געווארן דעם קאמיטעט פונם ה' פ. גאמבערג.

מיט דעם ערשיינען פון דעם פארליגנדן באנד שריפטן פון דעם טראגיש־אומגעקומענעם שריפטשטעלער האָט דער בראדסקי־קאמיטעט פארענדיקט זיין אויפגאבע און ערפילט זיין הייליקן חוב פאר דעם אנדענקען פון א דיכטער־מארטירער, וואס האָט ניט זוכה געווען ביים לעבן צו זען די פרוכט פון זיין ארבעט.

די ריינע הכנסה פון דעם בוך וועט באשטימט ווערן אויף צו שטעלן א מצבה אויפן קבר פון דעם פארשטארבענעם שריפט־שטעלער.

דער בראָדסקי - קאָמיטעט.